STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06355

BELZEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעלזען

דאָס דאָזיקע בוך האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע:

(א) צו פאַרעפנטליכן אַ ריי געזאַמלטע מאַטעריאַלן פון פאַר־און־נאָך דער באַפרייאונג פון בעלזן;

(ב) צו געבן אַ בילד פון דער מערקווירדיקער אויטאָנאָ־מער אידישער קהילה, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין בעלזען נאָכן אומקום פון אייראָפּייאישן אידנטום;

(ג) איבערצולאָזן אַ זכר פאַר די קינדער, וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן אין בעלזען, און פאַרן גאַנצן קומענדיקן דור.

דאָס בוך איז ניט נאָר אַ חשבון פון אומקום, נייערט אויך אַ באַשרייבונג פון אויפקום.

די אַרויסגעבער.

בעלזן

אַרויסגעגעבן דורך דעם

ארגון שארית הפליטה מהאיזור הבריטי,

ישראל.

קאָפּירייט 1957

אַלע רעכט פון דעם דאָזיקן בוך געהערן
דעם ארגון שארית הפליטה מהאיזור
הבריטי, רחוב החלוצים 2, תל אביב, ישראל

די גאַנצע הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז
באַשטימט פאַר דער גמילות חסד קאַסע ביים
ישראל פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה פון
דער בריטישער זאָנע.

שער־בלאַט פון אלחא

געדרוקט אין ענגלאַנד ביי נאַראָד פרעס, 131־129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, איסט 1.

אינהאלט

זייט

די געלע לאַטע 15
ה. לייוויק

עס ברענט ברידערלעך, ס ברענט 18
געבירטיק

באַראַקן־ליד 21
אסתר שטוב

זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג 22
הערש גליק

הקדמה 24
נחום גאָלדמאַן

אונזער בעלזען 28
יוסף ראָזענזאַפט

בעלזען — דער סימבאָל פון אידישן אויפקום 57
נאָרבערט וואָלהיים

דער 15־טער אַפּריל 1945 69
דעריק סינגטאָן

זכרונות פון בעלזען 81
נח באַרו

באַפּרייט — אָבער ניט פריי 87
אלעקס ל. איסטערמאַן

בעלזען, אַפּריל 1945 94
בריגאַדיר־גענעראַל ה. ל. גלין יוז

קינדער אין בעלזען 98
הדסה בימקא־ראָזענזאַפט

אַ מעדיצינישע עקספּערטיזע איבער בעלזען 109
דר. וו. ר. פ. קאָליס

פון די קברים צו אַ נײַ לעבן 116
הרב דר. צבי עזריה (העלפגאָט)

דער ויכוח אַרום די קינדער פון דער שארית הפליטה 124
ש. אַדלער־רודעל

זייט

דאָס טאָג־טעגליכע לעבן אין בעלזען 129
שמואל וויינטרויב

אונזער צווייטער געבורטסטאָג 134
פאול טרעפמאַן

אידיש טעאַטער אין בעלזען 136
זאמי פעדער

דער בעלזענער פּראָצעס 142
שמואל גאָלדשמידט

יורידישע הילף אין בעלזען 150
ה. ג. וואַן דאַם

אַן אַמעריקאַנער אין בעלזען 154
ווידא קאופמאַן

אידישע דערציאונג אין בעלזען 158
מ. לובלינער

שילער און לערער אין בעלזען 164
פנחס וואַרשאַווסקי

די קולטורעלע באַפרייאונג פון בעלזען 167
יוסף פרענקעל

אַ שליח אין בעלזען 180
צמח צמריון (האַלפּערן)

דאָס רעליגיעזע לעבן אין בעלזען 185
אפרים לאַנדנער

דער ארגון שארית הפליטה אין ישראל 189
רפאל אָלעווסקי

בעלזען אויף די בערג פון יהודה 193
מלך ראוויטש

יער בעלזען 197

צוגאָב:

די לייטונג פון בעלזען 199
בעלזענער אינסטיטוציעס 201
פּאַרטייטשונגען 202
אינדעקס 205
לאַנדקאַרטעס פון בעלזען

אילוסטראציעס

	זייט
דער אידישער דיינקמאַל אין בעלזען	11
דר. נח באַרו	13
עמבלעמע	14
טיטלבלאַט פון לידער־זאַמלונג	17
דער קרעמאַטאָריום אין בעלזען	20
דר. גאָלדמאַן אויף די מאַסן־קברים	25
די בײדלאַך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער	26
יוסף ראָזענזאַפט פירט דעם פאָרזיץ אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט	32
די קברים פון די קדושים אויף ליבעקער בית־עולם	35
קאָלאָנעל ראָבערט סאָלאָמאָן אין בעלזען	36
דר. יוסף שוואַרץ	37
די אידישע „די.פּי."־פּרעסע	40
די אידישע פּאָליציי אין בעלזען	41
ערל ג. העריסאָן	42
עליה פון בעלזען	44
בעלזענער דעלעגאַציע אין מאָנטרע	46
עדווארד מ. מ. וואַרבורג	47
דעלעגאַטן־קאַרטע צום צווייטן קאָנגרעס פון באַפרייטע אידן	48
דעלעגאַטן ביים צווייטן קאָנגרעס	49
דאָס רונדע הויז	50
פּראָטעסט קעגן אומקער פון „עקזאָדוס"	52
דער אינטערנאַציאָנאַלער דיינקמאָל אין בעלזען	54

זייט

נר תמיד ביים אַריינגאַנג צום רונדן הויז 55

אַ מינוט שטילשווייגן אויף די מאַסן־קברים אין בעלזען 56

נאָרבערט וואָלהיים אויף אַ מיטינג אין בעלזען 62

די מעפּילים פון „עקזאָדוס“ 64

ערב דער באַפרייאונג 74

דערעפענונג פון צווייטן קאָנגרעס פון די באַפרייטע יידן 83

דר. נח באַרו איף אַ מאַסן־מיטינג אין בעלזען 85

העקטאָר מאַקניל 90

בריטישע מיניסטאָרן אויף אַ באַזוך אין בעלזען 91

בריגאַדיר־גענעראַל ה. ל. גלין יוז 96

אידישע קינדער אין בעלזען 99

גימנאַסטיק אין בעלזענער קינדער־גאָרטן 100

לאַכעדיקע קינדער אין בעלזען נאָך דער באַפרייאונג 101

אַ גרופּע פון קינדער־טראַנספּאָרט 102

נאָך אַ גרופּע פון קינדער־טראַנספּאָרט 103

דער גלין יוז האָספּיטאַל אין בעלזען 106

די דאָקטוירים פון בעלזענער האָספּיטאַל 106

די טאָוולען אויף די מאַסן־קברים אין בעלזען 118

ציוניסטישע יוגנט אין בעלזען 120

בעלזענער עלטערן געזעגענען זיך מיט אַ זון 121

פון בעלזען צו אַ ניי לעבן אין ישראל 122

די באַשולדיקטע אין האַנאָווער פּראָצעס 126

אַן עס־קאַרטע 130

יוסף ראָזענזאַפט און אַ פּאַטריאַרכאַלער איד אין בעלזען 131

אַ גרופּע בעלזענער מיט דר. יוסף שוואַרץ 132

דער „קאַצעט“־טעאַטער אין בעלזען 137

פּלאַקאַט פאַרן „פאַר׳כישופ׳טן שניידער“ 139

זייט

סצענע פון „צוויי הונדערט טויזנט" 140

בעת אַ הפסקה אויפן בעלזענער פּראָצעס 143

טאָוול ביים אַריינגאַנג צו בעלזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער 147

אַ בעלזענער שול 159

גימנאַסטיק אין בעלזענער גימנאַזיע 160

דער דיפּלאָם פון בעלזענער גימנאַזיע 161

די פּענער פון בעלזענער שולן 163

די בעלזענער ביבליאָגראַפיע 169

דער ערשטער נומער פון דער בעלזענער איד. צייטונג 172

די שריפט פון דער בעלזענער איד. צייטונג 173

דוד ראָזענטאַל׳ס אַרטיקל אין בעלזענער איד. צייטונג 174

דוב לאופּער׳ס אַרטיקל אין בעלזענער איד. צייטונג 175

די אָפיציעלע צייטונג פון די באַפרייטע אידן 176

אויסגאַבע פאַר די געמיינדעס 177

באַריכט צום „די.פּי.״־קאָנגרעס 178

בראָשור וועגן דער „קריסטאַל נאַכט" 179

די אידישע בריגאַדע אין בעלזען 180

וואַל־ליסטע אין בעלזען 183

זעלנער פון דער איד. בריגאַדע לייגן אַ קראַנץ אין בעלזען 184

חתונה־שיין פון איד. צענטראַל קאָמיטעט 186

די בעלזענער רבנים 186

בעלזענער דעלעגאַציע ביים פּרעזידענט פון ישראל 190

די דעלעגאַציע מיטן פּרעזידענט 190

אַ מתנה פון די בעלזענער פאַרן פּרעזידענט 191

„אונזער חורבן אין בילד" 192

יער בעלזען — יוסף ראָזענזאַפט פלאַנצט דעם ערשטן בוים 197

דער טאָוול ביים אַריינגאַנג צו יער בעלזען 198

דער אידישער דיינקמאַל אין בעלזען
(ער שטייט אויף אַ מאַסן־קבר פון 7,000 אידן, וועלכע זיינען געשטאָרבן אין
בעלזען נאָך דער באַפרייאונג — מען האָט זיי שוין נ׳ט געקענט ראַטעווען).

צום אנדיינק פון א גוטן פריינט.

נ.ח בּאַרו איז געווען איינער פון די ערשטע צווישן די פרייע אידן, וועלכע זיינען געקומען צו אונז נאָך דער באַפרייאונג. ער האָט אונז געגעבן ניט נאָר זיין וויסן און זיין חכמה און זיין דערפאַרונג און זיין פּאָליטישע געשולטקייט, אָבער אויך — און אַ סך וויכטיקער — זיין האַרץ. ער האָט געטיילט אונזערע צרות און אונזערע שמחות ווי איינער פון אונז; ער האָט זיך לחלוטין אידענטיפיצירט מיט אונז. ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן אויסצוהערן אונזערע דאגות, און זיין איבערגעבנקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז דער לעצטער איד האָט פאַרלאָזן דעם לאַגער. פאַר מיר — און פאַר אונז אַלעמען — איז ער געבליבן אַ נאָענטער און טייערער פריינט אויך ווען דאָס לעבן האָט זיך אומגעקערט צו זיין נאָרמאַלן גאַנג. איצט איז ער מער ניטאָ — און אַ ליכט האָט זיך פאַר אונז אויסגעלאָשן.

יוסף ראָזענזאַפט.

די דאַזיקע עמבלעמע האָט באַצירט און באַגלייט אַלע אונזערע אונטערנעמונגען.
אין בעלזען און מחוץ פון בעלזען.

ה. לייוויק

די געלע לאַטע

ווי זעט אויס די געלע לאַטע
מיט אַ רויטן, אָדער שוואַרצן מגן־דוד
אויפֿן אָרעם פֿון אַ ייד אין נאַצילאַנד —
אויפֿן ווייסן פֿאָן פֿון אַ דעצעמבער־שניי?
ווי וואָלט אויסגעזען אַ געלע לאַטע
מיט אַ רויטן, אָדער שוואַרצן מגן־דוד
אויפֿן אָרעם פֿון מיין פֿרוי און זין
און אויף מיין אייגענעם אָרעם —
אויפֿן ווייסן פֿאָן פֿון אַ ניו־יאָרקער שניי?
פֿאַרוואָר —
די פֿראַגע עגבערט ווי אַ מוק אין מוח,
די פֿראַגע ווי אַ וואָרעם עסט דאָס האַרץ.

און פֿאַרוואָס נאָר יוצא זיין מיט ווערטער?
און פֿאַרוואָס ניט טאָן די פֿולע אחדות־פֿליכט
און אַליין טאַקע ניט אָנטאָן אויפֿן אָרעם
די באַשערטע געלע לאַטע מיטן מגן־דוד
לפֿני עם ועדה אין ניו־יאָרק ווי אין בערלין,
אין פּאַריז, אין לאָנדאָן און אין מאָסקווע ווי אין ווין?
פֿאַרוואָר —
די פֿראַגע עגבערט ווי אַ מוק אין מוח,
די פֿראַגע ווי אַ וואָרעם עסט דאָס האַרץ.

ערשטער שניי איז היינט אַרויסגעפאַלן,
קינדער טראָגן זיך אויף שליטלעך איבערן פּאַרק,
און די לופט איז אָנגעפילט מיט פרייד־געשריי. —
האָב איך, ווי די קינדער, ליב דעם ווייסן שניי,
און באַזונדערס האָב איך ליב דעם חודש כיסלוו.

(ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט אין שניי אַ געפאַנגענער).

אָ, גאָט געטרייער, פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
שטראָף מיך ניט פאַר אָט דער ליבע מיינער, —
שטראָף מיך יאָ פאַר עפּעס אַנדערש, —
שטראָף מיך יאָ, פאַרוואָס איך קנעט ניט אויס
פונעם זעלטענעם ניו־יאָרקער שניי קיין משה,
און פאַרוואָס איך מאַך פון שניי ניט קיין באַרג סיני,
ווי איך פלעג עס טאָן אַמאָל אין מיינע קינדער־יאָרן. —

(ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אַ שניי אַ פאַרשאָטענער).

שטראָף מיך יאָ און שטאַרק, פאַרוואָס איך טו ניט אָן
אויף אַן אמת דעם זעקס־טורעמדיקן מגן־דוד
און דעם קיילעכדיקן אין־סוף פון דער געלער לאַטע —
צו דערמוטיקן ישראלן אין הענקער־לאַנד,
און צו לויבן און דערהייבן אונדזער אָרעם
מיט דעם שטאָלץ פון אונדזער יחוס־הערב
איבער אַלע לענדער פון דער גאָרער וועלט.
פאַרוואָר —
די פראַגע עגבערט ווי אַ מוק אין מוח,
די פראַגע ווי אַ וואָרעם עסט דאָס האַרץ.

(ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע).



דאָס טיטלבלאַט פון דער לידער־זאַמלונג, וואָס איז געזאַמלט, געדרוקט און אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן אידישן צענטראַל קאָמיטעט אין בעלזען.

2

עס ברענט בריד֗ערלעך, ס׳ברענט*

1

עס ברענט בריד֗ערלעך, ס׳ברענט,
אוי אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט,
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן,
און די שלעכטע ווינטן בוזשען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

רעפריין:
און איר שטייט און קוקט אַזוי צו
מיט פאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוט אַזוי צו
ווי אונזער שטעטל ברענט.

2

עס ברענט בריד֗ערלעך, ס׳ברענט
אוי אונזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט,
ס׳האָבן שוין די פייער צונגען

* דאָס דאָזיקע ליד איז געזונגען געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן אין די לאַגערן — פאַר דער באַפרייאונג און נאָכדעם.

ס׳גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען,
און די בייזע ווינטן הודזיען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

3

עס ברענט ברידערלעך ס׳ברענט,
עס קאָן חלילה קומען דער מאָמענט,
אַז דאָס גאַנצע שטעטל מיט אונז צוזאַמען
זאָל אַוועק אין אַש, אין פלאַמען.
בלייבן וועלן, ווי נאָך אַ שלאַכט,
שוואַרצע פוסטע ווענט.

4

עס ברענט ברידערלעך ס׳ברענט,
די הילף איז נאָר אין אייך אַליין געווענדט,
אויב דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
באַווייזט וואָס איר נאָך קאָנט.
קוקט נישט ברידער אָט אַזוי צו
מיט פאַרלייגטע הענט,
קוקט נישט ברידער, לעשט דאָס פייער,
ווייל אונזער שטעטל ברענט.





דער קרעמאַטאָריום אין בעלזען

אסתר שטוב

באראקן-באר ליד.

איינס,צוויי,דריי,
ווען וועלן מיר זיין פריי !
הונגעריק,בארוועס,אפגעריסן,
פון טאטע-מאמע גארנישט וויסן.
גאט ! ווי טוט דאס וויי.

2

איינס,צוויי,דריי,
דער טאג וויל נישט פארביי,
שלעפן ציגל,ברעטער,שטיינער,
און פון טויטע מענטשן ביינער.
גאט! ווי טוט דאס וויי.

3

איינס,צוויי,דריי,
העל צו מיין געשריי,
פון אונבאקאנטע מאסן-קברים,
קליינע קינדער פון חדרים,
אך מאמעס ביי זיי.

4

איינס,צוויי,דריי,
גלויבן מיר געטריי,
ווארטן מיר און האפן !
וואס דו האסט אונדז פארשפראכן.
עם ישראל חי !

/ אנגעשריבן פון א 12 יעריק
מיידעלע.

דאָס רירנדיקע ליד איז געשריבן געוואָרן דורך דעם קינד אין בעלזען כּמעט דער באַפרייאונג.

הערש גליק (ווילנער געטאָ)

זאג נישט קיינמאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג*

(הימן פון די אידישע פּאַרטיזאַנער)

1

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג,
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פויק טאָן אונזער טראָט, מיר זיינען דאָ.

2

פון גרינעם פּאַלמען לאַנד ביז ווייטן לאַנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונזער פּיין, מיט אונזער וויי,
און וו געפאַלן ס׳איז אַ שפּריץ פון אונזער בלוט,
שפּראָצן וועט נאָך אונזער גבורה, אונזער מוט.

3

ס וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונז דעם היינט,
און דער נעכטן וועט פאַרשווונדן מיטן פיינט,
און אויב פאַרזאַמען ס׳וועט די זון אין דעם קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

---

* דאָס ליד איז שפּעטער אויך געוואָרן דער הימן פון דער גאַנצער שארית הפליטה.

4

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און נישט מיט בליי,
ס'איז נישט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי,
דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאגאנעס אין די הענט.

5

דערפאַר זאָג קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג,
ווייל קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פויק טאָן אונזער טראָט, מיר זיינען דאָ.



נחום גאָלדמאַן

הקדמה

מיר לעבן אין אַ תקופה ווען די דראַמאַטישע געשעענישן פון טאָג־טעגליכן לעבן איבער דער גאָרער וועלט און דער געטומל און גערודער פון געזעלשאַפטליכע קאָנפליקטן זיינען עלול צו פאַרווישן פון זכרון אפילו גרויסע קאַטאַסטראָפעס און גוואַלטיקע טראַגעדיעס, ווי די אויסראָטונג פון די אייראָפּייאישע אידן אין דעם גיהנום בעת די נאַציס האָבן געהערשט אין דייטשלאַנד.

מיר אַליין זיינען אפילו עלול צו פאַרגעסן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די גאַז־קאַמערן. עס איז דעריבער ריכטיק צו דערמאָנען סיי די קאַטאַסטראָפע און סיי דעם נצחון איבער נאַציזם. די דאָזיקע געשעענישן דאַרפן אפשר מער דערמאָנט ווערן אין מדינת ישראל איידער אין אַנדערע אידישע קיבוצים. מיר דאַרפן זיך דערמאָנען אָן זיי סיי צוליב די נייע עולים, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די שבעת מדורי גיהנום פון אוישוויץ, בעלזען און אַנדערע לאַגערן און האָבן געפונען פרייהייט און ווירדע אין ישראל ; און סיי צוליב די אידן, וועלכע זיינען אויפגעוואַקסן אין ישראל און ווייסן ניט וועגן די ליידן און פלאָגן פון די אייראָפּייאישע אידן אונטער דעם יאָך פון די נאַציס. די דאָזיקע פרייע און שטאָלצע אידן דאַרפן אויך ווּיסן וועגן דעם. עס איז זייער מאָראַלישע פליכט. זיי דאַרפן אויך געדיינקען די טראַגעדיע פון די אייראָפּייאישע אידן אין די היטלער־יאָרן.

דריי מחשבות טויכן אויף ווען מיר פאַרטראַכטן זיך וועגן דער דאָזיקער גוואַלטיקער טראַגעדיע. די ערשטע מחשבה, וואָס גיט ניט קיין מנוחה, איז וועגן די אומגלויבליכע אכזריות פון די נאַציס, וועגן דעם טייוולאָנישן האַס אין זייערע הערצער. עס איז אונזער חוב זיך צו טאָן אַ נדר, אַז מיר זאָלן קיינמאָל ניט

דר. גאָלדמאַן אויף די בעלזענער מאַסן־קברים.

פאַרגעסן די פאַרלוסטן און די ליידן, און אַז מיר זאָלן ניט לאָזן די וועלט פאַרגעסן וועגן דעם אַזוי לייכט.

די צווייטע מחשבה איז, אַז די ציוויליזירטע וועלט טראָגט אַ קלאָרע, אויב

די ביידלאַך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בעלזען

אפילו ניט קיין דירעקטע, אחריות פאַר די שוידערליכע געשעענישן אין אייראָפּע אין דער נאַצישער תקופה.

ווען ניט די אַקטיווע און פּאַסיווע חטאים, וואָס לאַסטן אויף דער פרייער וועלט, די דעמאָקראַטיעס אין אונזער היינטיקן זשאַרגאָן; ווען ניט די האַרצלאָזע רואיקייט פון די דעמאָקראַטישע פירער אין מערב אייראָפּע; ווען ניט די קורצזיכטיקע, אוממאָראַלישע און קינדערשע פּאָליטיק פון די מערב׳דיקע מדינות לגבי די נאַציס—וואָלטן די נאַציס קיינמאָל ניט געקומען צו דער מאַכט און וואָלטן ניט געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרניכטן מיליאָנען מענטשן, אידן און אַנדערע, און אַריינצושליידערן די גאַנצע וועלט אין אַ ווירוואר פון פאַרניכטונג אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די ליידן פון מיליאָנען אידן און ניט־אידן אין די יאָרן פון היטלעריזם זיינען אַ ביטערע וואָרנונג פאַר אַלע פעלקער און זייערע פירער, אַז זיי טאָרן קיינמאָל און בשום אופן ניט דערלויבן די אַנטוויקלונג פון אַזוינע רעזשימען און פּאָליטישע סיסטעמען ווי נאַציזם.

זיי מוזן פאַרשטיין און שטענדיק געדיינקען אַז די פּראָטעקציע פון פאַרפאָלגטע מינאָריטעטן און שוואַכע פעלקער קעגן אַגרעסאָרן, רויבער און אוממאָראַלישע רעזשימען איז ניט נאָר אַ מאָראַלישע פליכט, נייערט אויך אַ קלוגע פּאָליטיק פון זעלבסט־שוץ.

מיר זיינען די קינדער פון אַ פאָלק, וואָס האָט געליטן מער איידער אַנדערע פון די נידערטרעכטיקייטן פון נאַציזם. מיר זיינען, דעריבער, באַרעכטיקט, אפילו פאַרפליכטעט, צו דערמאָנען דעם דייטשן פאָלק, און די וועלט בכלל, וועגן דעם, און צו וואָרנען זיי קעגן די געפאַרן פון אַן ענליכע פּלאָג, וואָס איז ניט אויסגעשלאָסן אפילו היינטיקע צייטן.

די דריטע מחשבה איז אַ טיפע און דויערנדיקע סימפּאַטיע פאַר די מאַר־טירערס, וועלכע זיינען געבליבן ביים לעבן. די היטלער תקופה, וואָס האָט געזען די גרעסטע אידישע טראַגעדיע, האָט אויך געזען שיינענדיקע ביישפּילן פון אידישער גבורה. די געשיכטע פון טויזנטער אומבאַקאַנטע אידישע גיבורים, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט קעגן די נאַציס אין אונטערגרונט און אַנטייל־גענומען אין עפנטליכע אויפשטאַנדן, די געשיכטע פון העראָאישן ווידערשטאַנד פון אידישע גרופּעס און קהילות און פון יחידים איז נאָך ניט געשריבן געוואָרן. די ניצול געוואָרענע זיינען די עדות פון דער דאָזיקער גבורה, וואָס האָט אויסגעלייזט דעם אידישן כבוד. דאָס איז אפשר דער איינציקער ליכטיקער פּונק, פאַר זיי און פאַר אונז אַלעמען, אין דער פינסטערער נאַכט פון דער נאַצישער תקופה.

מיר דערמאָנען זיך אָן דער טראַגעדיע מיטן פעסטן באַשלוס ניט צו דער־לאָזן אַז זי זאָל זיך ווען־ניט־איז איבער׳חזר׳ן, און מיט דער שבועה צו בויען אַ נײַ לעבן אין דער אידישער מדינה, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו דער אידישער היימלאָזיקייט — די היימלאָזיקייט וואָס האָט געמאַכט מעגליך פאַרפאָלגונגען און אויסראָטונג.

אונזערע תפילות און אונזערע באַמיאונגען זיינען געווידמעט דער אויפגאַבע צו האַלטן דאָס אידישע פאָלק פריי און בכבוד׳יק צווישן די פעלקער פון דער וועלט. נאָר אויף דעם אופן קענען מיר נעמען נקמה פאַר אונזער נאַציאָנאַלן אומגליק.

יוסף ראזענזאפט

אונזער בעלזען

בערגען־בעלזען, אָדער בקיצור בעלזען, איז אַ דאָפּלטער סימבאָל אין אונ־זער געשיכטע, און אין דער דער מענטשליכער געשיכטע, פון די נאָך־מלחמה יאָרן און ניט נאָר אַ נאָמען פון אַ שטעטל אין צפון דייטשלאַנד.

דער נאָמען „בעלזען" רופט אַרויס אַ ציטער אין אידישע הערצער. בעלזען איז אין אידישן באַוווסטזיין איינער פון די פאַרשאָלטענע ערטער אין דייטש־לאַנד, ווו עס רוען די רעשטלעך פון צענדליקער־טויזנטער אידישע קרבנות. דער גרויזאַמער בעלזענער לאַגער האָט זיך אַריינגעקריצט אין זכרון פון אידן, און פון אַנדערע מענטשן אויף דער גאָרער וועלט, אַלס דער לאַגער פון הונגער, וואָס האָט דערפירט מענטשן ביז משוגעת, און פון אומגליבליכן שמוץ, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך טאָג־איין טאָג־אויס נייע קראַנקייטן און עפּידעמיעס. בעלזען איז געוואָרן דער סימן פון אכזריות פון מענטש צו מענטש.

אָבער בעלזען איז אויך דער באַפרייטער לאַגער פון נאָכן 15־טן אַפּריל 1945, וואָס סימבאַליזירט מיט זיך די ווידער־אויפלעבונג און באַנייאונג, דעם „תחית־המתים" פון די רעשטלעך. אין בעלזען האָט מען געזען איינעם פון די שענסטע ביישפּילן פון אָרגאַניזירטער אידישער געזעלשאַפטליכער טעטיקייט אין דער מאָדערנער געשיכטע און אַ מוסטער פון געראַנגל פאַר אידישע און מענטשליכע רעכט.

מיר, וועלכע האָבן מיטן לעצטן אָטעם זיך געקלאַמערט אָן לעבן און האָבן די באַפרייאונג דערלעבט, האָבן באַלד נאָך דער באַפרייאונג און חדשים שפּע־טער געמוזט מאָביליזירן אונזערע לעצטע פיזישע און גייסטיקע כוחות פאַרן דאָזיקן איינזאַמען קאַמף פאַר עלעמענטאַרע רעכט און זעלבסטבאַפרייאונג.

אין יענע טעג און שפּעטער האָבן מיר געהערט פון פאַרשיידענע צדדים, אַז מיר דאַרפן פאַרגעסן דעם קאַפּיטל בעלזען פאַר דער באַפרייאונג. קלאָר אַז מיר קענען ניט געדיינקען אַלע פיר־און־צוואַנציק שעה פון מעת לעת. מיר זיינען נאָר מענשן, און מענטשן פאַרגעסן פון צייט צו צייט. אָבער מיר קענען ניט אָננעמען די עצה אויסצומעקן בעלזען פון אונזער זכרון. בעלזען וועט שטענדיק בלייבן אַ טייל פון אונז.

איידער איך גיי צו צום עיקר פון מיין אַרטיקל — געבן אַ באַגריף, אָנ־וואַרפן אייניקע כאַראַקטעריסטישע בילדער, פון לעבן אין בעלזען און פון אונ־זער פּאָליטישן געראַנגל — דאַרף איך דאָ לכתחילה אויפקלערן, אַז דאָס איז ניט די פולע געשיכטע פון אידישן לעבן אין בעלזען, אַפילו ניט די געשיכטע אויפן שפּיץ מעסער. דאָס זיינען נאָר אייניקע מאָמענטן, די וואָס האָבן זיך מיט באַזונדערער שאַרפקייט איינגעקריצט אין מיין זכרון, געמיט און האַרצן, און די וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט דער אַרבעט פון די ניצול־געוואָרענע גופא.

עס איז דער חוב פון אַן עד ראיה, ספּעציעל אַן עד ראיה אין מיין פּאָזיציע, פעסטצושטעלן די פאַקטן און צו העלפן דעם קומענדיקן היסטאָריקער אויף וויפיל עס איז מעגליך.

דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט מסתמא זיך נעמען אָפּצושאַצן די דאָזיקע תקופה לאַנג נאָכדעם ווי אונזער דור וועט שוין ניט זיין דערביי. עס איז אונזער חוב דערווייל אים איבערצולאָזן די רוי־מאַטעריאַלן און אים צו העלפן ער זאָל ניט געשטרויכלט ווערן מיט פאַלשע בילדער און באַגריפן.

* * *

בעלזען איז באַפרייט געוואָרן דעם 15־טן אַפּריל, 1945, זיבן מינוט נאָך דריי אַזייגער נאָך מיטאָק. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דריי אידישע זעלנער זאָלן זיין אין די בריטישע טאַנקעס, וואָס האָבן באַפרייט דעם לאַגער. דאָס איז געווען אונזער ערשטער קאָנטאַקט מיט דער אידישער וועלט.

מיר, די האַלב־טויטע איינוווינער פון לאַגער, שאָטנס ניט קיין מענטשן, האָבן ניט געגלויבט אין דער באַפרייאונג. עס האָט זיך אונז אויסגעוויזן ווי אַ זיסער חלום נאָך וועלכן עס קערט זיך אום די שרעקליכעווירקליכקייט. אין אַ געוויסן זין איז עס דערווייל געווען נאָר אַ חלום.

די בריטישע אַרמיי האָט פאַרגעזעצט איר זיגרייכן מאַרש ביזן סוף פון קריג דעם 8־טן מאַי, 1945, און אין לאַגער זיינען פאַרבליבן די נעכסטע צוויי טעג—דער 15־טער און 16־טער אַפּריל—די אונגאַרישע ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן במשך פון די דאָזיקע צוויי טעג נאָך באַוויזן צו דערשיסן 72 אידן און 11 ניט־אידן פאַר אַזוינע „פאַרברעכנס" ווי נעמען קאַרטאָפל־שאָלעכץ פון דער קיך אָדער אַ פּאָר שטיקלעך ירקות פון קעלער. די דאָזיקע פאַקטן האָט נאָכדעם פעסטגעשטעלט אַ קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פון בריטישן קאַפּיטאַן דעריק סינגטאָן. אָבער אונזער פאָדערונג צו שטעלן די מערדער פאַרן געריכט איז איגנאָרירט געוואָרן און זיי גייען אַרום פראַנק און פריי עד היום.

פון פסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט זיינען די יאָרן 1945 און 1946 געווען זייער ביטערע. אין אַ געוויסן און איראָנישן זין זיינען זיי געווען שווערער פאַרן געמיט אײדער די יאָרן אין גיהנום פון אוישוויץ און בעלזען. אין אוישוויץ און בעלזען האָבן מיר געלעבט מיט אַ האָפענונג. לעבעדיקע מענטשן גלויבן ניט אין זייער אומקום. די וועלכע האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות זיך געקלאַמערט אָן לעבן האָבן אויסגעחלומ׳ט זייער טאָג פון באַפרייאונג . . .

און אָט איז דער טאָג געקומען פאַרן געבליבענעם הייפל און מיר האָבן פאַר זיך געזען אַ נייע וועלט, אַ קאַלטע און אַ פרעמדע.

די פרייע אידן זיינען צו אונז געקומען ערשט חדשים שפּעטער, אַזוי אַז צענדליקער־טויזנטער באַפרייטע אידן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות און ניט דערלעבט צו הערן אַ „גוט מאָרגן" אָדער אַ „שלום" פון דער פרייער אידי־שער וועלט.

און ווען אונזערע ברידער זיינען סוף כל סוף געקומען (נאָר אַלס פאַר־טרעטער פון הילף־אָרגאַניזאַציעס) האָבן זיי אונז באַטראַכט אַלס אַן אָביעקט פון רחמנות און געקוקט אויף אונז ווי אויף ניט גאַנץ נאָרמאַלע מענטשן, נאָר עפּעס האַלב־ווילדע . . .

ליידער האָבן אונזערע ברידער פאַרגעסן, אַז מיר האָבן געהאַט אַן עבר; אַז מיר זיינען ניט דערצויגן געוואָרן אין בעלזען, אוישוויץ און מיידאַנעק. מיר האָבן פאַר דער קאַטאַסטראָפע געהאַט אַ היים און אַ סביבה און מוטער־ליבע און צערטליכקייט; מיר האָבן געלערנט אין שולן און אוניווערסיטעטן און ישיבות . . . ווי שווער און ביטער דאָס איז געווען פאַר אונז!

נאָך שווערער האָבן אונז געטראָפן די שילדערונגען פון די צענדליקער־טויזנטער אידן, וועלכע זיינען געקומען צו אונז פון מזרח־זייט, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל פאַרטיזאַנער.

מיר האָבן געהערט זייערע געשיכטעס וועגן זייער לעבן אין די טיפענישן פון רוסלאַנד און זייער צוריקקער אין פּי־וואָגאָנעס קיין פּוילן, ווו מען האָט זיי באַגריסט מיט פאָגראָמען אין קעלץ און אַנדערשווו, און זייערע באַריכטן וועגן חיה׳שער באַהאַנדלונג און אויסראָטונג פון אידן, אַלס אידן, אַפילו אין פאַרטי־זאַנער־לאַגערן — און דער לעצטער פון אונזערע גאָלדענע חלומות איז אויסגערונען.

* * *

און אָט זיינען מיר געווען אין בעלזען נאָך דער באַפרייאונג. סוף כל סוף פריי אין אַ פרייער וועלט, אַזוי צו זאָגן. אָבער פיל חדשים זיינען פאַרביי איי־דער די ערשטע סימנים פון עפעקטיווער הילף האָבן זיך באַוויזן. עס איז אַ פאַקט, אַז אין דער גאָרער וועלט האָט זיך ניט איינגעפונען קיין איין באַקאַנ־טער אידישער קינדער־אַרצט, כירורג אָדער גינעקאָלאָג, וועלכער זאָל קומען קיין בעלזען פרייוויליק און אַרבעטן מיט אונז לכל הפחות אויף אַ קורצער צייט — טראָץ אַלע אונזערע אַפּעלן. מיר האָבן געמוזט אָננעמען די הילף פון דייַ־

טשע דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער, וועלכע די ענגלענדער האָבן געשיקט אין לאַגער אַריין. עס קלינגט מיר נאָך היינט אין די אויערן דאָס געוויין און געבעט פון אונזערע קראַנקע, איך זע פאַר זיך זייער שרעק און ציטער, ווען זיי האָבן דערפאַרן אַז זיי מוזן באַהאַנדלט ווערן דורך דייטשע דאָקטוירים. אָבער וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? אַכט טויזנט אָפּעראַציעס, ס'הוב פון זיי קאָמפּליצירטע, זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך דייטשע כירורגן. קיין אידישע כירורגן האָבן מיר ניט געהאַט! איבער צוויי טויזנט קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אין לאַגער און זיי און זייערע מוטערס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן דורך דייטשע דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער. מיר האָבן ניט געהאַט קיין ברירה. אונזערע אייגענע באַפרייטע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן זיך באַלד געמעלדעט צו דער אַרבעט, כאָטש זיי זיינען נאָך אַליין געווען שוואַך. און דער גרעסטער טייל פון זיי איז באַלד אַוועק קיין שוועדן מיט די קראַנקן־טראַנספּאָרטן.

מיר ווייסן אַלץ וועגן די שוועריקייטן פון טראַנספּאָרט און דערלויבענישן אין יענע טעג אונטער א מיליטערישער אָקופּאַציע. אָבער דאָס איז ניט די גאַנצע געשיכטע. פאַרוואָס זיינען אייגנטליך די פרייע אידן צו אונז ניט געקומען? אידן פון פרייע לענדער האָבן געקענט געפינען אַ וועג צו קומען, אויב זיי וואָלטן באמת געוואָלט קומען. אין ערגסטן פאַל וואָלט מען זיי געשיקט אַהיים. עס איז זייער מעגליך אַז מען וואָלט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און זיי וואָלטן געקענט רואיק אַרבעטן. אָבער, ווי געזאָגט, זיי זיינען ניט געקומען...

אַפילו שפּעטער, ווען קיין שוועריקייטן זיינען שוין מער ניט געווען און אַלע מעגליכקייטן צו פאָרן זיינען געווען פריי, זיינען צו אונז געקומען נאָר אָפיציעלע פאָרטרעטער פון אידישע אינסטיטוציעס, אָבער ניט קיין סתם אידן, וועלכע זאָלן האָבן אַ דראַנג צו זען זייערע באַפרייטע ברידער, דעם שארית הפליטה פון דער גרעסטער אויסראָטונג אין דער אידישער געשיכטע.

* * *

דער אָנהויב פון אונזער פּאָליטישער טעטיקייט אין בעלזען פאַלט צוזאַמען מיט דער צייט ווען אין לאַגער האָבן נאָך געבושעוועט הונגער און טויט. עפּידעמישע קראַנקייטן האָבן אויסגעלאָשן אין לאַגער די לעבנס פון טויזנטער אידן, וועלכע זיינען נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון בלוטדורשטיקן וואַמפּיר קראַמער און זיין קליקע. די לאַגע איז געווען ממש אַ פאַרצווייפלטע. די פרייהייט האָט אויפגעשיינט פאַר די אויסגעמאַטערטע און פאַרהונגערטע אידן, אָבער דער מלאך המוות האָט נאָך ניט אָפּגעשטעלט זיין בלוטיקן שניט.

58,000 מענער און פרויען זיינען באַפרייט געוואָרן דורך די ענגלענדער אין בעלזען, אָבער אַרום 28,000 זיינען געשטאָרבן נאָך דער באַפרייאונג, הויפּטזעכליך פון טיפוס און טובערקולאָז. עס איז פאַר זיי שוין ניט געווען קיין רעטונג, כאָטש אַלץ איז געמאַכט געוואָרן דורך דער באַפרייאונג־אַרמיי זיי צו ראַטעווען.



יוסף ראָזענזאַפט פירט דעם פאָרזיץ אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער אַרבעט.

די טראַגעדיע פון די מאַרטירער, וועלכע זיינען געפאַלן דורך די אונגאַרישע ס.ס. די ערשטע צוויי טעג נאָך דער באַפרייאונג, איז געווען פאַר אונז דער סיגנאַל זיך צו אָרגאַניזירן.

דעם 18־טן אַפּריל, דריי טעג נאָך דער באַפרייאונג, איז דער ערשטער צייטווייליקער קאָמיטעט פון לאַגער געשאַפן געוואָרן אין דעם היינט שוין באַרימטן בלאָק 88. אַלע לאַגער־מענטשן, וועלכע האָבן נאָר געקענט שטיין אויף זייערע פיס, האָבן געוויילט דעם קאָמיטעט — און דער קאָמיטעט האָט באַלד אָנגעהויבן זיין טעטיקייט.

מיר האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף פיר טעטיקייט־געביטן: די פיזישע רעהאַביליטאַציע פון די געראַטעוועטע; די פאַראייניקונג פון די רעשטלאַך פון זייערע משפחות; דער כּאָליטישער קאַמף פאַר אונזערע רעכט; דער גייסטיקער ווידעראויפבוי.

דאָס זוכן קרובים איז געווען איינער פון די טראַגישסטע און רירנדיקסטע קאַפּיטלעך אין דער דאָזיקער געשיכטע. עס דאַרף ספּעציעל באַהאַנדלט ווערן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז דער טראָפּ מוז געשטעלט ווערן אויף דער פּאָליטישער טעטיקייט, כאָטש אין לאַגער האָט נאָך געהערשט דער טויט אָן רחמנות. מיר האָבן באַלד געהאַט אונזערע ערשטע ויכוחים מיט די ענגלענדער. מיר האָבן געפאָדערט באַפרייאונג־שיינען פאַר די דייטשע אידן און אַ פּאָר ספּעציעלע בלאָקן פאַר אידישע באַפרייטע — און באַקומען אַ טרו־קענעם אָפּזאָג. ווען אונזער טאָן איז אָבער געוואָרן דרייסטער, האָבן זיי נאָכ־געגעבן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אויסגעבראָכן אַ נייער ויכוח. מיר האָבן געפאָדערט דאָס רעכט צו זען די באַדינגונגען אין צעלע, אַ שטעטל 27 ק״מ פון בעלזען, וווהין די ענגלענדער האָבן געוואָלט אַריבערפירן 2,800 בעלזענער מענער. אין דעם פּרט האָבן זיי אויך נאָכגעגעבן ווען מיר זיינען באַשטאַנען אויף אונזער פאָדערונג.

די מערהייט פון אונזערע קאָמיטעט מיטגלידער זיינען אַוועק קיין צעלע און אין בעלזען זיינען פאַרבליבן נאָר אַ פּאָר פון די גרינדער פון קאָמיטעט, צווישן זיי דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

דאָן איז געקומען דער גרויסער ויכוח מיט דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע מכוח לינגען און דיפּהאָלץ. לינגען און דיפּהאָלץ זיינען צוויי דייטשע שטעטלעך ביי דער האָלענדישער גרעניץ. אָבער פאַר אונז זיינען זיי געוואָרן די אַרענע פון אַ גרויסן געראַנגל פאַר עלעמענטאַרע רעכט. היות ווי אין בעלזען איז לכתחילה געווען אַ מיליטערישער לאַגער ביי די דייטשן, האָבן וויטזיכטיקע ענגלענדער, דער סאָרט וועלכער גרייט שטענדיק די נעכסטע מלחמה מיט די מעטאָדן פון דער פאַרגאַנגענער מלחמה, באַשלאָסן אַז זיי דאַרפן דעם מיליטערישן לאַגער אין בעלזען פאַר מיליטערישע צוועקן, און דעריבער זאָלן מיר זיך אַרויסקלייבן. זיי האָבן אונז פאָרגעלייגט צו גיין קיין לינגען און דיפּהאָלץ, ווו מען האָט אונז צוגעזאָגט דעם סטאַטוס פון אַ רויטן־קרייץ־לאַגער און בעסערע שאַנסן פאַר אויסוואַנדערונג. מען האָט אונז אויך געזאָגט, אַז לינגען און דיפּהאָלץ זיינען באַקוועמערע ערטער צו לעבן ביז מיר וועלן אַוועקפאָרן פון דייטשלאַנד.

די אידישע „טשאַפּליינס" (אַרמיי־רבנים) פון דער בריטישער אַרמיי, אַזוינע גוטע אידן ווי הרב דר. ישראל בראָדי, רעוו. יצחק לוי, רעוו. א. האַרדמאַן און רעוו. א. גאָלדפינגער, האָבן נאַאיוו געגלויבט וואָס מען האָט זיי געזאָגט און אונז צוגערעדט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג. מיר האָבן, לײדער, געהאַט מער נסיון אין צרות און מיר האָבן געפאָדערט צו זען דעם פּלאַץ איידער מיר רירן זיך.

ווען מיר האָבן אַ קוק געטאָן אויפן פּלאַץ האָט אונזער חשד זיך באַשטע־טיקט. עס איז געווען אַ חורבן — חרוב׳ע אַלטע געביידעס, אָן ליכט, אָן וואַ־סער — אַ וויסטע! ניט קיין אָרט פאַר מענטשן צו לעבן. (ביז היינט פאַרשטייען מיר ניט, ווי מען האָט געקענט פאָרשלאָגן צעבראָכענע מענטשן צו לעבן אין אַזאַ פּלאַץ). מיר האָבן געפאָדערט פון די ענגלענדער זיי זאָלן ענדערן דעם באַשלוס. אָבער דערווייל איז שוין אַיין טראַנספּאָרט מיט בעלזענער געווען אונטערוועגס קיין לינגען און אַ צווייטער איז געווען גרייט אָפּצופאָרן. מיר

האָבן אָפּגעהאַלטן דעם צווייטן טראַנספּאָרט און געבראַכט צוריק דעם ערשטן. די צוריקגעקומענע האָבן פאַרנומען די געביידעס, וואָס זיינען שוין געווען צו־געגרייט פאַרן בריטישן מיליטער.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט און האָט געטראָגן אחריות פאַר דער דאָזיקער ווידערשפּעניקייט, היות דאָס אומקערן פון ערשטן טראַנספּאָרט איז געווען קעגן די קלאָרע באַפעלן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטערישן געריכט. נאָך לאַנגע און שווערע פאַרהאַנדלונגען האָט מען אים אָבער באַפרייט. מיט דעם איז דער פּאָליטישער פראָנט קעגן אונז געבראָכן געוואָרן.

* * *

בריגאַדיר־גענעראַל גלין יוז, דער הויפּט־אַרצט פון דער צווייטער בריטי־שער אַרמיי, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין לאַגער אין די ערשטע שעה׳ן נאָכן אַריינמאַרש פון דער בריטישער אַרמיי, האָט זיך איינגעקופּט אַ פּלאַץ אין אונ־זערע הערצער. שוין בעת אונזער ערשטער באַגעגעניש מיטן בריגאַדיר האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז פאַר אונז איז געשטאַנען ניט נאָר אַ גענעראַל, אַ מי־ליטער־אַרצט און אַדמיניסטראַטאָר, אָבער אויך אַ גרויסער הומאַניסט. בריגאַ־דיר־גענעראַל גלין יוז און קאָלאָנעל דזשאָנסטאָן, נאָך אַ מיליטער־אַרצט, האָבן אָנגעפירט אַ פאַרצווייפלטע קאַמפּאַניע צו ראַטעווען לעבנס — און האָבן פיל געראַטעוועט. אין דער זעלבער צייט האָבן דער בריטישער רויטער קרויץ, אַ גרופּע פרייוויליקע שוויצאַרישע דאָקטוירים און אַ גרופּע מעדיקער־סטודענטן פון פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן אין ענגלאַנד אונטער דער לייטונג פון דר. מייקלדזשאָן געאַרבעט אין לאַגער ביי אונזערע קראַנקע מיט גרויס איבערגעבנקייט.

צו דער דאָזיקער תקופה געהערט אויך די גרויסע הומאַניטאַרע לייסטונג פון שוועדישן רויטן קרויץ מיט גראַף פאָלקע בערנאַדאָט בראש. 6,000 שווער קראַנקע זיינען געגומען געוואָרן פון בעלזען קיין שוועדן אויף קוראַציע און דערהוילונג אין שוועדישע האָספּיטאַלן. דאָס וואָלט ניט געקענט געטאָן ווערן אָן דער הילף פון דער שוועדישער רעגירונג און פון שוועדישן פאָלק און מיר וועלן עס דערמאָנען שטענדיק מיט דאַנקבאַרקייט.

מיט דער נסיעה קיין שוועדן זיינען פאַרבונדן דערשיטערנדיקע מאָמענטן. אַ גרויסער טייל קראַנקע האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אַריינגיין אין די אַמ־בולאַנסן פון רויטן קרייץ, וואָס האָבן זיי געגומען אויף דער ערשטער סטאַדיע פון דער רייזע פון בעלזען צו דער שיף אין ליבעק, ווייל זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז מיט אַזוינע אַמבולאַנסן מיטן סימן פון רויטן קרייץ פלעגן די דייטשן נעמען מענטשן צו די גאַז־קאַמערן . . .

ליידער זיינען ניט אַלע קראַנקע דערפאָרן קיין שוועדן. 72 זיינען געשטאָרבן



די קברים פון די 72 בעלזענער קדושים אויף ליבעקער בית עולם.
(זיי זיינען געשטאָרבן אויפן וועג קיין שוועדן)

אויפן וועג צו די שיפן און מיר האָבן זיי געבראַכט צו קבורה אויפן אַלטן אידישן בית עולם אין ליבעק.

* * *

אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער קאַמף פאַר רעכט דאַרף מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די פּערזענליכקייט פון קאָלאָנעל ראָבערט סאָלאָמאָן ז״ל, דער ראַטגעבער פאַר אידישע ענינים ביי דער ענגלישער קאָמאַנדע אין דייטשלאַנד. עס וועט נאָך קומען די צייט פאַר אַן אָפּשאַצונג פון זיין פּערזאָן און זיין ביי־טראַג, אָבער דאָ דאַרף איך ניט פאַרבייגיין אָן אַ וואָרט פון רעספּעקט און דאַנקבאַרקייט צו אַ גרויסן מיטאַרבעטער און פריינט.

אַפילו אין די בעווין־צייטן, ווען די ביטערקייט האָט דערגרייכט איר הויכ־פּונקט, האָט בעווין אַליין אויפגענומען דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות צוזאַמען מיט קאָלאָנעל סאלאמאן און אַלס רעזולטאַט פון געשפּרעך איז אַוועק קיין ארץ ישראל דער צווייטער קינדער־טראַנספּאָרט מחוץ פון דער עקזיס־טירנדיקער קוואָטע פון 1,500 סערטיפיקאַטן אַ חודש. דער ערשטער קינדער־טראַנספּאָרט איז אַוועק קיין ארץ ישראל נאָך אין מאַי 1946, ווען 1,000 קינ־דער זיינען עולה געווען, צווישן זיי 105 פון בעלזען. די 105 בעלזענער קינדער

קאָלאָנעל ראָבערט סאָלאָמאָן אין בעלזען דעם 15־טן אַפּריל 1946.
(ער שטייט פאָרויס, אין ציווילע בגדים).

פון ערשטן טראַנספּאָרט זיינען געקומען פון די צוויי באַקאַנטע קינדערהיימען, וואָס זיינען מיט אַזויפיל ליבע און מי איינגעריכטעט געוואָרן אין וואַרבורג׳ס הויז אין בלאַנקינעזע ביי האַמבורג און — אַ קלענערע — אין לונעבורג. די דאָזיקע צוויי קינדערהיימען זיינען געפירט געוואָרן אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן. ווען מיר פלעגן זיי באַזוכן, פלעגן מיר שטענדיק האָבן די סאַטיספאַציע און פרייד צו זען ווי אַזוי די קינדער האָבן זיך אומגעקערט צו אַ נאַטירליך קינדער־לעבן, מיט שפיל און געלעכטער.

*　　*　　*

עס איז שווער צו ריידן וועגן דער דאָזיקער תקופה און וועגן די פריינט, וועלכע מיר האָבן זיך דערוואָרבן, אין יענע טעג, און ניט דערמאָנען דעם טייערן, אומפאַרגעסליכן דר. נח באַרו.*

ער איז געווען צווישן די ערשטע און זייער ווייניקע, וועלכע זיינען געקומען צו אונז נאָך דער באַפרייאונג און האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט אונז פאַר אונזער פרייהייט און אונזער כבוד. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשוינט; ער איז אַלעמאָל געקומען ווען מען האָט אים געדאַרפט; ער האָט אַלעמאָל געהאַט צייט פאַר אונז; אייגנטליך האָט ער געלעבט ביי אונז אין אַ געוויסן זין כאָטש זיין הויז איז געווען אין לאָנדאָן. דערפאַר פילן מיר די אבדה שטאַרקער. מיר די בעלזענער האָבן פאַרלאָרן ניט נאָר אַ גרויסן אידן, אָבער אויך אַן איבערגעגעבע־נעם און טייערן פריינט.

---

* דר. באַרו איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן דעם 15־טן סעפּטעמבער, 1955.

יאָ, מיר האָבן געהאַט אונזערע ויכוחים מיט די ענגלענדער. זיי האָבן ניט אַלעמאָל אונז פאַרשטאַנען און מיר האָבן ניט אַלעמאָל זיי פאַרשטאַנען. און מאַנכמאָל זיינען די דאָזיקע ויכוחים געווען היציקע און אַפילו ביטערע. אָבער נאָך אַלעמען מוז געזאָגט ווערן, אַז דער דורכשניטלעכער ענגלענדער האָט בדרך כלל אַרויסגעוויזן אַ סך גוטן ווילן, טיפע מענטשליכע סימ־פּאַטיע און אַפילו פריינטשאַפט. קוקנדיק צוריק מוזן מיר קומען צום אויספיר אַז די ענגלענדער האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט, סיי איז מאַטעריעלן און סיי אין אַדמיניסטראַטיוון זין, צו לינדערן די פיזישע ליידן און גייסטיקע פלאָגענישן.

אין דער זעלבער צייט מוז מען צוגעבן, אַז די אָנפירער פון די ענגלענ־דער אין זייער זאָנע, גענעראַל סיר ברייאַן ראָבערטסאָן און סיר אייוואָן קירק־פּאַטריק, זיינען קיינמאָל ניט געקומען זען די מאַסן־קברים אָדער באַזוכן דעם לאַגער. זיי האָבן אַלע אונזערע איינלאַדונגען צו באַזוכן די מאַסן־קברים און דעם לאַגער אָפּגעזאָגט זייער העפליך און מיט „גרויס באַדויערן" . . .

אָפּטמאָל בין איך נייגעריק ווי אַזוי זיי וואָלטן עס פאַרענטפערן.

פון דער צווייטער זייט האָבן צוויי ענגלישע מיניסטאָרן אין ווייטהאָל, העקטאָר מאַקניל און לאָרד הענדערסאָן, אַרויסגעוויזן פיל גוטן ווילן און פאַר־שטענדעניס פאַר אונזער מצב און אָפט געענדערט די באַפעלן פון דער ענג־לישער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אין דייטשלאַנד.

* * *

לאָמיר אויך דערמאָנען די אידישע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן בייגע־טראָגן צו דער רעהאַביליטאַציע פון בעלזען: דער אידישער וועלט־קאָנגרעס; דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט"; היאס; אָרט; דער „דזשואיש רעליעף" פון ענגלאַנד; און די אידישע אַגענץ.

דר. יוסף שוואַרץ, איינער פון די איבערגעבנ־סטע פריינט פון דער שארית הפליטה, אין יענער צייט דירעקטאָר פון „דזשאָינט" פאַר אייראָפּע.

דער „דזשאָינט", אונטער דער לייטונג פון זיין אייראָפּייאישן די־רעקטאָר דר. יוסף שוואַרץ האָט אָרגאַניזירט מאַטעריעלע הילף (די ערשטע גרעסערע זענדונגען פון לעבנסמיטלען זיינען אָנגעקומען אין אָקטאָבער, 1945) און זייער פיל געהאָלפן צו אונזער פיזישער רע־האַביליטאַציע־פּראָגראַם. די לייטנ־דיקע פערזאָנען פון „דזשאָינט", ווי עדוואַרד וואַרבורג און דר. יוסף שוואַרץ, האָבן אייניקע מאָל באַזוכט

בעלזען און יעדעס מאָל אַרויסגעוויזן אַלץ מער פאַרשטענדעניס פאַר אונזערע פראָבלעמען. נאָך אַ ריי באַראַטונגען מיט אונז האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז מאַטעריעלע הילף אַליין איז ניט גענוג. זיי האָבן זיך דאַן מיט שוונק און ענער־גיע אַריינגעטאָן אין עמיגראַציע געביט. זיי האָבן אויך פיל מיטגעהאָלפן ביי אַלע עליות. זיי קענען היינט קוקן צוריק מיט שטאָלץ אויף זייערע דערגריי־כונגען אין בעלזען.

דער אידישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיך פאַרנומען מיט פּאָליטישער הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען אויף אַ ברודערליכן אופן, אין פולער צוזאַמענאַרבעט מיט אונז און דורך כסדר׳דיקע באַראַטונגען צווישן גלייכע. מיט דעם האָט די הילף פון אידישן וועלט־קאָנגרעס זיך אונטערשידן פון דער הילף פון אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

* * *

מיר האָבן ניט געפּרוווט אויפשטעלן קיין שטענדיקע קהילה אין דייטש־לאַנד. פאַרלאָזן דייטשלאַנד אויף אַלע וועגן איז געווען דער יסוד פון אונזער אַרבעט, בעיקר עליה — עליה א׳ און עליה ב׳ — און אויך אויסוואַנדערונג אין אַנדערע לענדער. ליידער האָבן מיר געמוזט קעמפן במשך פון יאָרן פאַר די מעגלעכקייטן צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

דער ערשטער טראַנספּאָרט עולים איז געווען ניט נאָר אַ רירנדיקע גע־שעעניש, אָבער אויך אַ היסטאָרישע געשעעניש! דער גורל האָט אַזוי געוואָלט אַז דער צוג, וואָס האָט גענומען די עולים צום פּאָרט אויפן וועג קיין ארץ ישראל, זאָל אָפּגיין פון דער זעלבער פּלאַטפאָרמע ווו מיר זיינען געצוווּנגען געוואָרן דורך די נאַציס אויסצושטייגן פאַר בעלזען מיט צוויי יאָר פריער.

די עולים האָבן גענומען מיט זיך, חוץ פערזענליכן באַגאַזש, אויך מכשירים, רוי־מאַטעריאַלן און אַנדערע אַרטיקלען פאַר מדינת ישראל.

* * *

הונדערטער עולים פון בעלזען זיינען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל בעת דער אומאָפּהענגיקייט־קריג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. דירעקט פון דער שיף, אָפט אין דער נאַכט, זיינען זיי אַוועק אויף די שלאַכטפעלדער. אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן אַוועקגעלייגט דאָס לעבן און ניט דערלעבט צו זען מיט די אייגענע אויגן די ליכטיקע שיין אין דער אידישער מדינה.

די אַנאָנימע העלדן, וועלכע האָבן מקריב געווען דאָס טייערסטע, דאָס אייגענע לעבן, האָבן אַפילו ניט קיין מצבה אויף זייער קבר, ווייל מיר האָבן ניט זייערע נעמען — זיי זיינען געקומען אַלס אַנאָנימע מתנדבים. דאָס האָט קיינער ביז היינט ניט גענוג אונטערשטראָכן. עס איז ניט קיין מאָנונג פון דאַנק, נאָר אַ פּרווו צו דערמאָנען די היסטאָרישע פאַקטן.

מיר קענען ניט געפינען די קברים פון אַלע בעלזענער, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן דאָס לעבן פאַר מדינת ישראל. אָבער אפשר וואָלט געווען אַ גור־

טער פלאַן צו האָבן אויפֿן הר ציון אַ סימבאָלישן קבר פֿון אומבאַקאַנטן שארית־הפליטה־זעלנער, בכדי אונזערע קינדער זאָלן אויך וויסן דערפֿון.

* * *

איך קום צום אומפּאַרגעסליכן קאַפּיטל פֿון גייסטיקער רעהאַביליטאַציע. מיר האָבן געעפֿנט אונזער ערשטע שול. אונזערע קינדער האָבן זיך ווידער אויסגעלערנט צו שפּילן און לאַכן. אונזערע אייגענע לערער האָבן צוגעגרייט אַ שול־פּראָגראַם. זיי האָבן אימפּראָוויזירט לערן־ביכער.

איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן אונזער ערשטע חנוכה־פֿייערונג פֿאַר די קינדער; און ט״ו בשבט, ווען אונזערע לערער האָבן צום ערשטן מאָל דערציילט די קינדער וועגן ראש השנה פֿון די בוימער און זייער באַדייטונג . . .

מיר זיינען זיכער היינט ניט קיין ביטערע מענטשן, אָבער עס דאַרף געזאָגט ווערן אַז אין יענעם ט״ו בשבט, ניין חדשים נאָך דער באַפֿרייאונג, ווען די וועלט האָט שוין אַלץ געוווּסט וועגן אונז, האָבן מיר ניט געקענט געבן אונזערע קינדער די טראַדיציאָנעלע פּירות. מיר זיינען געווען גרייט צו ברענגען קרבנות פֿאַר די קינדער, אָבער קיין אויבסט איז ניט געווען אין דייטשלאַנד אין יענע טעג, ווען עס וואָלט געווען וואָלטן מיר אַלץ געטאָן עס צו באַקומען פֿאַר אונזערע קינדער. מיר וואָלטן זיך ניט באַקלאָגט אויפֿן מאַנגל אין אַנדערע פּראָדוקטן, אָבער מיר האָבן מיט רעכט געקענט דערוואַרטן אייניקע קעסטלעך אָראַנזשן פֿאַר די קינדער אין לאַגער.

קיין איבעריקע רייד וועגן דאָזיקן פֿאַרדריסליכן פֿאַקט דאַרף מען ניט פֿאַרלירן.

* * *

איך וועל קיינמאָל אויך ניט פֿאַרגעסן ווי אַזוי אונזער ערשטע צייטונג (פֿאַר דער געשיכטע: די ערשטע אידישע אויסגאַבע פֿון דער שארית הפליטה) איז געבוירן געוואָרן. קיין דרוק־זאַץ, קיין שרייב־מאַשין און קיין העקטאָגראַף האָבן מיר ניט געהאַט, אפֿילו קיין פּאַפּיר איז ניט געווען. די דריי חברים, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען אויסצופֿירן די פֿאַנטאַסטישע אידיי צו באַגייען דאָס אידישע וואָרט דווקא אין בעלזען, האָבן אָבער די צייטונג אַרויסגעבראַכט. זיי זיינען געווען פֿאַרנומען מיט דער דאָזיקער אַרבעט טאָג און נאַכט: איינער האָט די גאַנצע צייטונג אויפֿגעשריבן מיט דער האַנט; דער צווייטער איז אַרומגעלאָפֿן פֿון אָרט צו אָרט צו באַקומען אַ פּאָר פֿונט פּאַפּיר; דער דריטער איז אַוועק ערגעץ־ווו הינטער בראַונשווייג צו געפֿינען אַ פּלאַץ ווו צו ליטאָגראַפֿירן די צייטונג. נאָך היינט אפֿילו איז שווער צו באַשרייבן דעם אויפֿטו פֿון די דאָזיקע דריי חברים — און אונזערע געפֿילן בעת מיר האָבן מיט טרערן אין די אויגן גענומען אין דער האַנט אַריין דעם ערשטן נומער פֿון דער ערשטער אידישער צייטונג פֿון דער שארית הפליטה — „אונזער שטימע״.

און ווו קען מען געפֿינען אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע אַ פֿאַרגלייך

די אידישע „די.פי.״־פרעסע אין בעלזען און אין דער בריטישער זאָנע —
אַ וואונדערבאַרער קאָלעקציע פון צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער און ספרים
אין אידיש, העברייאיש, דייטש און ענגליש.

מיט אונזער ערשטן אידישן טעאַטער נאָך דער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין אַ טעאַטער־געצעלט דריי מעטער פון בית הקברות און פון די מאַסן־קברים? . . . אַ גרופּע בעלזענער אונטער דער לייטונג פון אַ פּאַר׳־עקשנ׳טן חבר האָט אין די דאָזיקע באַדינגונגען געגרייט די ערשטע פאָרשטעלונג, וועלכע איז געגעבן געוואָרן בעת דעם ערשטן קאָנגרעס פון דער שארית הפליטה אין בעלזען, דעם 26־טן סעפּטעמבער 1945.

צום קאַפּיטל קולטור־דערגרייכונגען געהערן אויך די צענדליקער פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין פאַרשיידענע שפּראַכן, צווישן זיי אַ חודש־זשורנאַל אין

דייטש פאַר די אידישע געמיינדעס, דער פאַרלאַג־וועזן, די ספּאָרט־קלובן, די יוגנט־פאַרבאַנדן, די פאָלקס־אוניווערסיטעט, אָוונט־קורסן, די ביבליאָטעקן און די מערקווירדיקע ביבליאָגראַפיע, וועלכע האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען און איז געלויבט געוואָרן פון פאַכמענער אויף דעם געביט אַלס אַ גרויסע דערגרייכונג אין אַבסאָלוטן זין און ניט נאָר אין אונזערע באַדינגונגען. וועגן דעם אַלעם דאַרף באַזונדער געשריבן ווערן.

* * *

עס האָבן זיך פאַרצויגן חדשים ביז מיר זיינען אַנערקענט געוואָרן אַלס אידן און מען האָט אונז אויפגעהערט צו באַטראַכטן אַלס „פּאָליאַקן", „טשעכן", „אונגאַרן". דער קאַמף פאַר דער דאָזיקער עלעמענטאַרער אַנערקענונג איז געווען זייער אַ ביטערער. אפילו אין סעפּטעמבער 1945 זיינען איבער 15,000 אידן אין לאַגער געבליבן אַנאָנים. 2,000 פּאָליאַקן האָבן באַקומען אין זייערע הענט די אַדמיניסטראַציע פון גאַנצן לאַגער היות די אידן זיינען אויך געווען „פּאָ־

די אידישע פּאָליציי אין בעלזען, אונטער דער לייטונג פון ש. ווינִיק.

ליאַקן״. דער קאַמף קעגן דער דאָזיקער סיטואַציע איז פאַר אונז געווען אומפאַרמיידליך, כאָטש מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געהאַט אויסגעמאָלט, אַז מיר וועלן מוזן קעמפן קעגן אונזערע באַפרייער, ווי אויך קעגן די פּאָליאַקן, פון וועלכע אַ קליינער טייל זיינען אַליין געווען באַפרייטע קרבנות פון נאַציזם. אין דעם צוזאַמענהאַנג דערמאָנען מיר מיט סאַטיספאַקציע די אידישע לאַגערפּאָליציי, וועלכע האָט דערפילט אַ זייער שווערע אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע. זייער טאַקט און דיסציפּלין במשך פון דער גאַנצער צייט, אָבער ספּעציעל ווען אין לאַגער זיינען נאָך געווען אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער רו און צו דער גוטער אָרדנונג אין בעלזען.

*   *   *

אַ פיינליכער ביישפּיל פון אונזער אַנאָנימיטעט אין יענע צייטן, וואָס האָט אונז געשאָטן זאַלץ אויף די ווונדן, איז געווען דער באַזוך פון יהודי מנוחין אין בעלזען. ער, דער אידישער מוזיק־גאון, אַ זון פון אַן ארץ ישראל׳דיקן אידן, איז געקומען אין לאַגער לויט אַן איינלאַדונג פון פּוילישן קאָמיטעט און האָט ניט געוווסט, אַז אין לאַגער זיינען פאַראַן ניינציק פּראָצענט אידן. ער האָט ניט אויפגעזוכט דעם אידישן קאָמיטעט און איז ניט אַריינגעגאַנגען אין אַ האָספּיטאַל פאַר טויזנטער אידישע קראַנקע, כאָטש ער האָט געוואָלט טרייסטן די קרבנות מיט זיין מוזיק.

*   *   *

אין יוני 1945 איז צו אונז געקומען דער ערשטער באַזוכער פון דרויסן — פּרעזידענט טרומאַנ׳ס ספּעציעלער שליח ערל האַריסאָן, וועלכער איז ביי אונז דערשינען אין דער באַגלייטונג פון באַאַמטע פון סטייט־דעפּאַרטמענט, פון פאָריין אָפיס און פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. פון דער אידישער זייט איז מיט אים געקומען דר. יוסף שוואַרץ. האַריסאָן און זיינע באַגלייטער האָבן אָפּגעהאַלטן מיט אונז אַ ריי זיצונגען און שוין דאַן האָבן מיר געזען די שוועריקייטן פאַר אויסוואַנדערונג, וואָס האָבן אונז דערוואַרט; און אויך די מיספאַרשטענדעניסן מיט דער אַדמיניסטראַציע, וואָס זיינען געווען אומפאַרמיידליך, היות ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ טייל פון דער אַדמיניסטראַציע קען ניט באַנעמען אונזערע פּראָבלעמען. האַריסאָנ׳ס שליחות, וואָס פּרעזידענט טרומאַן האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, איז געווען צו געפינען אויפן אָרט אַן אויסוועג צו העלפן די „די.פּי.׳ס״.

ערל ג. העריסאָן,
פּרעזידענט טרומאַנס ספּעציעלער שליח צו די אידן אין די לאַגערן.

ער האָט זיך דעריבער געפונען אין אַ שווערער סיטואַציע היות קיין לייזונג אויפן אָרט איז ניט געווען און קיין ערטער פאַר אויסוואַנדערונג האָט ער אונז ניט געקענט אָנבאָטן.

עס געדיינקט זיך די שטאָלצע האַלטונג פון מאַיאָר רעוו. יצחק לוי, וועלכער האָט מיט זיין אָפענע און דרייסטע קריטיק פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע געמאַכט אויף אַלע אַנוועזנדיקע אַ שטאַרקן רושם.

* * *

אין דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן איז אַ קאָנגרעס פון אַלע באַ־פרייטע אידן אין דער זאָנע געוואָרן אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט. מיר האָבן געדאַרפט באַזירן אונזער פּאָליטישן קאַמף אויף ברייטערע יסודות. לכתחילה האָבן מיר געהאַט באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן דעם קאָנגרעס אונזערן צווישן 15־טן און 17־טן אויגוסט 1945, אָבער מיר האָבן ניט באַקומען קיין דערלויבעניש פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן דעם קאָנגרעס בלית ברירה אָפּגע־לייגט און ער איז פאָרגעקומען צווישן 25־טן און 27־טן סעפּטעמבער אין בעל־זען. אויך דאָן — אָן אַ דערלויבעניש

דער ערשטער קאָנגרעס איז געווען ניט נאָר אַ גרויסע פּאָליטישע געשע־עניש, נייערט אויך אַן אומפאַרגעסליכע גייסטיקע איבערלעבונג. ער האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אידישער וועלט און עס זיינען געקומען צו אים דער פרעזידענט פון „באָארד אָף דעפּיוטיס" פון די בריטישע אידן, פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי ע"ה; דער מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט ס. ס. סילווער־מאַן; א. ל. איסטערמאַן פון אידישן וועלט־קאָנגרעס; אַ דעלעגאַציע פון דער אידישער בריגאַדע מיט מאיר גראַבאָווסקי בראש; און געסט פון די אַנדערע צוויי זאָנעס אין דייטשלאַנד. דעם קאָנגרעס האָבן אויך באַזוכט און באַריכטעט זיבעציק זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט־פּרעסע, וועלכע זיינען דאַן בייי־געווען דעם בעלזענער פּראָצעס אין לונעבורג. אין קאָנגרעס האָבן אַנטייל גע־נומען אַלע לאַגערן און אידישע קאָמיטעטן און קהילות אין דער בריטישער זאָנע.

אַ דאַנק דעם ערשטן קאָנגרעס איז געשמידט געוואָרן אַן ענגע צוזאַמענ־אַרבעט צווישן די לאַגערן און קהילות אין דער זאָנע פאַר אונזערע געמיינזאַמע צילן. „אָסטאידן" און „וועסטאידן" האָבן געאַרבעט צוזאַמען אויפן קאָנגרעס און נאָכדעם — און דאָס אַליין איז געווען אַן אינטערעסאַנטע און דערפרייענדיקע דערשיינונג. פיל דערגרייכונגען פון בעלזען און אַנדערע אידישע גרופּעס אין דער בריטישער זאָנע זיינען געווען דער רעזולטאַט פון ברודערליכער צוזאַמענ־אַרבעט און פולן צוטרוי צווישן אונז אַלעמען. דאָס האָט געמאַכט אונזער אויפ־גאַבע לייכטער און אונזער אַרבעט עפעקטיווער.

די דריי אויפגאַבעס, וואָס דער ערשטער קאָנגרעס האָט אויף אונז אַרויפ־געלייגט, האָבן מיר דורכגעפירט בשלמות: ערשטנס, צו ווידמען אַלע אונזערע כוחות דעם קאַמף פאַרן אויפבוי פון דער אידישער מדינה; צווייטנס, קעמפן פאַר פולע גלייכהייט פאַר די אידן אין די לאַגערן און אין די קהילות; דריטנס, צענטראַליזירן די אידישע טעטיקייט אונטער איין דאַך ביז דער לעצטער לאַגער וועט ליקווידירט ווערן.

עליה — יונג און אַלט פון בעלזען קיין ישראל.

אַ ווייטערדיקער ווענד־פּונקט אין אונזער בעלזענער עקזיסטענץ איז בלי־ספק געווען דער באַזוך פון דוד בן גוריון אין לאַגער אין נאָוועמבער 1945. ער איז דוקא געקומען בעת אַ שווערן גערא־נגל קעגן „אַנרראַ“, וועלכע האָט געוואָלט נעמען אונזערע קינדער קיין ענגלאַנד. מיר זיינען געווען קעגן דעם, פאַרשטייט זיך, כאָטש מאַנכע אידן האָבן אונז געראַטן „אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג מיט דאַנקבאַרקייט“. בן גוריון איז געווען אַן עדות פון דאָזיקן געראַנגל און ער האָט מיט זיין באַזוך געשטאַרקט אין אונז דעם גלויבן אין קאַמף פאַר אונזערע רעכט. בן־גוריון האָט זיינע אַ רעדע אין לאַגער געשלאָסן מיט אַ דערקלערונג, וואָס האָט שוין היינט אַ נביאישן קלאַנג. ער האָט אָנגענומען זיינע גראָע לאָקן מיט

דער האַנט און אויסגערופן: „איר זעט ־ די גראָע האָר — די דאָזיקע גראָע האָר וועלן נאָך דערלעבן אַ אידישע מדינה אין ארץ ישראל"...

די אידישע בריגאַדע, וועלכע האָט זיך באַוויזן סוף סעפּטעמבער, האָט אַריינגעבראַכט אין לאַגער אַ וואַרימקייט און חבר'שקייט. די בריגאַדע־זעלנער האָבן זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט און מיט זייער רירעוודיקייט און איבער־געבנקייט אונז געהאָלפן דורכפירן אַ ריי שווערע אויפגאַבעס, ספּעציעל אין די פאַרשיידענע שולן פאַר אונזערע קינדער.

* * *

צווישן ערשטן קאָנגרעס אין בעלזען און צווייטן קאָנגרעס אין באַד האַרצ־בורג האָבן מיר פאַרצייכנט אַ ריי וויכטיקע דערגרייכונגען, וואָס האָבן ראַדיקאַל געענדערט אונזער מצב. אונזער פאַרשטייערשאַפט איז אַנערקענט געוואָרן דורך דער לאָקאַלער בריטישער מאַכט לויט אַ פאַראָרדנונג פון לאָנדאָן.

דער באַזוך אין לאַגער, אין יאַנואַר 1946, פון בריטישען מיניסטער היינד און די פאַרהאַנדלונגען מיט אַנדערע פאַרטרעטער פון „פאָרייגן אָפיס" האָבן קלאָר געמאַכט פאַר די ענגלענדער אַז זיי מוזן עפּעס טאָן רעאַלעס, אַז עס איז זייער חוב צו העלפן לינדערן די נויט נאָך עליה הן אַלס מאַנדאַטאָרן־מאַכט און הן אַלס די אָקופּאַציע־מאַכט פון דער דייטשער זאָנע, ווו מיר האָבן געלעבט.

אין מערץ 1947 איז געקומען די דערקלערונג פון דער בריטישער רעגי־רונג, אַז בעלזען וועט באַקומען צווישן פיר און פינף הונדערט סערטיפיקאַטן אַ חודש פון דער אָפיציעלער קוואָטע. די דאָזיקע סערטיפיקאַטן זיינען געגעבן געוואָרן נאָר פאַר בעלזען, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זיי געהערן אַלע אידן אין דייטשלאַנד. און אַזוי זיינען זיי פאַרטיילט געוואָרן.

* * *

אין אַפּריל 1947 איז אין פּראַג פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון דער אייראָפּייאישער עקזעקוטיווע פון אידישן וועלט קאָנגרעס, ווו מיר האָבן צום ערשטן מאָל אָנטייל־גענומען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַגעגעניש פון קאָנגרעס. מיר האָבן אויך אָנטייל גענומען אין דער 2־טער גענעראַל־פאַרזאַמ־לונג פון א.וו.ק. אין מאָנטרע, אין יולי 1948.

מיר האָבן בעת דער פּראָגער קאָנפערענץ באַזוכט טערעזיענשטאַט, ווו אַ טייל פון אונזער טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט, און פאַרענדיקט מיט אַ באַזוך ביי יאַן מאַסאַריק, ווו מיר האָבן געהאַט אַ האַרציקע אויפנאַמע.

* * *



די דעלעגאַציע פון אידישן צענטראַל קאָמיטעט אין דער בריטישער זאָנע אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון אידישן וועלט קאָנגרעס אין מאָנטרע, יולי 1948. פון לינקס צו רעכטס: הערי גאָלדשטיין, נאָרבערט וואָלהיים, יוסף ראָזענזאַפט, ד. לאופער, ש. ווײַנטראוב, ד. ראָזענטאַל.

דאַן איז געקומען דער געראַנגל פאַר די פּליטים, וועלכע זײַנען אַריבער אויף אונזער זייט פון מזרח. די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט זיי ניט געוואָלט געבן קיין „די־פּי" סטאַטוס, און במילא האָבן זיי ניט געקענט געניסן פון די עלעמענטאַרע רעכט אויף עסן, אַנדערע מאַטעריעלע הילף און בעיקר אויסוואַנדערונג. אויך דעם דאָזיקן קאַמף האָבן מיר געוווּנען, אָבער ניט אָן לאַנגע ויכוחים און פּלאָגענישן.

* * *

אין דער דאָזיקער תקופה איז דעם שרײַבער פון די דאָזיקע שורות צוגעפאַלן די שווערע אָבער גלײַכצײַטיק פּריווילעגירטע אויפגאַבע צו פאָרן קיין אַמעריקע אַלס דער ערשטער פאַרטרעטער און פאַרבינדונג־מאַן פון דער שארית הפליטה מיט דעם אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז כדאי צו דערציילן וועגן אַ מערקווירדיקן אינצידענט אין דעם צוזאַמענהאַנג. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט מיר געגעבן אַ דערלויבעניש צו פאָרן, אָבער לכתחילה האָבן זיי געוואָלט אויסנעמען מיט מיר אַ תנאי, אַז איך זאָל ניט קומען צוריק... איך בין געקומען צוריק און מיר זײַנען געבליבן גוטע פרײַנט. אַזוי איז עס געגאַנגען מיט די ענגלענדער...

עס איז געווען פאַר מיר אַ רירנ־
דיקער און טראַגישער מאָמענט ווען איך בין געשטאַנען פאַר דער ערש־טער „יונייטעד אַפּיל“ קאָנפערענץ, אין אַטלאַנטיק סיטי, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען די גדולי הדור, דר. חיים ווייצמאַן ע״ה, דר. סטיפען ווייז ע״ה, און אליעזר קאַפּלאַן ע״ה, עדואַרד מ. מ. וואַרבורג, דזשול־יוס ראָזענוואַלד, מ. מ. לעוויט, ווי אויך אַנדערע וויכטיקע אידישע עסקנים. למען האמת דאַרף מען צוגעבן, אַז אַפילו דאַן האָבן אידן ניט געגלויבט אין דער גאַנצער טראַגעדיע, וואָס איך האָב פאַר זיי פאַנאַדערגעלייגט.

עדואַרד מ. מ. וואַרבורג, אַן איבערגעגעבענער פריינט פון דער שאדית הפליטה, אַדרעסירט די ערשטע קאָנפערענץ פון „יונייטעד דשואיש אַפּיל“ אין אַטלאַנטיק סיטי, דעצעמבער 1945.

די דאָזיקע אַפּיל קאָנפערענץ, אין אַטלאַנטיק סיטי אין דעצעמבער 1945, האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו געבן אַלע מעגליכע הילף פאַר דער שארית־הפליטה און עס געטאָן ביז דער ליקווידאַציע פון די לאַגערן. אָבער געקומען קיין אַמעריקע בין איך ניט כדי צו בעטן הילף, נאָר כדי איבער־צוגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון דער שארית הפליטה. איך בין ניט געפאָרן אַלס אַפּיל־זאַמלער און דאָס איז פאַר די אַמעריקאַנער אידן געווען אַ נייע דערשיי־נונג: אַ דעלעגאַט פון דער שארית הפליטה וועלכער בעט ניט קיין מאַטעריעלע הילף.

אויך דעם קומענדיקן יאָר איז דער אידישער צענטראַל־קאָמיטעט אין דער בריטישער זאָנע געווען פאַרטראָטן אויף דער אַפּיל־קאָנפערענץ, דאָס מאָל דורך דעם וויצע־פאָרזיצער, חבר נאָרבערט וואָלהיים.

* * *

אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט זיינען צו אונז געקומען די ערשטע שליחים פון ארץ ישראל און מיר זיינען געווען צופרידן זיי צו זען, אָבער ס'איז געווען אַ גוטע זאַך וואָס מיר האָבן לכתחילה געמאַכט אַ באַמיאונג איינצוצוימען דעם פאַרטיי־קאַמף, כאָטש מאַנכע פון אונזערע פריינט פון ארץ ישראל זיינען געווען קעגן דעם. ס'רוב שליחים האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צו אונזער געדאַנקען־גאַנג. זיי זיינען געקומען פון אַ נאָרמאַלער אַטמאָספערע, ווו פאַרטיי־פּאָליטיק איז געווען אַ רעאַלער טאָג־טעגליכער ענין. מיט זייער בעסטן ווילן האָבן זיי ניט געקענט באַנעמען אונזער שטאַנדפּונקט — אַז פאַרטיי־פּאָליטיק האָט ניט קיין טעם אין בעלזען . . .

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט דאַרפן לייגן אַכט אויף דער דאָזיקער דערשיינונג.

אונזער אַנטוישונג מיטן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס נאָך דער מלחמה, אין באַזעל אין דעצעמבער 1946, האָט באַשטעטיקט אונזער ווידערווילן קעגן פּאַרטיי־קאַמף אין אונזער לאַגער. צוקוקנדיק זיך צו דעם פּאַרטיי־געראַנגל אויפן קאָנגרעסהאָבן מיר געזען מיט אַ ווייטיק אין האַרצן ווי דער פּאַרטיי־קאַמף האָט פּאַבלאַסט און פאַרטושט די גאַנצע אידישע טראַגעדיע.

אָבער אינגאַנצן אויסמיידן פּאַרטיי־לעבן האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מען האָט אונז ניט געלאָזט. יעדער איז עס די שליחים טיילווייז געלונגען אין דעם פּרט. ביז מערץ 1947 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אויך פאַרוואַלטעט מיטן בעלזענער קאָמיטעט פון פאַרטרעטער פון אַלע פּאַרטייען. דער פּאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט איז אָבער גלייכצייטיק געווילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פון בעלזענער קאָמיטעט.

* * *

די צוויי הויך־פּונקטן פון אונזער טעטיקייט זיינען געווען די צוויי קאָנגרעסן — דער דערמאָנטער ערשטער קאָנגרעס אין בעלזען און דער צווייטער קאָנגרעס אין באַד האַרצבורג.

באַד האַרצבורג איז, דרך אגב, געווען דער פּלאַץ, וווּ דער אידישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט, אַלס איינע פון זיינע ערשטע אויפגאַבעס, איינגעריכטעט

22 — 20 יולי 1947 - בערגן־בעלזן און באַד האַרצבורג

20.—22. JULI.1947 BERGEN-BELSEN u BAD HARZBURG

20.—22. JULY 1947 BERGEN-BELSEN a. BAD HARZBURG

אַ דעלעגאַטן־קאַרטע צום צווייטן קאָנגרעס פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע, וועלכער איז פאָרגעקומען אין באַד האַרצבורג.



אַ טייל פון די דעלעגאַטן אין זאַלביים צווייטן קאָנגרעס פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע, אין באַד האַרצבורג.

אַ דערהוילונג־היים, ווו 150 פּערזאָן — פון בעלזען גופא און פון די געמיינדעס אין דער בריטישער זאָנע — זיינען מאָנאַטליך אויפגענומען געוואָרן און זיך דערהוילט אונטער מעדיצינישער אויפזיכט און מיט אַלע נויטיקע באַדערפע־

ניסן פאַר דערהוילונג.

דער קאָנגרעס אין באַד האַרצבורג האָט קאָנסאָלידירט אונזערע כוחות און אונטערשטראָכן אונזער באַשלוס צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד פאַר יעדן פרייז. עס איז געווען אַ נאַטירליכע אַנטוויקלונג, אַז אין באַד האַרצבורג זאָלן מיר האָבן באַשלאָסן צו ווידמען אונזערע כוחות דעם פּאָליטישן קאַמף לטובת מדינת־ישראל. מיר זיינען שוין דאַן געווען אין אַ לאַגע צו קעמפן פאַר דער מדינה מיט אַלע אידן פון דער וועלט און ניט נאָר צו זאָרגן פאַר אונזערע טאָג־טעגליכע נויטן.

* * *

בעת איך בין געווען אין אַמעריקע האָט מען מיך אין אָנהויב יאַנואַר, 1946, טעלעגראַפיש אויפגעפאָדערט באַלד קומען צוריק קיין בעלזען בכדי צו דער־שיינען פאַר דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע וועגן ארץ ישראל. די קאָמיסיע איז געקומען קיין בעלזען אין יאַנואַר 1946 און האָט אָפּגענומען גבית עדות אין לאַגער גופא. מיר האָבן געהאַט לאַנגע ויכוחים מיט דער קאָמיסיע, ספּעצ־ציעל מיט די מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען אַנטי־ציוניסטיש געשטימט. אָבער מיר זיינען געבליבן פעסט ביי אונזער אמת און די קאָמיסיע האָט אונזער וואָרט ניט געקענט איגנאָרירן. עס איז מסתמא ריכטיק צו זאָגן, אַז אונזערע דער־קלערונגען פאַר דער קאָמיסיע האָבן בייגעטראָגן צו איר פאָרשלאַג צו געבן באַלד 100,000 סערטיפיקאַטן. בעווין האָט ניט מסכים געווען און דער ענין האָט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג, אָבער דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.

דאָס רונדע הויז, דער זיצאָרט פון אידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין בעלזען.

אין פרילינג פון 1947 איז געקומען קיין בעלזען די קאָמיסיע פון די פאַר־אייניקטע פעלקער — „אונסקאָפּ“ — בראש מיט הוד פון אויסטראַליע. די באַמיאונגען פון די ענגלענדער, אַז מיר זאָלן ניט דערשיינען פאַר דער דאָזיקער קאָמיסיע זיינען דורכגעפאַלן און מיר האָבן געזאָגט אונזער וואָרט. דער צופאַל האָט געוואָלט אַז די קאָמיסיע זאָל טרעפן אויפן וואָקזאַל אַ גרופּע פון 480 פון אונזערע עולים און דאָרטן גופא ריידן מיט זיי. דאָס געזאַנג פון התקווה פאַרן אָפּגיין פון צוג האָט אפשר געזאָגט דער קאָמיסיע מער איידער אונזערע רעדעס...

* * *

דערצו האָבן בעלזען און די געמיינדעס אין זייערע שווערסטע טעג ניט פאַרגעסן צו מאַכן זייער ביישטייער צום אויפבוי פון דער מדינה. היינט קען מען שוין דערציילן: הונדערטער און הונדערטער טאָנען פון לעבנסמיטלען, צענדליקער טויזנטער פאַר נייע שיך, קוואַנטומס פון וועש און דעקעס, הונדערטער קאַסטנס פון מעדיקאַמענטן און מעדיצינישע אינסטרומענטן פאַר האָספּיטאַלן, ווי אויך גרויסע סומעס מזומנים פאַרן קרן קימת, יער בעלזען, קרן ההגנה און אַנדערע פאָנדן, זיינען געגאַנגען פון אונז קיין ישראל. דערביי דאַרף מען נאָך דערמאָנען דעם ענטוזיאַסטישן אָפּרוף פון בעלזען און די אידישע געמיינדעס פאַרן גיוס. אין דעם אַלעם האָבן מיר זיך באַטייליקט ווי גלייכע שותפים מיט אַלע אַנדערע אידן פון דער וועלט.

* * *

טויזנטער און טויזנטער אידן, וועלכע האָבן געוואַנדערט פון סיביר און קאַווקאַז און אוראַל, פון פּוילן, רומעניע און אונגאַרן, זיינען אַריבער די גרעניץ אין יענע טעג און זיינען געקומען צו אונז. צווישן זיי זיינען געווען די פּליטים פון טראַגישן פּאָגראָם אין קעלץ און פון אַנדערע צרות אויף אידן אין מזרח־אייראָפּע.

די אַלע נייע וואַנדערער האָבן ביי אונז געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָ איז אָרגאַניזירט געוואָרן זייער ווייטערדיקער וועג. ווי שווער עס איז ניט געווען אויפצונעמען אין לאַגער נייע טויזנטער אידן, צווישן זיי קינדער און קראַנקע, וועלכע זיינען נאָך דערצו באַרויבט געוואָרן אויף די גרעניצן, האָבן מיר זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס און געמאַכט זייער לעבן אַזוי לייכט ווי מיר האָבן נאָר געקענט.

אין ליבעק ווו זיי פּלעגן דורכפאָרן, האָט מען זיי איינקוואַטירט אין דער סינאַגאָגע — די איינציקע וואָס איז געבליבן שטיין נאָך דער „קריסטאַל נאַכט“. נאָרבערט וואָלהיים מיט זיין ליבעקער געמיינדע האָבן ספּעציעל אַ סך פאַר זיי געטאָן.

טראָץ די אַלע מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען און גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר קיינמאָל ניט געבעטן און ניט גענומען קיין הילף פון דער דייטשער רע־

פראָטעסט קעגן אומקער פון „עקזאָדוס" — יוסף ראָזענזאַפט אַדרעסירט
די דעמאָנסטראַציע.

גירונג אָדער פון דייטשע אינסטיטוציעס. מיר האָבן דאָס אויסגעמיטן ביזן סאַמע סוף פון בעלזען און יעווער.

אונזער רעאַקציע צום אומקער פון די עולים פון „עקזאָדוס" („יציאת איי־ראָפּע") קיין דייטשלאַנד איז געווען ביטער. מיר האָבן פּראָטעסטירט אויף אונ־זער אופן און קלאָר באַוויזן די ענגלענדער, וואָס מיר האַלטן פון אַזאַ האַנדלונג. אונזער פּראָבלעם איז געווען קאָמפּליצירט היות מיר האָבן געלעבט אין דער בריטישער זאָנע. אָבער מאַטעריעל און פּאָליטיש האָבן מיר געטאָן אַלץ פאַר די מעפּילים פון „יציאת אייראָפּע". מיר האָבן בוכשטעבליך אָפּגעגעבן דאָס לעצטע ביסן ברויט פאַר זיי, ביז דער דזשאָינט איז געווען בכוח צו קומען צו הילף. דאָס האָבן געטאָן אַלע אידן פון דער בריטישער זאָנע אַלס אַ נאַטירליכן אויס־דרוק פון ברודערליכער סאָלידאַריטעט.

* * *

דער אינצידענט „דרומית" איז געווען נאָך אַ ווינקלשטיין אין אונזער פּאָ־ליטישן קאַמף. די „דרומית" איז געווען די ערשטע שיף פון מדינת ישראל, וואָס איז געקומען קיין ברעמען נאָך ב אַגאַזש פון עולים. אויף דער „דרומית" זיינען געווען פאַרלאָדן 688 קאַסטנס פון בעלזענער עולים. די שיף איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער, אין וועמענס רשות ברעמען און דער האַפן זיינען געווען. זיי האָבן געזוכט געווער און ענליכע מכשירים — און ווי נאָך געזוכט! — אָבער ניט געפונען. במשך פון אַ גאַנצן יאָר האָט זיך געצויגן אונזער גע־

ראַנגל פאַר דער באַפרייאונג פון לעגאַלן באַגאַזש און בעיקר פאַרן פרינציפּ, אַז די עולים האָבן רעכט אויף אים.

ווען מען האָט נאָכן מאַסן־מאָרד און מאַסן־רויב פון די אידן אין אייראָפּע גענומען זוכן, צו די רעשטלעך פירן ניט אַרויס עפּעס מער איידער די מיזערנע פאַר מאַרקן, וואָס מען האָט זיי דערלויבט, זיינען מיר באמת געווען אויסער זיך פאַר צער און צאָרן און מיר האָבן עס קלאָר געזאָגט פאַר דער געריכט־קאָמיסיע פון בריטישע באַאַמטע און אָפיצירן, צו וועלכער דער ענין איז אַריבער. היות עס איז געווען אין דער בריטישער זאָנע. דער באַקאַנטער לאָנדאָנער אידישער אַדוואָקאַט ראַבינס האָט אונז געהאָלפן מיט דער יורידישער זייט און דער אידישער וועלט־קאָנגרעס האָט גלייכצייטיק אינטערוועניַרט ביי דער בריטישער רעגירונג. דער באַגאַזש איז סוף כל סוף באַפרייט געוואָרן און מיר האָבן שפּעטער געפאָדערט — און באַקומען — קאָמפּענסאַציע פאַר די שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן, און אַנדערע הוצאות.

* * *

איינער פון אונזערע פּאָליטישע פּרינציפּן, אייגנטליך אַן אויסדרוק פון אונזערע געפילן, איז געווען אַז די דייטשן זאָלן ניט האָבן קיין צוטריט צו אונזער לאַגער. די דייטשע באַהערדן האָבן קיינמאָל ניט רעגירט מיטן לאַגער, ניט געהאָט קיין דעה און זיינען בכלל ניט געקומען קיין בעלזען. בעלזען איז געבליבן אַ מין „עקס־טעריטאָריאַלע" איינהייט אויף דייטשער ערד ביזן לעצטן טאָג. ווען דער געבליבענער הייפל פון אַ טויזנט מענטשן איז דעם 6־טן סעפּטעמבער 1950 אַריבער קיין אופּיעווער ביי ווילהעלמסהאַפן און בעלזען איז ליקווידירט געוואָרן. די דאָזיקע טויזנט אידן זיינען געבליבן אין אופּיעווער ביז זייער אויסוואַנדערונג דעם 15־טן אויגוסט 1951, און מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס קאַפּיטל אידישע „די.פּי.'ס" אין דער בריטישער זאָנע.

* * *

געבליבן זיינען אָבער דאָרטן די מאַסן־קברים. און זאָל מיר דערלויבט זיין צו פרעגן: ווי לאַנג וועלן די מצבות אויף די קברים פון אונזערע מאַרטירער בלייבן שטיין ווו זיי שטייען? וויפיל כוח און מי מיר האָבן אַריינגעלייגט צו דערגרייכן די העברייאיש־אידישע אויפשריפט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן דיינקמאָל, וואָס איז דריי הונדערט מעטער ווייט פון אונזער אידישן דיינקמאָל און די מאַסן־קברים! מיר האָבן געהאָפט צו זיכערן דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלע שוץ פאַר די מאַסן־קברים און פאַרן דיינקמאָל, אָבער אין דעם פּרט האָט אונזער קאַמף זיך געענדיקט מיט אַ גרויסן דורכפאַל, וואָס האָט אונז פאַרשאַפט גרויס עגמת נפש. אפשר האָט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס צו גיך נאָכגעגעבן וועגן דעם ענין? און מיר האָבן ניט געהאַט גענוג כוחות אים פאַרצווזעצן אַליין.



דער אינטערנאַציאָנאַלער דיינקמאָל אין בעלזען. צו לינקס איז דער קרויץ, וואָס די פראַנצויזן האָבן אויפגעשטעלט.



אונזער נר תמיד ביים אַריינגאַנג צום רונדן הויז.

דער 15־טער אַפּריל, טאָג פון דער באַפרייאונג פון בעלזען, איז אַ טאָג פון דערמאָנונג פאַר אַלע בעלזענער. אין דעם טאָג זאָגן מיר קדיש און צינדן אָן אַ יאָרצייט־ליכט.

א מינוט שטילשווייגן אויף די מאַסן־קברים אין בעלזען.

אידישע אָרגאַניזאַציעס און אידן אויף דער גאָרער וועלט דאַרפן ניט אונטערשעצן דעם ווערט פון די דאָזיקע קברים און מצבות און זיי דאַרפן קיינמאָל אָן זיי ניט פאַרגעסן.

פאַר אונז האָבן זיי זייער אַ באַזונדערע באַדייטונג! מיר האָבן אונזערע אייגענע זכרונות און סענטימענטן.

דורך דעם דאָזיקן בוך גריס איך אַלע חברים פון בעלזען ווו זיי זיינען. לאָמיר אָנצינדן אונזער אייגענעם נר תמיד נאָך אונזערע נאָענטסטע און טייערסטע און זאָגן אונזער אייגענעם קדיש נאָך די קדושים.

כ׳וויל פאַרענדיקן מיין אַרטיקל מיט די ווערטער, מיט וועלכע עס איז געשלאָסן געוואָרן דער ערשטער קאָנגרעס פון דער שארית הפליטה אין בעלזען — די ווערטער פון קדוש דר. יעקב עדעלשטיין אין בלאָק עלף אין אוישוויץ צום לאַגער־קאָמאַנדאַנט העסלער, וועלכער איז אים געקומען נעמען צו זיין טויט. ווען העסלער האָט געהייסן דר. עדעלשטיין זיך באַאיילן, האָט אים דר. עדעלשטיין געזאָגט מיט שטאָלץ: „מיט מיינע לעצטע מינוטן דעצידיר איך״. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון אונזער גייסט, וואָס קיין כוח אין דער וועלט האָט ניט געקענט ברעכן.

און די דאָזיקע לעצטע ווערטער פון דר. יעקב עדעלשטיין צו אונז אין בונקער זיינען אויך אונזער פאַרזאָג פאַר אַלע דורות.

נאָרבערט וואָלהיים

בעלזען–דער סימבאָל פון אידישן אויפקוים

דער גורל פון אידישן פאָלק איז געהאָנגען אין אַ דעליקאַטן באַלאַנס במשך פון אַרום צוואַנציק יאָר. אַלס פאָלק זיינען מיר אַרויס בשלום און אָנ־געהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע, וואָס האָט זיין ליכטיקסטן פּונקט אין דעם אידישן שטאַאט. אָבער דער פּרייז איז געווען טראַגיש־הויך, און מיליאָנען פון אונזערע ברידער זיינען געפאַלן הילפלאָזע קרבנות פון די נאַצישע מערדער. זייער בלוט שרייט נאָך אַלץ צו אונז פון דער ערד און אונזערע טרערן זיינען נאָך ניט אָפּגעטריקנט.

אין דער דאָזיקער גרויסער דראַמע פון טויט און אַנטרינונג האָט בעלזען דערגרייכט אַ סימבאָלישע באַדייטונג. נאַצישע בעסטיעס האָבן פאַרוואַנדלט דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן אָרט אין אַן אַרענע פון אומגלויבלעכע פאַרברעכנס קעגן דער גאַנצער מענטשהייט, אָבער קודם כל קעגן אידן. גראָז וואַקסט ווידער אויף די פעלדער פון בעלזען, אויף וועלכע מאַסן אידן זיינען אומגעקומען דורך זייערע פּייניקער, און דאָס גראָז פאַרדעקט די ביינער פון די מאַרטירער, אָבער זיי שרייען צו אונזער געוויסן, אַז מיר זאָלן ניט פאַרגעסן וואָס עס איז געשען מיט אונזער פאָלק און מיר זאָלן ניט דערלויבן אַנדערע צו פאַרגעסן.

אָבער דער בייטראָג פון בעלזען צו אידישער געשיכטע איז ניט נאָר ליידן און מאַרטיראָלאָגיע. בעלזען האָט אַ באַזונדערן אָרט אין אונדזער אויפקום און די, וועלכע האָבן געמאַכט זייער בייטראָג צו דעם, קענען זיין שטאָלץ אויף זייער דערגרייכונג.

ווען מיר פּרוּוון אָפּשאַצן די בעלזענער תקופה פון אַ דיסטאַנץ פון וואָסערע 12 יאָר, קענען מיר שוין היינט זען וויפיל בעלזען האָט בייגעטראָגן צו אידי־שער רעהאַביליטאַציע נאָך דער מלחמה.

ווען דער הייפל פאַרבליבענע אידן זיינען סוף כל סוף אויסגעלייזט גע־וואָרן פון נאַצישן גיהינום דורך די אַליאירטע טרופּן, זיינען זיי געווען צו אויס־געמאַטערט צו פייערן זייער באַפרייאונג. יאָרן פון מאַטערניש, הונגער און טויט־אַנגסטן האָבן געלייגט זייער שטעמפּל, און די מאַרטירער האָבן ניט גע־האַט קיין כוחות צו געבן אַן אויסדרוק צו זייערע געפילן אין דער אומפאַרגעס־ליכער שעה פון באַפרייאונג. און ווי אַזוי האָבן מיר געקענט פאַרגעסן אונזערע נאָענטע, וועלכע זיינען שוין מער ניט געווען מיט אונז צו דערלעבן פרייהייט? אונזערע עלטערן, און אונזערע קינדער, אונזערע ברידער און אונזערע שוועס־טער זיינען געווען טויט. מיר זיינען געווען פריי פון בייטש, אָבער אַ שרעקליכער געפיל פון איינזאַמקייט איז אונז באַפאַלן. אַ וויסטקייט האָט אונז אַרומגענומען.

אין דער דאָזיקער שטימונג פון איינזאַמקייט און פּוסטקייט האָבן מיר גע־טאָן דאָס איינציקע, וואָס האָט אונז געקענט ראַטעווען פון פאַרצווייפלונג: מיר האָבן געשאַפן אַ נייע געמיינשאַפט און געפונען נייע ברידער און שוועסטער. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מענטשן אָפט געפרעגט, ווו מיר האָבן גענומען כוחות איבערצוקומען די פיזישע שלאַפקייט און מאָראַלישע דערדריקונג און צו בויען אַ נייע געמיינשאַפט. די תשובה איז, אַז אונזערע שטאַרקסטע און טיפסטע געפילן זיינען געווען אַ דראַנג צו נייע מענטשליכע פאַרבינדונגען און אַ נייע געמיינשאַפט פון גייסטיקע און מאַטעריעלע אינטערעסן, בכדי פּטור צו ווערן פון דער איינזאַמקייט, וואָס האָט געגעסן אונזערע נשמות.

בעלזען איז באַלד געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט. פון דאָרטן האָט מען אָנגעפירט מיט דער רעהאַביליטאַציע פון די אידן אין דער גאַנצער בריטישער זאָנע. דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. די ערשטע פירער פון די ניצול געוואָרענע אידן האָבן פאַרשטאַנען די געפאַר פון אַ געזעלשאַפטליכן וואַקום און האָבן זיך באַלד גענומען צו שאַפן אַן אָרגאַני־זאַציאָנעלן צענטער. די בילדונג פון אידישן צענטראַל קאָמיטעט אין בעלזען איז געווען דער אָנהויב פון אַלע אונזערע טעטיקייטן אין בעלזען גופא און מחוץ פון בעלזען נאָך דער באַפרייאונג. מיר ווילן קיינמאָל ניט פאַרגעסן אונזער חוב פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם דאָזיקן מוטיקן שריט. די שאַפונג פון דער ערש־טער אָרגאַניזאַציאָנעלער איינהייט אין בעלזען איז געווען עפּעס מער איידער אַ זאַמלונג פון מענטשן מיט ענליכע דערפאַרונגען. די דאָזיקע איינהייט, דער אידישער צענטראַל קאָמיטעט אין בעלזען, איז באַלד געוואָרן די אַקס פון אַלע אונזערע באַמיאונגען אויף דעם געזעלשאַפטליכן, ווי אויך אויף דעם פּאָליטישן געביט. דער אידישער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך פאַרמאַסטן צו לייזן די פּראָבלעמען פון די ניצול געוואָרענע זייט זייער באַפרייאונג — און עס איז אים געלונגען.

דער היסטאָרישער אמת פאָדערט, אַז מיר זאָלן די דאָזיקע פּראָבלעמען קלאָר דעפינירן, בכדי מיר זאָלן קענען קלאָר פאַרשטיין די אידישע טעטיקייט

נאָך דער באַפרייאונג. פאַרשטייט זיך אַז עסן און באַקליידונג, דאָס באַערדיקן די טויטע און היילן די קראַנקע האָבן געמוזט זיין די ערשטע שריט נאָך דער באַפרייאונג. און עס וואָלט געווען ניט אַנשטענדיק ניט צו דערמאָנען מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט די באַמיאונגען אין דעם פּרט פון די באַפרייער, ספּעציעל די זעלנער גופא, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ טיפע מענטשליכע סאָלידאַריטעט און אַ סך רחמנות־געפילן אין אַ סיטואַציע פון אומבאַשרייבליכע ליידן, וואָס איז ביז דאַן בכלל ניט געווען באַקאַנט. אָבער נאָך די זעלנער זיינען געקומען די מיליטערישע אַדמיניסטראַטאָרן, וועלכע האָבן ניט געהאַט געזען דעם נאַציש גיהינום מיט די אייגענע אויגן, אַזוי ווי די זעלנער האָבן געזען.

די אַליאירטע האָבן געמוזט שאַפן אַ נייע אַדמיניסטראַציע אויף די חורבות פון דער מלחמה, און די דאָזיקע אַדמיניסטראַציע האָט ניט פאַרשטאַנען אונזערע ספּעציפישע פּראָבלעמען. דאָס דאַרפן מיר געדיינקען. מיר דאַרפן אָן ביטערקייט פעסטשטעלן, אַז די אַליאירטע זיינען געווען לחלוטין ניט צוגעגרייט צו לייזן די פּראָבלעמען פון די „די.פּי.׳ס". די „אַנררא" און די ספּעציעלע „די.פּי." איינהייטן פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע האָבן אָפּערירט אין דייטשלאַנד. זיי האָבן געהאַט זייערע אינסטרוקציעס און זייערע רעגולאַציעס, זייערע סטאַטוטן און זייערע טעגליכע באַפעלן. זיי האָבן געהאַט פּלענער און פּרינציפּן, וואָס וואָלטן געווען זייער גוט פאַר אַ „נאָרמאַלער" נאָך־מלחמה־סיטואַציע. זיי האָבן זיך אָבער ניט געפּאַסט פאַר אונזער סיטואַציע און מען האָט זיי אַפילו ניט געקענט צופּאַסן. דאָס איז געווען אַ טייל פון אונזערע צרות.

למשל: עס האָט אין יענע טעג געגאָלטן אַ סיסטעם פון קלאַסיפיצירן אַלע ניצול געוואָרענע לויט זייער אָריגינעלער בירגערשאַפט. אָבער מיר האָבן געמוזט קעמפן קעגן דעם פון סאַמע אָנהויב, כאָטש מיר זיינען געווען שוואַך און נאָך איינזאַם אין יענע טעג.

די דאָזיקע פּראָצעדור האָט זיך געפּאַסט פאַר פראַנצויזן, האָלענדער, פּאָליאַקן. אין זייערע פאַלן איז עס געווען איינפאַך. אָבער לגבי אידן האָט אַזאַ פּראָצעדור בשום אופן ניט געקענט אַנגעווענדעט ווערן. זיי האָבן ניט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס פּאָליאַקן, ליטווינער אָדער דייטשן. מיר זיינען ניט פאַרפאָלגט געוואָרן אַלס פּאָליאַקן, אָדער ליטווינער, אָדער דייטשן. די אידישע רעשטלעך, וועלכע זיינען ניצול געוואָרן פון די קרעמאַטאָריומס, האָבן ניט געקענט זיך אומקערן צו זייער אָריגינעלער בירגערשאַפט! זיי זיינען געווען נייע מענטשן — אידן, וועלכע האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי באַטראַכטן אַלס אידן.

די נייע הערשער פון דייטשלאַנד האָבן עס לכתחילה ניט באַנומען. זייער טעות אין דעם פּרט האָט געבראַכט צו רייבונגען און צו איראָנישע סיטואַציעס. איך געדיינק זייער גוט אַ באַגעגעניש, וואָס איך האָב געהאַט מיט איינעם פון די אָנפירער פון „אַנררא" אין ליבעק, אין יוני, 1945. ער איז געווען אַ הויך־ראַנגיקער אָפיציר אין דער קעניגליכער אַוויאַציע (ראָיאַל אייר פאָרס) און אַ מלחמה־העלד מיט פיל אויסצייכנונגען. איך בין צו אים געגאַנגען וועגן

„אנררא"־הילף פאַר אַ גרופּע אידן, וועלכע זיינען געווען געבאָרענע אין דייטש־לאַנד, אַזוי ווי איך אַליין, און דעריבער פאָרמעל דייטשע בירגער. דער אָפיציר האָט אַריינגעקוקט אין די סטאַטוטן און שטודירט די אינסטרוקציעס און לסוף האָט ער מיר געזאָגט, אַז צו זיין גרויסן באַדויערן קען ער גאָרנישט טאָן פאַר אונז, היות עס איז ניט פאַראַן אַזאַ אַנערקענטע גרופּע וואָס הייסט „אידן". ער האָט מיר געראָטן צו גיין נאָך הילף צום דייטשן בירגערמייסטער פון ליבעק, היות אַהין גייען אַלע דייטשן נאָך הילף.

איך געדיינק שוין ניט וואָס איך האָב אים געזאָגט אין מיין ביטערן צאָרן. עס איז געווען יוני, 1945! דער פאַקט אַז איך האָב פאַרלאָזן זיין ביוראָ אָן אַ פּאָליציי־באַגלייטונג ווייזט ווי טאָלעראַנט און גוטמוטיק דער דאָזיקער אָפיציר איז געווען. ער האָט מסתמא אַליין פאַרשטאַנען ווי זיין עצה האָט געווירקט אויף מיך . . .

אַזוינע אינצידענטן זיינען געווען אַן אָפטע דערשיינונג אין יענע טעג. מיר האָבן געמוזט צעשטערן די מיינונג, אַז מיר זיינען דייטשן. נאָך אַלעם דעם וואָס מיט אונז איז געשען האָבן מיר אַזאַ מיינונג ניט געקענט דולדן.

אָבער מיר האָבן ניט געקענט קעמפן אַליין קעגן דער דאָזיקער קאָנספּי־ראַציע. און דאָ איז געווען בעלזען אין שכנות מיט אונז! דאָס איז געווען די שטאַרקסטע אידישע גרופּע אין דייטשלאַנד און זי האָט געהאַט איר אייגענעם צענטראַל קאָמיטעט. קיין בעלזען זיינען מיר געגאַנגען נאָך שוץ און הילף קעגן דער קאַלטער וועלט אַרום אונז. אין בעלזען האָבן מיר אויפגענומען אונזער קאַמף פאַר אונזערע רעכטן אַלס כלל און אַלס יחידים. דאָרטן איז געווען די באַזע פון אונזער קאַמף פאַר גלייכהייט און גערעכטיקייט — פאַר פולער פריי־הייט.

די האָספּיטאַלן זיינען נאָך אַלץ געווען פול מיט די קרבנות פון קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. קליידער און עסן זיינען נאָך אַלץ געווען פּראָבלעמען, וואָס האָבן אונז גענאָגט. אָבער מיר האָבן שוין דאַן געמוזט זיך דערמאָנען, אַז אַ מענטש לעבט ניט אויף ברויט אַליין. מיר האָבן געמוזט קעמפן פאַר פּרינציפּן אויך, ווי שווער דאָס לעבן זאָל ניט זיין אָן טעגליכן ברויט.

די שארית הפליטה האָט זיך אָרגאַניזירט אויפן יסוד פון אַ ניט־געשריבע־נער קאָנסטיטוציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין בעלזען און נאָכן קאָנגרעס אין באַד האַרצבורג האָבן זיך די נייע געמיינדעס פון דער בריטישער זאָנע אָנגע־שלאָסן אָן אידישן צענטראַל קאָמיטעט, וואָס האָט נאָכדעם שוין פאַרטראָטן אַלע אידן אין דער זאָנע. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אונזער ביטערער דער־פאַרונג אין אוישוויץ. אונזער קאָמיטעט האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט די אייניקייט פון אַלע אידן.

די שאַפונג פון אידישן צענטראַל קאָמיטעט און די פאַראייניקונג פון אַלע אידן אין דער זאָנע האָט ניט געשאַפן קיין ספּעציעלע רייבונגען און מחלוקתן. עס איז געווען מערקווירדיק אַז אין צענטראַל קאָמיטעט האָבן געקענט אַרבעטן צוזאַמען אין האַרמאָניע אידן פון מזרח און מערב, מיט זייערע פאַרשיידענע דערפאַרונגען אין די אַלטע היימען, זייער פאַרשיידענעם קולטורעלן עבר און

זייער פאַרשיידענעם שטייגער. זיי האָבן געפונען אַ געמיינזאַמען לשון און האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט דערפאָלג. דאָס קען מען ניט דערקלערן דורך אַ גע־מיינזאַמען מאַטעריעלן אינטערעס אַליין. יחידים האָבן אַרויסגעוויזן גוטן ווילן און פאַרשטענדעניס און האָבן געמאַכט אַזאַ צוזאַמענאַרבעט מעגליך. „די.פּי׳ס״ און אַזוי־גערופענע דייטשע אידן האָבן געשאַפן עפּעס, וואָס איז געווען מער איידער אַן אינסטרומענט פאַר פּאָליטיק — עס איז געווען אַ באַגעגעניש פון מוחות און הערצער און זי האָט באַפליגלט אונזער גאַנצע טעטיקייט.

מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכן אַז עס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס דער אויפטו פון יוסף און הדסה ראָזענזאַפט, אַז צווישן אונז אַלעמען אין צענטראַל קאָמיטעט האָט געהערשט אַ גייסט פון פריינטשאַפט און צוטרוי. אַרויסהויבן זייערע נעמען הייסט ניט פאַרקוקן דעם בייטראַג פון אַנדערע, אָבער די דאָזיקע צוויי פאַרדינען אַ ספּעציעל וואָרט פון אָנערקענונג. אָן יוסף (אָדער אונזער אַלעמענס יאָסל) און הדסה ראָזענזאַפט וואָלט די געשיכטע פון בעלזען נאָך 1945 אויסגעזען גאַנץ אַנדערש.

בעלזען איז געוואָרן באַקאַנט אין דער וועלט נאָך דער באַפרייאונג. דער גיהינום, וואָס איז דאָרטן געפונען געוואָרן, האָט גורם געווען צו אַ מבול פון סימפּאַטיע פאַר די ניצול געוואָרענע קרבנות. ווען די ערשטע מאַטעריעלע הילף האָט דערגרייכט דייטשלאַנד איז בעלזען געווען דער נאַטירלעכער פאַרטיילונג־צענטער פאַר דער הילף פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס. אין יענע טעג, ווען די נויט איז נאָך געווען זייער גרויס, האָבן די אידן אין בעלזען, אונטער דער אָנ־פירונג פון יאָסל און הדסה ראָזענזאַפט, פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון כל ישראל חברים. בעלזען האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט, אָבער אידן אין אַנדערע ערטער זיינען אויך געווען אין גרויסער נויט; און די פירער פון די בעלזענער אידן האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז קיין אידישע גרופּע איז ניט געבליבן אָן הילף און קיין איד האָט ניט באַקומען ווייניקער איידער די אידן פון בעלזען גופא. מען האָט געדאַרפט האָבן מוט אין יענע טעג צו טיילן די הילף פאַר בעלזען אויך צו אַנדערע אידן מחוץ פון לאַגער. הונגער איז, כידוע, אַ שלעכטער בעל־יועץ און העלפט ניט צו שאַפן אַ שטימונג פון צוזאַמענאַר־בעט צווישן מענטשן, אָבער בעלזען האָט געהאַט מוט און איז געווען גרויס־מוטיק און האָט אַזוי אַרום געלייגט די יסוד׳ות פאַר אויפריכטיקער צוזאַמענ־אַרבעט.

ניט פיל איז געזאָגט געוואָרן ביז איצט וועגן דער צוזאַמענאַרבעט צווישן די „די.פּי.׳ס״ און די אידישע געמיינדעס אין דער בריטישער זאָנע. אָבער עס איז דערמאָנט געוואָרן אַז מאַנכע דייטשע אידן זיינען ניט געווען להוט אָנצונעמען דעם פּרינציפּ פון פולער אייניקייט און וואָלטן בעסער געוואָלט האָבן דעם פּרינ־ציפּ פון „פעדעראַליזם״. זיי האָבן באַלד זיך אונטערגעגעבן דעם ווילן פון דער מערהייט. מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז מיר וואָלטן ניט געקענט אויס־האַלטן דעם פּאָליטישן דרוק אויף אונז אָן די פּרינציפּן פון באַד האַרצבורג, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט, פּראַקטיש, אין אַ פּאַראייניקטער עקזעקוטיווע מיטן זיץ־אָרט אין בעלזען און מיט אַ ספּעציעלן דעפּאַרטאַמענט פאַר די ענינים

נאָרבערט וואַלהיים אויף אַ מיטינג אונטערן פרייען הימל אין בעלזען.

פון די אידישע געמיינדעס אין דער בריטישער זאָנע. דער דערפאָלג פון דער דאָזיקער סיסטעם איז געזיכערט געוואָרן דורכן פאַקט וואָס דער פאָרזיצער פון אידישן צענטראַל קאָמיטעט איז גלייכצייטיק געווען דער פאָרזיצער פון בעלזענער אידישן קאָמיטעט, און דער וויצע־פאָרזיצער פון אידישן צענטראַל קאָמיטעט איז גלייכצייטיק געווען דער אָנפירער פון דעפּאַרטמענט פאַר די אידישע געמיינדעס.

בעת מיר האָבן דורכגעפירט אין לעבן די באַשלוסן פון באַד האַרצבורג האָבן מיר געלייגט גרויס אַכט אויף דעם, אַז די ספּעציפישע נויטן סיי פון די „די.פּי.׳ס“ און סיי פון די געמיינדעס זאָלן נים פאַרטושט ווערן. די געמיינדעס זיינען געווען אין אַן אַנדער לאַגע איידער די „די.פּי.׳ס“. די באַפרייאונג פון בעלזען האָט געבראַכט די בעלזענער פאָרמעלע פרייהייט, אָבער ניט קיין פולע דערלייזונג. לאַגער־לעבן איז ניט געווען אונזער חלום פון פרייהייט אין די ביטערע

יאָרן אונטער די נאַציס. מיר האָבן געגלויבט אַז מיר פֿאַרדינען עפּעס בעסערס. כאָטש די בעלזענער האָבן זיך אויסגעלעבט אין לאַגער אויפֿן בעסטן אופֿן פֿאַר אַזוינע באַדינגונגען, האָבן אפֿילו פֿאַרצייכנט גרויסע קולטורעלע דערגריי־כונגען און געשאַפֿן אַ מערקווירדיקן קולטור־צענטער אין לאַגער גופֿא, האָבן זיי באַטראַכט דאָס לעבן אין לאַגער נאָר אַלס אַ צייטווייליקע עקזיסטענץ. דאָס געשריי איז געווען: עפֿנט די טויערן פֿון ארץ ישראל.

אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען זיינען געווען אונזערע ברידער און שוועס־טער, וועלכע זיינען געקומען פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פֿון באַהעלטע־ניסן צוריק אין די דייטשע שטעט. לכל הפחות כלפּי חוץ האָבן זיי געלעבט ווי בירגער, כאָטש אין אַן אַטמאָספֿערע, וואָס איז נאָך גאָר ניט לאַנג געווען פֿיינטליך.

דאָס אידישע לעבן אין בעלזען, כאָטש באַשרענקט אין פֿיזישן זין, איז גע־ווען פֿול מיט טעטיקייט און וויטאַליטעט. די בעלזענער האָבן פֿאַרלאָרן זייערע היימען און זייערע משפּחות, זייער האָב און גוטס און די מעגליכקייט צו פֿאַר־דינען פּרנסה, אָבער זיי האָבן אָפּגעהיט זייערע גייסטיקע און רעליגיעזע טראַ־דיציעס, וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק באַלד נאָך דער באַפֿרייאונג. אָבער אין די דייטשע שטעט איז דאָס אידישע לעבן געווען פֿאַראַליזירט. די פֿאַרניכ־טונג פֿון די אידישע קהילות און דייטשלאַנד און די אויסראָטונג פֿון זייערע רע־ליגיעזע און וועלטליכע פֿירער האָט געבראַכט דאָס אידישע לעבן אין דייטש־לאַנד צו אַ טראַגישן סוף. מאַנכע דייטשע אידן האָבן ניט געקענט פֿאַרגעסן אַז דאָס קאָמונאַלע אידישע לעבן האָט דאָרטן געהאַט אַ טראַדיציע און אַ געשיכטע מיט וואָרצלען אין דריטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע אידן האָבן געפּרוּווט ציען דעם פֿאָדים ווייטער. אָבער עס האָט ניט געקענט געשען אָן אַ פּירונג. דער ביי־טערער אמת איז געווען, אַז פֿאַר די דייטשע אידן איז ניט געווען קיין המשך. דאָס הייפֿל ניצול געוואָרענע דייטשע אידן האָבן ניט געקענט צוריק אויפֿשטעלן קיין קהילות לויט די אַלטע טראַדיציעס. דערפֿאַר איז די צוזאַמענאַרבעט צווישן דייטשע אידן און בעלזען געווען אַזוי וויכטיק. די אידשע גרופּעס אין די שטעט זיינען געווען צו אָרים, אין גייסטיקן זין בכל אופֿן, בכדי אויפֿצושטעלן רעלי־גיעזע און קולטורעלע אינסטיטוציעס; און בעלזען איז געקומען ראַטעווען די לאַגע. בעלזען האָט אונז געגעבן אַן אבער־ראַבינער פֿאַר דער זאָנע און אַנדערע גייסטיקע פֿירער און כלי קודש, ווי חזנים, למשל. בעלזען האָט אונז געהאָלפֿן פֿראַוועגען פּסח און די ימים נוראים לויטן אַלטן נוסח.

פֿון דער צווייטער זייט האָבן די אידישע גרופּעס אין דייטשלאַנד געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון בעלזען באַלד פֿון אָנהויב צו דעם פּראָבלעם פֿון קאָמפּענסאַציע. זיי האָבן געבעטן אַז בעלזען און אירע פֿריינט אין דער אידי־שער וועלט זאָלן העלפֿן אין דעם פּרט. די רעאַקציע איז לכתחילה געווען אַנ־טוישנדיק, דעם אמת געזאָגט. „צו קען מען ווען ניט איז גוטמאַכן די עולות?״ — איז געווען די פֿאַרשטענדליכע פֿראַגע, וואָס בעלזען האָט אונז געשטעלט. אָבער בהדרגה זיינען אונזערע פֿריינט אין בעלזען אויך געקומען צום אויספֿיר, אַז דער רעאַליסטישער צוגאַנג פֿון די דייטשע אידן איז, נאָך אַלעמען, ניט אַזוי אויס־

טערליש. דער אַרגומענט אַז דער מערדער דאַרף ניט אַנטלויפן מיטן רויב איז סוף כל סוף אָנגענומען געוואָרן דורך אונזערע בעלזענער חברים.

דער בייטראַג פון בעלזען צום אידישן לעבן אין די דייטשע שטעט איז ניט געווען איר איינציקער בייטראַג. עס איז געווען נאָך עפּעס, אויך זייער וויכטיק. די פּאָליטישע חכמה און די דערפאַרונג פון אונזערע חברים אין בעלזען איז תמיד געווען צו אונזער דינסט. דער דאָזיקער פאַקט האָט אונז געגעבן מוט און כוח אין אַ סך פּאָליטישע קאַמפן.

פון סאַמע אָנהויב, ווען מיר האָבן געלייגט די יסודות פאַר אַ נייע אידיש לעבן, איז אונזער ציל געווען צו מאַכן מעגליך פאַר די הימלאָזע אידן צו פאַר־לאָזן דייטשלאַנד. מיר האָבן אויך געשטרעבט זיי צו העלפן זיך איינאָרדנען אין זייערע נייע היימען. מיר האָבן דאַן ניט דערוואַרט אַז עס וועלן פאַרבייגיין פינף לאַנגע יאָרן איידער דער לעצטער איד וועט פאַרלאָזן די לאַגערן און געפינען אַ נייע היים. מיר האָבן אויך ניט דערוואַרט, אַז מיר זאָלן האָבן אַזויפיל ויכוחים און דאַרפן פירן אַזויפיל דיפּלאָמאַטישע קאַמפן וועגן דעם. דער אָפּרוף פון די שטאַאַטסמענער פון דער וועלט צו אונזערע פאָדערונגען איז געווען אַ ביטערע

ענגלישע סאָלדאַטן העלפן די מעפּילים פון „עקזאָדוס״ אַראָפּגיין פון צוג בעת זייער געצוואונגענעם אומקער קיין דייטשלאַנד.

אַנטווישונג, ספּעציעל זיך דערמאָנענדיק, וואָס איז געשען מיט אידן בכלל און מיט די בעלזענער בפרט. חוץ אַ גרויסצוגיקן זשעסט פון שוועדן (די „בערנאַ־דאָט־אַקציע״) וווהין זעקס טויזנט קראַנקע אידן זיינען געפאָרן אויף דערהוילונג, זיינען די טויערן פון דער וועלט געבליבן פאַר אונז געשלאָסן. דער ישוב האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאַנדאַט־מאַכט פאַר עליה, אָבער אָן דערפאָלג. די פאָר וויזעס קיין אַמעריקע און ענגלאַנד און די געציילטע סערטיפיקאַטן פאַר עליה, וואָס מען האָט אונז פאַרגעלייגט אַלס אַ מין ספּעציעלע טובה, האָבן אפילו ניט אָנגעהויבן לייזן דאָס פּראָבלעם. די וואַרטנדיקע אידן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער געדולד און מיט דעם איז געוואַקסן די טעטיקייט פון אידישע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועמען מיר האָבן שוין דאַן געאַרבעט אַלס גלייכע מיט גלייכע.

די רעגירונגען האָבן זיך כסדר אַרויסגעדרייט מיט צוזאָגן און האָבן געפּרווט אונז און די וועלט פאַרבלענדן די אויגן מיט פאַרשיידענע קאָמיסיעס. מיר האָבן געהאַט די קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער און מיר זיינען דערשינען פאַר דעם ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט — די טויערן זיינען געבליבן פאַרמאַכט.

בעת די אַנטוויקלונגען אין ישראל האָבן געפירט, ליידער, צו שפיכת דמים, האָבן מיר געפילט די אָפּקלאַנגען אין דער בריטישער זאָנע. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן געפונען פאַר נויטיק, בעת איינעם פון אונזערע באַזוכן אין לאָנדאָן, צו גיין צום קריגס־מיניסטער וועגן דעם, בכדי צו פאַרמיידן רעכטצייטיק צרות פאַר אידן אין דער זאָנע. אונזער אינטערווענץ האָט פאַרמידן צרות, אָבער דאָס פּראָבלעם איז ניט פאַרשוווּנדן. אין יענע שווערע טעג, ווען עס האָט געהערשט אַ שפּאַנונג צווישן אונז און די לאָקאַלע אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט פאַרשיבן די לייזונג פון „די.פּי.״־פּראָבלעם, האָבן צוויי פאַקטאָרן אונז געהאָלפן אַריבערקומען אַלע שטרויכלונגען. קודם כל אונזער סאָלידאַריטעט. די אידישע געמיינדעס און די בעלזענער האָבן געאַרבעט האַנט־אין־האַנט פאַר אַ פרייער עליה און אויף פיל אַנדערע געביטן, אַזוי אַז אונזערע קעגנער האָבן ניט געקענט געפינען קיין „קווילינג״ צווישן אונז, כאָטש זיי האָבן געזוכט ווי מיט ליכט. דאַן די שטענדיקע און לאָיאַלע הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונזערע פריינט אין לאָנדאָן. זיי האָבן אויסגענוצט זייערע קאָנטאַקטן אין בריטישע פּאָליטישע קרייזן, און זייערע גוטע באַציאונגען מיט מיטגלידער פון דער בריטישער רעגירונג, לטובת אונזערע פּראָבלעמען. אַ דאַנק דער דאָזיקער פאַרבינדונג האָבן מיר שטענדיק געקענט נוצן אונזער „דירעקטע ליניע״ קיין לאָנדאָן ווען אונזערע אינטערווענצן ביי די לאָקאַלע אַדמיניסטראַטאָרן האָבן ניט געהאָלפן און דער וועג „דורך די אָנגענומענע אינסטאַנצן״ איז געווען צו לאַנגזאַם פאַר אונז. אָפטמאָל זיינען אין לאָנדאָן אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן בעת די לאָקאַלע מאַכט האָט נאָך „באַטראַכט דעם ענין״. די דאָזיקע דירעקטע פאַרבינדונג מיט לאָנדאָן, דורך דער הילף פון אונזערע לאָנדאָנער פריינט, האָט אָפט געפירט צו קאָמישע סיטואַציעס. כאָטש יאָסל און איך זיינען געווען אַנערקענט אַלס די פאַרטרעטער פון די אידן אין דער בריטישער זאָנע דורך דעם בריטישן אויסערן מיניסטעריום (פאָרייַן אָפיס) האָבן מיר קיינמאָל ניט געזען

קיין הויף־קאָמיסאַר. מיר זיינען ניט איין מאָל אויפגענומען געוואָרן דורך בריטישע מיניסטאָרן, וועלכע האָבן פאַרוואַלטעט מיט דער זאָנע, אָבער קיינמאָל ניט דורך דעם הויף־קאָמיסאַר אין דער זאָנע גופא.

עס איז שווער אַרויסצוהייבן איינצעלנע נעמען אין שייכות מיט אונזער צוזאַמענאַרבעט מיט די לאָנדאָנער פריינט. זיי האָבן געטאָן אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט פון אונזערטוועגן — אַלס אַ גרופּע. אָבער אַן אויסנאַם מוז געמאַכט ווערן אין דעם פאַל פון דר. נח באַרו זכרונו לברכה. ער האָט אונז געבראַכט זיין חבר׳שאַפט און זיין הילף שוין בעת דער ערשטער באַגעגעניש. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשוינט אין זיין טעטיקייט לטובת אונז. באַרו איז אַמאָל אַליין געוועזן אַ פּליט — איידער ער איז געקומען קיין לאָנדאָן, ווו ער האָט געפונען זיין פּלאַץ אַלס געלערנטער און עסקן. ער האָט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ער האָט רעאַגירט אויף דער טראַגעדיע פון היימלאָזיקייט אַזוי ווי ער אַליין וואָלט געוועזן איר קרבן. ער איז כל ימיו געוועזן אַן אַנטיילנעמער אין קאַמף פאַר מענטשליכע רעכט און מענטשליכע ווירדע און ער האָט געזען דעם דורכפאַל פון דעם דאָזיקן קאַמף און זיינע טראַגישע פאָלגן. דאָס האָט אים באַוועגט צו ווידמען אַלע זיינע טאַלענטן און כוחות פאַר דער רעהאַביליטאַציע פון דעם הייפל ניצול געוואָרענע אידן. זיין הילף האָט געטראָגן דעם שטעמפּל פון טיפער מענטשלעכקייט. ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן מיד פון אונז און האָט געפונען צייט אפילו פאַר קליינע ענינים פון יחידים. ער איז שטענדיק געוועזן גרייט, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. זיין שיינע לאָנדאָנער היים איז תמיד געוועזן אָפן פאַר אונז און ער און זיין פרוי האָבן אונז אַלעמאָל אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס. ניט איינמאָל האָבן מיר אָפּגעהאַלטן נאַכט־זיצונגען אין באַרו׳ס הויז. עס איז ניט געוועזן קיין איין פאַזע פון אונזער טעטיקייט, אין וועלכער באַרו האָט ניט אַנטייל גענומען. אָבער איך וויל דערמאָנען נאָר אייניקע אויפטוען — בריחה, די פאַרוואַנדלונג פון בעלזען אין אַ אידישן לאַגער און די טראַגעדיע פון „יציאת אייראָפּע“ („עקזאַדוס“).

צוויי אינצידענטן וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זיי ווייזן ביידע וואָס חבר באַרו, ווי מיר פלעגן אים רופן, האָט פאַר אונז באַדייט.

די געשיכטע פון „יציאת אייראָפּע“ איז גוט באַקאַנט. ערנעסט בעווין האָט געהאַט באַשלאָסן „צו געבן די אידישע אַגענץ אַ לעקציע“ און געהייסן ברייַנגען די מעפּילים פון „יציאת אייראָפּע“ צוריק קיין דייטשלאַנד. האַמבורג איז געוועזן דער פּאָרט פון זייער אויסשטייג. צוויי פּליטים־לאַגערן זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר זיי ניט ווייט פון ליבעק. די לאַגע איז געוואָרן זייער געשפּאַנט. מיר זיינען אַליין געוועזן פול מיט צער און צאָרן, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָדערן, אַז אונזערע מענטשן זאָלן זיך באַהערשן סיי אין בעלזען און סיי אַנדערשוו, היות מיר האָבן מורא געהאַט אַז די שפּאַנונג קען דערפירן צו אויסברוכן פון גוואַלטטאַטן. מיר האָבן אויך אַפּעלירט צו לאָנדאָן נאָך הילף. די איינציקע אידישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך אָפּגערופן, איז געוועזן דער אידישער וועלט־קאָנגרעס. נח באַרו איז געשיקט געוואָרן צו אונז מיט דער אומדאַנקבאַרער אויפגאַבע צו העלפן אין אַזאַ פיינליכער סיטואַציע. ער איז געוועזן מיט אונז דעם טאָג

ווען די פּליטים זיינען געצוווּנגען געוואָרן אויסצושטייגן אין האַמבורג. דער גוּ־בערנאַטאָר פון האַמבורג, בערי, איז געקומען אויפּפּאַסן אויף דער אָפּעראַציע פון אַ ספּעציעלער פּלאַטפאָרמע. בערי און באַרו האָבן זיך געקענט פון פריער. זיי זיינען אַמאָל געזעסן ביידע אין אַ קאָמיטעט פון דער „פּייביאַן סאָסייטי". אָבער זיי האָבן זיך ניט געהאַט געטראָפן במשך פון יאָרן. ווען בערי האָט גע־הערט אַז באַרו איז דאָ, האָט ער אים איינגעלאַדן אויף זיין פּלאַטפאָרמע און אים באַגריסט מיט פריינטשאַפט און וואַרימקייט, כאָטש עס איז געווען קלאָר אַז ער האָט זיך געפילט ניט געמיטלעך. באַרו האָט אים אויך באַגריסט העפלעך, כאָטש ער איז געווען זייער אויפגערעגט, און דאַן באַמערקט אויפן קול: „איז עס ניט אַ טראַגעדיע אַז צוויי סאָציאַליסטן זאָלן זיך באַגעגענען אין אַזוינע באַדינגונ־גען?" בערי האָט געשוויגן . . .

די שפּאַנונג האָט דערגרייכט אַ נייעם הויכפּונקט צוויי טעג שפּעטער. די מעפּילים זיינען געבראַכט געוואָרן אין די צוויי לאַגערן ביי ליבעק, אָבער זייערע אָנפירער, וועלכע האָבן געהאַט אָרגאַניזירט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, זיינען אַוועקגענומען געוואָרן אַנדערשוואו. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די אָנפירער פון די מעפּילים וועלן געהאַלטן ווערן אין די זעלבע לאַגערן, אָבער אין ספּעציעלע פּלעצער, אַרומגעצוימט מיט שטאַכלדראַט. מיר האָבן אָנגענומען אַז די דורכפירונג פון אַזאַ פּלאַן קען ברענגען צו שפיכת דמים. באַרו איז געווען דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט אפשר געקענט פאַרמיידן די טראַגעדיע.

אויף מאָרגן פרי זיינען מיר אויפגענומען געוואָרן דורך קאָלאָנעל קוק, דער אָפיציר וועלכער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון די „די.פּי.׳ס" אין דער געגנט פון ליבעק (אַ מענטש מיט אַ סך סימפּאַטיעס פאַר די מענטשן אויף וועמען ער האָט אויפגעפּאַסט), און בריגאַדיר קענזינגטאָן, וועלכער איז אַראָפּגעקומען קיין ליבעק אין צוזאַמענהאַנג מיט די „יציאת אייראָפּע" ענינים. באַרו האָט ניט פאַר־לאָרן קיין צייט אויף הקדמות. ער האָט זיי געזאָגט אַז ער האָט זיך געשעמט קוקנדיק אויף די מעפּילים בעת זיי זיינען אויסגעשטיגן אין האַמבורג, און צוּ־געגעבן: „איך בין תמיד געווען שטאָלץ אויף מיין בריטישע בירגערשאַפט. איך בין געווען צופרידן צו זיין אַ בירגער פון אַ לאַנד, וווּ עס איז פאַראַן רעספּעקט פאַר גערעכטיקייט און מענטשליכע רעכט; איך האַלט אייך ניט פאַראַנטוואָרט־ליך פאַר די באַשלוסן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין לאָנדאָן. איר פירט נאָר דורך באַפעלן. אָבער איצט איז די צייט צו ווייזן, אַז אין ענגלאַנד הערשט נאָך מענטשליכקייט. באַפרייט די אָנפירער פון די מעפּילים. זיי האָבן זיך קעגנגע־שטעלט ווייל זיי האָבן געקעמפט פאַר אַן אידעאַל".

אין עטלעכע שעה אַרום זיינען די אָנפירער אָנגעקומען אין לאַגער. זיי האָבן זיך געקענט פריי באַוועגן אין לאַגער, אַזוי ווי די אַנדערע אינטערנירטע, און זיי זיינען ניט געווען אָפּגעזונדערט פון זייערע חברים.

אין אַ יאָר אַרום, דעם 15־טן מאַי, 1948, איז מדינת ישראל פּראָקלאַ־מיר געוואָרן. די געשיכטע פון די „די.פּי.׳ס" האָט דאַן גענומען אַ נייע ווענדונג. די שארית הפליטה האָט געקענט פאַרווירקליכן דעם חלום. ענדליך איז גאולה שלמה געווען נאָענט. די שמחה פון די אידן אין בעלזען און מחוץ פון בעלזען איז

נאָר פאַרשטערט געוואָרן דורך די ידיעות וועגן די געפאַלענע העלדן אין דער מלחמת העצמאות, צווישן זיי חברים אונזערע און שליחים, וועלכע האָבן מיט אונז געהאַט געאַרבעט.

ישראל האָט געוווּנען די מלחמה און שיבת ציון איז געוואָרן אַ ווירקליכ־קייט. אין דעם נייעם שטאַאט האָט די שארית הפליטה געדינט אַלס אַ דערמאָ־נונג פון דער טראַגעדיע אין אייראָפּע. זיי האָבן אויך באַשטעטיקט דורך זייערע אייגענע דערפאַרונגען, אַז גאולה שלמה איז מעגליך נאָר אין מדינת ישראל.

בעלזען קען מיט רעכט זיין שטאָלץ אויף איר ראָל אין די גורל׳דיקע טעג נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער, וועלכער וועט דאַרפן אָפּשאַצן די דאָזי־קע תקופה, וועט האָבן אַ שווערע אויפגאַבע. אַזאַ סיטואַציע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אונזער געשיכטע. וואָס זיינע אויספירן זאָלן ניט זיין — ער וועט זיכער פעסטשטעלן, אַז בעלזען האָט געבראַכט כבוד דעם אידישן פאָלק, און אַז די מאַרטירערס פון דער נאַצי־תקופה האָבן געפונען אין זיך גענוג גייסטיקע און פיזישע כוחות צו בויען אַ ניי לעבן. זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם טאָל פון טויט און זיינען אַרויסגעקומען בשלום, צו געבן אידן אַ נייע האָפענונג. זיי האָבן פּראָקלאַמירט די אייביקייט פון אידישן פאָלק!

דעריק סינגטאָן
(דער ערשטער בריטישער אָפיצער אין בעלזען)

דער 15־טער אַפּריל 1945

„אויב מיר וועלן מסכים זיין פאַרבייצוגיין דעם דאָזיקן פּלאַץ, בעלזען, וועלן די דייטשן אפשר אונז אָפּגעבן אַן אַ שלאַכט דעם בריק ביי ווינזען"—האָט געזאָגט דער לייטענאַנט. מיר האָבן בשעת מעשה שטודירט די אָפּעראַציעס אין אַ לאַנד־קאַרטע ביי דעם קאַראַוואַן פון אונזער דיוויזיע־שעף.

עס איז געווען דער 12־טער אַפּריל 1945. דאָס גראָז איז שוין געוואַקסען אין די גרעבענער ביים וועג און אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן אויפן שאָסיי, אַזוי ווי אין נאָרמאַנדיע.

„וואָס איז בעלזען?"—האָב איך געפרעגט.

„בעלזען איז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. עס שיינט אַז דאָרטן הערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע און היטלער האָט געשיקט אַ פּערזענליכן פאַרטרעטער צו פאַרהאַנדלען וועגן פאַר'חתמ'ענען דעם לאַגער."

„עפּעס איז דער ענין ניט גלאַט."

„ממ... עס איז ניט גלאַט, אינגאַנצן ניט גלאַט"...

איך בין אַרויסגעפאָרן פון דיוויזיע־שטאַב אין מיין אויטאָמאָביל מיטן הויכריידער. דער אויטאָמאָביל איז געווען אַ ביסל קאַליע נאָך דער טרייסלעניש צווישן ווענלאָ און אַלער. איך בין געווען מער פאַראינטערעסירט מיט די כוונות פון בריגאַדיר פון דער הונדערט־ניין־און־פופציקסטער בריגאַדע, וועלכער האָט אונז געבעטן ריידן צום שונא דורך די הויכריידער, איידער מיט די סודות'דיקע פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אויפן וועג.

פיר שעה שפּעטער, ווען איך בין געשטאַנען אין הויף פון אַ לאַנדווירט, ווו עס איז געווען דער שטאַב פון דער הונדערט־ניין־און־פופציקסטער בריגאַדע,

האָב איך באַמערקט די רויטע עפּאָלעטן פון אַ הויך־ראַנגיגן אָפיציר פון אַכטן קאָרפּוס. ער איז געגאַנגען איבערן הויף מיט נאָך איינעם אָפיצערן און אין מיטן פון דער גרופּע האָט שפּאַצירט אַ דייטש אין אַ גראַ־בלאָער אוניפאָרם. איך האָב דעם זעלבן דייטשן שפּעטער באַגעגנט אַלס דעם אַרמיי־קאָמאַנדיר פון בערגען־בעלזען.

ביים מיטאָג האָט דער בריגאַדיר מיר געזאָגט: „איך האַלט אַז דו זאָלסט זיך אָנשליסן אָן אונזער אָפּטיילונג און גיין פאָרויס מיט דיין הויכריידער און ריידן צו יעדן דאָרף איידער מיר אַטאַקירן.“

„מיר קענען פּרוּוון,“ האָב איך געענטפערט און דערביי געטראַכט וועגן דער באַקאַנטער רוטין: דאָס שרייבן האַסטיק אין נאָטיצביכל מיט אַ בליי־פעדער; די הייזעריקע געשרייען אין הויכריידער; דער קנאַל פון די קאַנאָנען און דער גרילץ פון די אויפרייסן... איך אַליין ליג אויסגעצויגן און טוליע זיך צו דער מאַמע ערד...

אויף מאָרגן האָט דער בריגאַדיר מיך געשיקט רופן.

„דער דאָזיקער פּלאַץ, ווינזען, איז די פּראָבע,“ האָט ער מיר פאַרזאָגט.

מיר האָבן זיך גערירט פאָרויס אויפן גלייכן שטויביקן וועג צו מזרח פון טייך אַלער. באַלד זיינען מיר געפאָרן אין ריי מיט די שערמאַן־טאַנקעס, וואָס האָבן געקריצט און געגרילצט. מעגליך אַז ווינזען איז געווען אַ פּראָבע, אָבער ניט פאַר אונזער אָפּטיילונג פון פּסיכאָלאָגישער פּראָפּאַגאַנדע.

לויט די ווערטער פון באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר איז ווינזען געווען אַ „קלעפּי־קער ענין“.

אַרום פינף אַזייגער איז דער ערשטער טאַנק אונזערער אַריינגעפאָרן אין דער פייער־ליניע פון אַן אַכט־און־אַכציק־מילימעטער האַרמאַט, וואָס איז געווען פאַרשטעקט צווישן בוימער ביי אַ בויג אויפן וועג. דעם גאַנצן אָוונט איז אונזער אינפאַנטעריע אַרומגעלאָפן איבערן וואַלד. זיי האָבן געברענט די קוסטעס און געשאָסן אין די אקאפּעס צווישן די בוימער, ווו דער שונא האָט נאָך אַלץ געלויערט.

באַלד ווי מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין אַן אָפענעם רוים אין וואַלד צו נעכטיקן האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי פון קאַנאָנען און מיר האָבן געזען די פלאַמען און די אויפגעריסענע ערד. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן בויך...

אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן מיר געפונען דעם פאַר׳שרפ׳טן קערפּער פון א זעלנער ביי אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קאַנאָנען־קויל. דער לאַסט־אויטאָמאָביל האָט געברענט. די שיך ביי דעם זעלנער זיינען געבליבן פעסט צוגעבונדן צו זיינע פיס, אָבער זיינע איבעריקע בגדים זיינען געווען פאַרברענט. מיר האָבן געזען דאָס נאַקעטע פלייש, שוואַרץ פון פייער...

עס האָט גענומען צוועלף שעה צו דעראָבערן ווינזען.

מיר האָבן אויפגעזוכט דעם אָרטסגרופּענלייטער באַלד נאָכדעם. ער איז נאָך געווען אינדערהיים—אַ שטילער אַלטער מאַן מיט אַ געבויגענעם רוקן און גראָע האָר. אויפן טיש איז געלעגן אַ פידל. צוויי בלייכע פרויען אין צימער

האָבן קענטיק געהאַט געווינט איידער מיר זיינען אַריין. זיי האָבן דערוואַרט זיין אַרעסט...

ביים אַריינפאָר צום שטאַב פון דער בריגאַדע האָט אונז אָפּגעשטעלט אַ שטאַב־אָפיצער:

„אַ ידיעה איז איצט ערשט אָנגעקומען פון דער דיוויזיע. זיי ווילן איר זאָלט גלייך גיין פאָרויס מיט אייער הויכריידער צו דעם דאָזיקן אָרט, קיין בעלזען“...

קאָלאָנעל טיילאָר, וועלכער האָט קאָמאַנדירט דעם דריי־און־זעכציקסטן אַנטי־טאַנק רעגימענט, האָט באַקומען די שטעלע פון קאָמאַנדאַנט פון בעלזענער לאַגער. ער איז געווען זייער פאַרנומען ווען איך האָב אים באַזוכט אין זיין שטאַב אין אַ וואַלד ביים וועג צווישן שוואַרמשטאַדט און ווינזען. זעכציק טויזנט „פּאָליטישע געפאַנגענע“, אַ גרופּע ס.ס.־לייט און אַ טיפוס עפּידעמיע—ניט קיין לייכטע אויפגאַבע...

ער האָט מיר געוויזן אַ קאָפּיע פון אַ הסכם צווישן דעם גענעראַל פון אַכטן קאָרפּוס און דעם דייטשן אַרמיי־קאָמאַנדיר פון בעלזען. אויפן סמך פון דעם דאָזיקן הסכם האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן אַ „נויטראַלע זאָנע“ אַרום בעלזען. שיסן פון לאַגער אָדער אין לאַגער אַריין איז געווען פאַרבאָטן. אַ באַטאַליאָן דייטשע אינפאַנטעריע און אַן אונגאַרישער רעגימענט האָבן געדאַרפט בלייבן אין בעלזען צו היטן דעם פּערימעטער און פאַרמיידן אַ מאַסן־לויף פון לאַגער. אַרום פופציק ס.ס. לייט, אַדמיניסטראַטאָרן ניט קיין זעלנער, האָבן געזאָלט וואַרטן אויפן בריטישן קאָמאַנדאַנט אים איבערצוגעבן דעם לאַגער.

קאָלאָנעל טיילאָר׳ס אינסטרוקציעס צו מיר זיינען געווען צו פאָרן פאָרויס מיט די ערשטע בריטישע טאַנקעס, אַריינפאָרן אין לאַגער און מאַכן מיטיילונגען דורכן הויכריידער. איך האָב געדאַרפט זאָגן די געפאַנגענע, אַז כאָטש זיי זיינען כּמעט באַפרייט פון די דייטשן דאַרפן זיי ניט פאַרלאָזן דעם לאַגער בכדי ניט צו פאַרשפּרייטן קיין טיפוס. איך האָב זיי אויך געדאַרפט זאָגן אַז דער אונגאַרישער רעגימענט, וואָס האָט געהאָלפן די ס.ס., וועט אַרונטערפאַלן אונטער בריטישע אָרדערס, אָבער להבא אויך היטן דעם לאַגער. איך האָב אויך געדאַרפט פאַרזיכערן די באַפרייטע, אַז עסן און מעדיקאַמענטן וועלן תיכף געבראַכט ווערן אין לאַגער אַריין.

מיר האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן קאָלאָנעל טיילאָר דעם זעלבן אָוונט אין בערגען, וווהין ער איז געפאָרן זוכן אַ דייטשן אַרמיי־קאָלאָנעל, וועלכער האָט געזאָלט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם ראַיאָן אַרום בעלזען.

אַרום צוועלף ביי טאָג זיינען מיר אָפּגעפאָרן. מיר זיינען דורכגעפאָרן דורך ווינזען און דאַן צו צפון־מזרח. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעיאָגט אַ לאַנגע ריי טאַנקעס, סקויט־אויטאָמאָבילן און ברען־האַרמאַטן פון די דריי־און־צוואַנציק־סטע הוזאַרן. נאָך אַ שמועס מיטן „אינטעלידזשענס“־אָפיצער פון רעגימענט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעבויגן פון זיין טאַנק און געשריען צו אונז אויפן קול, בכדי מיר זאָלן אים קענען הערן דורכן געטומל פון די טאַנקעס, זיינען מיר אַריין אין ריי. די פעלדער זיינען פאַרשווונדן און אַנשטאָט זיי האָבן זיך באַוויזן

שמעקענדיקע סאָסנאָווע וועלדער אויף בײדע זײַטן פון וועג. די אינפאַנטעריע האָט נאָך אַלץ געשאָסן אין די קוסטעס, טאָמער זײַנען נאָך פאַראַן באַהאַלטענע דײַטשן, און די בוימלאַך האָבן געברענט פון בײדע זײַטן וועג. מיט אַמאָל האָט דער „אינטעלידזשענס״־אָפיצער צוגעשריִען צו מיר:

„צוויי דײַטשן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער גייען אויפן וועג אין אונזער ריכטונג. זע וואָס דו קענסט זיך דערוויסן פון זיי״.

מיר האָבן אָפּגעשטעלט די צוויי מענער. בײדע האָבן געטראָגן ציווילע קליידער. יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ קליין פּעקל. איך האָב זיי געפרעגט ווער זיי זײַנען.

„איך בין פון עלזאָס. איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין 1943 פאַרן ניט וועלן דינען אין דער דײַטשער אַרמיי.״

„איך בין פון גובען. מײַן פאָטער האָט געהאַט אַ שײַנק, וואָס איז פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי ווײַל סאָציאַל־דעמאָקראַטן פלעגן זיך דאָרטן טרעפן.״

זיי זײַנען ניט געווען לאַנג אין בעלזען. צוזאַמען מיט נאָך זעקס הונדערט דײַטשן זײַנען זיי אַרויסגענומען געוואָרן פון לאַגער דורך די ס.ס. און אַוועקגעשיקט געוואָרן צופוס. זיי האָבן זיך געהאַט באַהאַלטן אין אַ וואַלד. ווען די בריטישע זײַנען געקומען צו זייער באַהעלטעניש האָבן זיי זיך געמעלדעט. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז די גרעניץ פון דער נויטראַלער זאָנע איז קלאָר באַצייכנט מיט ווײַסע נאָטיצן: „סכנה—טיפוס.״ אין פינף מינוט אַרום האָבן מיר דערזען די ערשטע נאָטיץ. צוויי לאַנס־קאָרפּאָראַלן, איינער אַ דײַטש און דער צווייטער אַן אונגאַר—די אונגאַרן האָבן געטראָגן אַנדערע אוניפאָרמעס—זײַנען אַרויפגעקומען אויפן וועג. דער דײַטש האָט מיר געגעבן אַ צעטל. עס איז אויף אים געווען אויפגעשריבן: „קאָמאַנדיר פון די אַליאירטע ,אַכטונג׳.״ דאָס איז געווען אַן אײַנלאַדונג פון דײַטשן קאָמאַנדאַנט אין בעלזען פאַרן קאָמאַנדיר פון די בריטישע טרופּן זיך צו באַגעגענען. די שערמאַנס זײַנען פאַרבײַגעפאָרן און מיר זײַנען אויך באַלד נאָכגעפאָרן.

אויפן נעכסטן בויג אין וועג האָבן מיר געזען דעם אַרײַנגאַנג צום לאַגער, וואָס איז געווען אַ שטאַנג איבערן וועג און אַ פּאָר הילצערנע וואַך־שטובן פון בײדע זײַטן. עטלעכע אָפיצירן, גוט אָנגעטאָן, האָבן געוואַרט בײַם אַרײַנגאַנג. מיר האָבן פאַרקירעוועט צום לאַגער. לויט די עפּאָלעטן האָבן מיר געקענט דערקענען אין דער גרופּע די ס.ס., די אוניפאָרם פון אַן אונגאַרישן אָפיצער און וועהרמאַכט־אָפיצערן.

די גרופּע האָט אונז סאַלוטירט בעת איך בין אַרויס פון אויטאָמאָביל. איך האָב געפרעגט איינעם פון זיי, אַ האויפטשטורמפיהרער, וואָס עס טוט זיך אין לאַגער. ער איז געווען אַ שטאַרק־געבויטער מאַן מיט אַ פעטן געזיכט און אַ שניט איבערן באַק. ער האָט געלאָזן געענטפערט:

„זיי זײַנען רואיק צום מאָמענט.״

״איך וועל אַרײַנפאָרן און מאַכן אַ מיטיילונג דורכן הויכריידער״—האָב איך אים געזאָגט.

דער אונגאַרישער קאַפּיטאַן איז אַרויסגעגאַנגען אַ טריט פאָרויס און האָט געזאָגט מיט אַ שטים פון גוט־פריינטשאַפט:

„איך וואָלט ניט גיין אינעווייניק. זיבן מענטשן אַ טאָג שטאַרבן פון פלעק־טיפוס." דער מיטן פעטן געזיכט—ער איז געווען יאָזעף קראַמער—האָט אויף גיך צוגעגעבן:

„זיי זיינען רואיק צום מאָמענט. עס וואָלט געווען ניט קלוג צו ריזיקירן אַ געפילדער".

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם ציל פון הסכם מיט די דייטשן, וואָס איז געווען צו פאַרמיידן אַ טיפוס־עפּידעמיע הינטער דער בריטישער אַרמיי. מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן אויף קאָלאָנעל טיילאָר. דערווייל האָבן מיר גע־שמועסט מיט די דייטשן און אונגאַרן. איך האָב געפרעגט קראַמערן, וואָס פאַר אַ מין געפאַנגענע ער האָט דאָרטן אין בעלזען.

„האָמאָסעקסואַליסטן און פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער און אַ ביסל ביבל־פאָרשער", האָט ער געענטפערט און דערביי מיך געגנבֿ'ט באַקוקט ווי איך רעאַ־גיר אויף זיין תשובה.

„און פּאָליטישע געפאַנגענע?"

„אה, יאָ, מיר האָבן די העפטלינגע", האָט ער געענטפערט אין אַ מין פריינט־ליכן טאָן.

„וויפיל האָט איר בסך הכל?"

„פערציק טויזנט אין דעם לאַגער דאָ און פופצן טויזנט אין די באַראַקן אויפן שאָסיי".

די בריטישע טאַנקעס זיינען דערווייל געפאָרן פאַרביי די טויערן פון לאַ־גער מיט אַ געברויש און קלאַפּערײַ. אַ דייטשער אָפיציר מיט אַ קאַרק פון אַן אָקס און מיט רויטע וואָנצעס האָט באַמערקט:

„איך האָב פלימעניקעס אין ענגלאַנד. מעגליך אַז איך וועל זיך מיט זיי טרעפן". ער האָט געלאַכט אויפן קול.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט קאָלאָנעל טיילאָר אָפּגעשטעלט זיין „דזשיפּ" נעבן אונז. איך האָב געבעטן ער זאָל באַשטעטיקן מיין אָרדער אַריינצופאָרן אין לאַגער.

„פאָר אַריין און מאַך דיינע מיטיילונגען", האָט ער געזאָגט און איז ווייטער געפאָרן אויפן וועג קיין בערגען.

איך האָב געהייסן קראַמערן ער זאָל עפענען דעם טויער. ער האָט מיך אָנגעקוקט.

„איך קען עס ניט טאָן אָן אַ באַפעל פון דער וועהרמאַכט", האָט ער דער־קלערט.

איך האָב אים באַוויזן מיט דער האַנט ער זאָל אויפהויבן דעם שטאַנג — דער שטאַנג האָט זיך אויפגעהויבן . . .

„שטעל זיך אויפן פוס־ברעטל פון מיין אויטאָמאָביל", האָב איך אים גע־הייסן. ער האָט געפאָלגט, דאָס מאָל אָן פּראָטעסטן.

„דו וועסט אונז פירן דורכן לאַגער און אָנווייזן פּאַסיקע פּונקטן פאַר מיטיילונגען", האָב איך אים געזאָגט.


ערב דער באַפרייאונג.

מיר זיינען דורכגעפאָרן דורך אַ פּוסטן פּלאַץ ביים טויער. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז נאָר די ס.ס. האָבן געמעגט דורכגיין דעם דאָזיקן פּלאַץ. צוויי הונדערט יאַרד פון טויער זיינען מיר צוגעפאָרן צו אַ הילצערנער צוים דורכגעוועבט מיט דראָט, וואָס האָט מיר דערמאָנט אָן אַריינגאַנג צו אַ זאאלאגישן גאָרטן. אינעווייניק איז די ענליכקייט מיט אַ זאאלאגישן גאָרטן געווען נאָך שטאַרקער. רייען פון גרינע הילצערנעביידלאַך און אַ ריח ווי אין אַ מאַלפּע־שטייג . . . אַ בלאָער אומעטיקער רויך האָט זיך אויפגעהויבן צווישן די ביידלאַך. איך האָב אָפּטמאָל געהאַט געפּרוווּט זיך פאָרשטעלן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָבער מיין פאַנ־טאַזיע האָט קיינמאָל ניט געמאָלן אַזאַ בילד ווי איך האָב דערזען אין בעלזען. איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אַזאַ מאַסע מענטשן, ווי מיר האָבן געזען ביי די שטעכעדיקע צוימען, וואָס האָבן אַרומגערינגלט יעדן בלאָק. זייערע געגאָלטע קעפּ און זייערע געשטרייפטע תפיסה־בגדים זיינען געווען אַזוי אוממענטשליך . . .

מיר האָבן שוין דאַן געהאַט די דערפאַרונג פון פרייינטליכע און דאַנקבאַרע אויפנאַמעס אין פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד. אין פּאַריז האָט מען אונז גע־האַלדזט און געדאַנקט. אין אַ פלעמישן דאָרף איז אונזער אויטאָמאָביל באַלאָדן געוואָרן מיט טאָמאַטן און בערנעס, און גליקליכע מענטשן האָבן אונז מכבד געווען מיט קריגלאַך קאַלטן ביר. אָבער די אָוואַציע פון די דאָזיקע מענטשן אין בעלזען, וואָס האָבן נאָר האַלב געגלויבט אין זייער פרייהייט — מענטשן, וועל־כע זיינען אַמאָל געווען פּוילישע אָפיצירן, אוקריינישע פּויערים, אונגאַרישע דאָקטוירים און פראַנצויזישע סטודענטן, און זיינען אַזוי דערדריקט געוואָרן — איז געווען אַ סך רירנדיקער. איך האָב געדאַרפט באַהאַלטן מיינע טרערן. איין מאַן ביים אַריינגאַנג צו איינעם פון די בלאָקן האָט געטראָגן אַ נאָרמאַלן טונקל־בלאָען אַנצוג און האָט אונז באַגריסט מיט אַ שמייכל. בעת אונזערע הויכריידער האָבן געמאַכט זייערע מיטיילונגען בין איך צוגעגאַנגען צו אים און אים געגעבן שלום־עליכם.

„איך בין אַ האָלענדער", האָט ער דערציילט, „איך פלעג אַרבעטן אין די ,ביזוע ראָטערדאַמשע קאוראַנט'." ער איז געווען אַ הויכער מאַן מיט רויטע האָר. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט אַז ער האָט אַמאָל געקעמפט אין דער

אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע און איז געווען איינער פון די העראָישע פיגורן אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

מיר זיינען ווייטער געפאָרן דורכן לאַגער און מאַסן געפאַנגענע זיינען אַרויסגעקומען פון די בלאָקן צום וועג. קראַמער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו מיר און געזאָגט:

„אַט הויבט זיך אָן דער געפילדער״.

פלוצים האָט אַ דייטשער זעלנער אָנגעהויבן שיסן פון זיין ביקס אין דער לופטן, האַרט איבער די קעפ פון די געפאַנגענע. איך בין צוגעלאָפן צו אים און אים געהייסן אויפהערן שיסן. מיין רעוואָלווער איז געווען גרייט, אָבער ער האָט געפאָלגט אָן קונצן.

מיט אַמאָל האָבן אַ טוץ פיגורן אין די זעלבע לאַגער־קליידער אָנגעהויבן שפּרינגען צווישן די געפאַנגענע און זיי שלאָגן מיט שטעקנס און רימענס. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס עס איז אָנגעגאַנגען. זיינען דאָס קרימינעלע פאַרברעכער, וועלכע מען קען ניט אַנדערש קאָנטראָלירן? פאַרוואָס לאָזן זיי זיך שלאָגן? אויפן וועג איז געלעגן אַ מאָגערער מאַן און געפרווט אויסמיידן די קלעפ פון אַ דיקן שטעקן, וואָס זיינען אויף אים געפאַלן אָן רחמנות.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז די דאָזיקע שלעגער זיינען געווען אָנפירער פון ביידלאַך, וועלכע האָבן געטאָן די אַרבעט פון די ס.ס. פאַר זיי, און אַז דער המון האָט זיך געריסן צו דער קיך איבערן וועג. איך האָב ניט פאַרשטאַנען דאַן אַז שוידערליכער הונגער האָט רעגולירט דאָס לעבן אין לאַגער.

מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן די קיך און אַרויסגעקומען דורך אַ טויער צום קלענערן פון די צוויי פרויען־לאַגערן. מאַסן פרויען, אַלע אין די תפיסה־בגדים, האָבן באַלאַגערט דעם וועג. איינע האָט אויסגעשריען צו אונז אין פראַנצויזיש:

„איר מוזט אונז פון דאַנעט אַרויסנעמען. דער דאָזיקער לאַגער איז אומדערטרעגליך״ . . .

איך בין צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט מיר דערציילט אַז אין פרויען־לאַגער זיינען פאַראַן פיר הונדערט פראַנצויזישע פרויען, אַלע פּאָליטישע געפאַנגענע. „איר מוזט אונז אַרויסנעמען פון דאַנעט״ . . .

מיר האָבן זיך אומגעקערט און זיינען געפאָרן צום הויפּט־טויער. מאַסן געפאַנגענע האָבן אונז ווידער באַגריסט מיט אָוואַציעס. אַן אויסגעמאַטערטער מאַן אויף קוליעס האָט פלוצים אַוועקגעוואָרפן זיינע קוליעס און זיך געשטעלט אויף די קני צו זאָגן אַ דאַנק־תפילה בעת אונזער אויטאָמאָביל איז אים פאַרבייגעפאָרן. אויפן וועג צום הויפּט־טויער האָבן מיר זיך פאַרדרייט אויף לינקס און זיינען אַריינגעפאָרן אין גרעסערן פרויען־לאַגער. דאָרטן האָבן מיר זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געמאַכט אונזערע מיטיילונגען. אין אייניקע סעקונדעס איז אונזער אויטאָמאָביל אַרומגערינגלט געוואָרן דורך הונדערטער פרויען. זיי האָבן געוויינט און געשריען מיט היסטערישע טענער, אָן שום קאָנטראָל איבער זיך. מען האָט ניט געקענט הערן וואָס אונזער הויכרייִדער האָט מיטגעטיילט. אין דעם בלאָק זיינען געוואַקסן יונגע בעריאָזקעס. די פרויען האָבן געריסן פון די

בוימלעך בלעטער און צווייגלאַך און זיי געוואָרפן אויף אונזער אויטאָמאָביל...
איין צווייגל איז געפאַלן אויף קראַמער׳ס פלייצע און ער האָט עס אַראָפּגעשאַרט מיט כעס . . .

מיר זיינען ווייטער געפאָרן צום הויפּט־טויער. קראַמער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל און איך האָב אים געזאָגט:

„דו האָסט געמאַכט אַ גיהינום פון דעם דאָזיקן פּלאַץ".

„ער איז אַזוי געוואָרן אין די לעצטע עטליכע טעג", האָט ער געענטפערט.

אַ האַלבן מייל ווייטער, אויפן וועג, האָבן מיר געזען די צעמענטענע געביידעס פון אַ פּאַנצער־שול. אַ טייל פון די דאָזיקע געביידעס האָבן געדינט אַלס אַ הוספה־לאַגער פאַר פופצן טויזנט געפאַנגענע פון דארא לאַגער ביי נארדהאוזען. זיי זיינען געבראַכט געוואָרן אַהער נאָר מיט פינף טעג צוריק און דער דייטשער אַרמיי־קאָמאַנדאַנט פון ראַיאָן האָט די געפאַנגענע צוזאַמען מיט זייערע ס.ס.־וועכטער אַריינגענומען אין דער פּאַנצער־שול.

אונזער מיטיילונג איז ווידעראַמאָל דערטרונקען געוואָרן אין אָוואַציעס און מיר זיינען באַלד אָפּגעפאָרן צו דער דייטשער קאָמאַנדאַנטור.

אין דער קאָמאַנדאַנטור איז נאָך געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו אויפצוהאַלטן אַ צערעמאָניע און אַן אָפיציעלע באַגעגעניש פון צוויי צדדים. קאָלאָנעל האַריעס, דער קאָמאַנדיר פון דייטשן באַטאַליאָן, וואָס איז געבליבן היטן דעם לאַגער, און קאָלאָנעל שמידט, וועמען איך האָב געהאַט געזען אין הויף ביי שוואַרמשטאדט, האָבן גערעדט מיט קאָלאָנעל טיילאָר. די צוויי דייטשע קאָלאָנעלן זיינען געווען גוט אָנגעטאָן און האָבן אויפגעהאַלטן זייער ראָל פון אפיטרופּסים איבער דעם הסכם מיט די ענגלענדער וועגן בעלזען. אַ פּאָר מינוט נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע איז אַריינגעקומען אַ בריטישער אַרמיי־דאָקטאָר.

„אין לאַגער זיינען געווען אייניקע קרבנות".

באַלד האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. אַ דייטשער קאַפּיטאַן האָט געענטפערט און נאָכדעם געזאָגט צו אונז:

„עס שיינט אַז אַ הויכריידער איז געווען אין לאַגער און דאָס האָט אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד".

קאָלאָנעל טיילאָר האָט געפרעגט:

„ווער שיסט אין לאַגער? לויטן אָפּמאַך האָבן דאָרטן געזאָלט בלייבן נאָר ס.ס.־אַדמיניסטראַטאָרן און זיי האָבן ניט געזאָלט טראָגן קיין געווער".

„אפשר האָבן זיי רעוואָלווערס", האָט קאָלאָנעל שמידט געענטפערט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. קאָלאָנעל טיילאָר האָט געהייסן די דייטשע קאָלאָנעלן גיין תיכף אין לאַגער צוזאַמען מיט אונז.

קראַמער איז צוגעקומען און סאַלוטירט בעת מיר זיינען אַריינגעפאָרן דורכן טויער.

„זאָג אים אַז די ס.ס. זאָלן איבערגעבן זייער געווער אין משך פון אַ האַלבער שעה", האָט קאָלאָנעל טיילאָר מיר געהייסן. איך האָב אַזוי געטאָן.

„אָן געווער קען איך ניט טראָגן קיין אחריות פאַרן לאַגער", האָט קראַמער געענטפערט.

„ניין טאַקע," האָב איך אים געזאָגט, „אָבער דו קענסט ווייזן די בריטישע אָפיצירן ווי דער לאַגער ווערט געפירט".

„אָן וואָפן קען איך ניט אַריין אין לאַגער", האָט קראַמער זיך געווערט.

קאָלאָנעל טיילאָר האָט דאַן מיר געזאָגט:

„זאָג אים אַז ער קען האַלטן דאָס געווער דערווייל, אָבער פאַר יעדן אומ־געקומענעם געפאַנגענעם וועט איין ס.ס. מאַן דערשאָסן ווערן".

איך האָב געפרעגט קראַמערן צו וואָס ער דאַרף דאָ געווער אין לאַגער, און ער האָט געענטפערט אַז ער דאַרף עס צו באַשיצן די שפּייז־מאַגאַזינען.

„וויפיל עסן האָט איר?"

„אויף צוויי טעג".

„וואָס האָבן די געפאַנגענע געגעסן?"

„קרוצקע־זופּ אינדערפרי און קרוצקע־זופּ אין אָוונט. ברויט ווען עס איז געווען".

„ווי האָט עס געהאַלטן מיט וואַסער?"

„די וואַסער־רערן פון האַנאָווער זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן דורך באָמבעס. אין לאַגער זיינען נאָר פאַראַן פיר באַסיינען מיט שטייענדיקן וואַסער.

קאָלאָנעל טיילאָר האָט געהייסן קראַמערן אונז ווייזן זיין ביוראָ. ער האָט אונז גענומען צו אַ ביידל. בעת מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט האָט קראַמער זיך גענומען פילן היימישער. ער איז ווידער געוואָרן דער קאָמאַנדאַנט פון לאַגער און ער האָט זיך געמאַכט געמיטלאַך מיט איין פוס איבער דער זייט פון זיין ווייכן זעסל. קאָלאָנעל טיילאָר האָט געפאָדערט די פּערזענליכע דאָקומענטן פון די פערציק טויזנט געפאַנגענע.

„אַלע פאַרניכטעט", האָט קראַמער דערקלערט.

„דורך וועמען?"

„לויט אַ באַפעל פון הויפּטווירטשאַפטסאַמט אין בערלין".

„גאָרנישט געבליבן?"

„אפשר אַ פּאָר טויזנט".

„גיב מיר תיכף די פּאָר טויזנט".

קראַמער איז אַרויס פון צימער און איז באַלד געקומען צוריק מיט אַן ס.ס. אונטערשאַרפירער, וועלכער איז געשטאַנען שטראַם, זיינע הענט ווי צוגעקלעפּט צו די נעט פון זיינע הויזן. קראַמער האָט אים עפּעס געהייסן טאָן און ער האָט געשריען מיט קולות: „יאַוואָהל הער האופּטשטורמפּיהרער" . . .

ער האָט סאַלוטירט, צוגעקלאַפּט זיינע קנאַפּל און איז אַרויס פון צימער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער געקומען צוריק און דערקלערט אַז ער קען ניט געפינען קיין דאָקומענטן.

דער הויפּט־אַרצט פון דער צווייטער בריטישער אַרמיי, בריגאַדיר גלין־יוז, האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אונז און מיר זיינען אַלע אַרויס פון ביוראָ אין לאַגער

אַריין. אין דעם מאָמענט איז צוגעלאָפן צו אונז אַ דייטשער קאַפּיטאַן, ווען מיר האָבן שוין געהאַט געזען אין לאַגער, און דערציילט:

„מען שטורעמט די קיכן".

„לאָמיר אַליין גיין און אַ קוק טאָן", האָט געזאָגט אַ בריטישער אָפיציר.

מיר זיינען געגאַנגען. אין אונזער גרופּע זיינען געווען זעקס בריטישע אָפיצערן און איניקע בריטישע אונטעראָפיצערן. קראַמער און דער דייטשער קאַפּיטאַן זיינען געגאַנגען פאָרויס. בעת מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורכן הויכן דראָטענעם טויער האָבן די אָוואַציעס זיך ווידער אָנגעהויבן. הונדערטער מענטשן אין זייערע געשטרייפטע בגדים, אַזוי ווי פּידזשאַמעס, האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן וועג. מאַנכע האָבן געשריען אין ענגליש „האו דו יו דו" און „גאָד סייוו דזי קינג" . . . אָבער די אָוואַציעס האָבן געשיינט צו זיין זייער צוריקגעהאַלטענע. דאָס איז געווען פאַרשטענדליך כל זמן טעראָר און טויט האָבן נאָך געהערשט אין פריירן לאַגער. פון דערווייטנס האָבן מיר געהערט אַ שיסעריי . . .

די קיך איז געווען אַ לאַנגע הילצערנע ביידל מיט זעקס גרויסע קעסלען. דאָס איז געווען די קיך, וואָס „מען האָט געשטורעמט" . . . ווען מיר זיינען אַריין אין קיך איז דאָרטן נאָר געווען אַן ס.ס.־אויפזעער.

„איך זע ניט מען זאָל שטורמען די קיך", האָב איך באַמערקט.

דער ס.ס.־אויפזעער האָט אויפגעהויבן דעם דעק פון איין קעסל און אָנגעוויזן אויפן ראַנד פון די זופּ אינעווייניק. עס איז געווען אַרום איין פוס אונטערן ברעג פון קעסל. „די איבעריקע האָבן זיי גענומען", האָט ער פאַר אונז גע־מסר׳ט . . .

„און דאָס הייסט ביי דיר שטורעמען די קיך" . . .

איך האָב פאַרשריבן ביי זיך דעם נאָמען פון דאָזיקן אויפזעער און בין אַרויס פון קיך.

„דאָס איז דיין אויפשטאַנד?" האָב איך געפרעגט קראַמערן.

„ניין, עס איז אויך געווען אַן אַטאַקע אויף די קאַרטאָפל".

„פיר אונז אַהין", האָב איך אים געהייסן.

קראַמער האָט אונז ווידער געפירט דורך אַ דראָטענעם טויער. פאַרן טויער איז געשטאַנען אַ קליינער קרעמאַטאָריום פון ציגל מיט אַ דינעם קוימען. לינקס פון אונז איז געווען דער קליינער פרויען־לאַגער. רעכטס איז געווען אַ גאָרטן באַדעקט מיט שטרוי. אַן אויסגעמאָגערטע פרוי, איינגעהילט אין שוואַרצן, מיט אַ געלן פּנים און גלאַנציקע שוואַרצע אויגן, איז געשטאַנען אויף די קני און געזוכט קאַרטאָפל אונטער די שטרוי. קראַמער האָט זיך אומגעקערט צו מיר:

„איר זעט וואָס איך מיין" . . .

דער הויפּט־אַרצט אונזערער האָט עפּעס אָנגעוויזן אויף דער ערד: „דער מענטש איז זייער קראַנק" . . . מיר האָבן דאָן געזען אַ מענטשן אויף דער ערד און פון זיין פּנים האָט געשטראָמט בלוט. „מען מוז אים נעמען אויף אַ טראָג־בעטל", האָט דער אַרצט געזאָגט. איך האָב זיך אומגעקערט צום ס.ס. מאַן: „גיי און ברענג אַ טראָג־בעטל — שנעל". ער האָט אַוועקגעשפּאַצירט . . . פּלוצים האָבן מיר געהערט אַ געשריי פון גאָרטן. אויפן שטרוי איז געלעגן אַ

מענטש אין שרעקליכע ווייטאָקן. ער האָט זיך געוואָרפן און געדרייט אין דרייען. ער האָט זיך אַ ביסל אויפגעהויבן און איז דאַן געפאַלן צוריק און געבליבן ליגן שטיל. מיר האָבן באַלד דערזען נאָך אַ קערפּער און נאָך איינעם און נאָך איינעם.

סארזשאנט ס. איז צוגעקומען.

„פאַרוואָס זאָל קראַמער ניט אַוועקטראָגן איינעם פון די דאָזיקע קרבנות?"

„נעם דעם דאָזיקן מאַן און טראָג אים אין האָספּיטאַל", האָב איך געהייסן קראַמערן. קראַמער איז געוואָרן רויט, האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און איז צוריקגעטראָטן אַ פּאָר טריט. ער האָט זיך נאָך אַלץ געפילט אַלס דער קאָמאַנדאַנט פון לאַגער.

„נעם דעם מענטשן און הויב אים אויף", האָב איך ווידערהוילט מיין באַ־פעל און דערביי אַרויסגענומען מיין רעוואָלווער. קראַמער האָט זיך אַריבערגע־בויגן צום ליגעדיקן מענטשן. איך האָב געהאַלטן מיין רעוואָלווער ביי זיין רוקן. ער האָט גענומען דעם מענטשן אויפן פּלייצע און איז אַוועק מיט אים.

עס איז געווען אַ שרעקליכע טראַגעדיע, אַז די דאָזיקע אומגליקליכע מענטשן זיינען דערשאָסן געוואָרן ווי חיות אין טאָג פון זייער באַפרייאונג. לכתחילה האָב איך געטראַכט, אַז זיי האָבן געקענט וואַרטן נאָך דריי שעה, ביז מיר וועלן איבערנעמען דעם לאַגער. אָבער שפּעטער האָב איך זיך איבער־צייגט אַז דאָס זיינען געווען קינדערשע געדאַנקען, אָן שום השגה וועגן דער אמת'ער לאַגע. די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען אַזוי אויסגעהונגערט אַז זיי האָבן פאַרלאָרן דעם כח צו טראַכטן. ווערטער ווי „פרייהייט", „מאָרגן", „גע־דולד" האָבן פאַרלאָרן יעדן זין פאַר די דאָזיקע מענטשן. דער הונגער האָט זיי פאַרברענט פון אינעווייניק. זייער איינציקער דראַנג איז געווען דער אינסטינקט צו עסן און בלייבן לעבן.

ניט נאָר „גנבים" זיינען אין יענעם טאָג דערמאָרדעט געוואָרן. איניקע טעג שפּעטער האָט מיר אַן אונגאַריש־אידישע פרוי דערציילט, ווי אַזוי איר פריינט, אַ סלאָוואַקערין, וועלכע איז געווען אין לאַגער פאַרן קעמפן אין סלאָ־וואַקישן אויפשטאַנד פון 1944, איז געשאָסן געוואָרן דורכן אויג בעת זיי האָבן ביידע שפּאַצירט ביי דער קיך אין פרויען־לאַגער.

„זי איז געווען אַזאַ טייערע פרוי . . . עס איז געווען אַזוי שרעקליך עס צוצוזען" . . .

די סלאָוואַקישע פרוי איז געשטאָרבן אין דער זעלבער נאַכט אין זייער ביידל. זי האָט פאַרן טויט געזאָגט: „ווען דאָס זאָל האָבן פּאַסירט מיט אַיין וואָך פריער . . . היינט ווילט זיך ניט שטאַרבן . . . אָבער עס איז גוט צו וויסן אַז איר זייט אַלע פריי" . . .

ווען קראַמער איז געקומען צוריק צום קאַרטאָפל־גאָרטן ביים קרעמאַ־טאָריום איז דער פּלאַץ געווען פול מיט פרויען. די בריטישע זעלנער האָבן זיי געמאַכט סימנים זיי זאָלן גיין צוריק צו זייערע ביידלאַך. דריי בלייכע פרויען מיט גרויסע אויגן האָבן צוגעשריען צו אונז:

„אַ גוטע נאַכט, קינדער" . . . עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן אויסטער־לישע צערעמאָניע פון שליסן אַ מיטינג . . .

אַ רויך האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל פון צווישן צוויי באַראַקן אין פרויען־לאַגער. קליינע פייערלאַך האָבן אויך געברענט אין אַנדערע בלאָקן. פרויען זיינען געזעסן ביי די פייערן און צוגעלייגט שפּענער.

„וואָס ברענען זיי ?" האָב איך געוואָלט וויסן.

„זייערע באַראַקן", האָט קראַמער געענטפערט. „פאַרוואָס ?"

„פרייהייט", האָט ער געזאָגט, „באַלד וועט דער גאַנצער לאַגער זיין אין פלאַמען".

אויפן וועג צוריק האָבן מיר באַגעגנט די זעלנער פון אונזער דריי־און־זעכציקסטן אַנטי־טאַנק רעגימענט. מיר האָבן געזען די ערשטע בריטישע וואַך אין לאַגער. עס איז שוין געווען פינסטער . . .

פאַרשיידענע מחשבות האָבן מיך געהאַלטן וואַך אין יענער נאַכט. פאַרוואָס זיינען קראַמער און זיינע פופציק ס.ס.־לייט ניט אַנטלאָפן ? וואָס האָט זיי געצוואונגען צו וואַרטן אויף אונז ? האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען אַז זיי דערוואַרט דער טויט ? זיי האָבן געהאַט גענוג געלעגנהייטן צו אַנטלויפן.

מעגליך אַז זייערע בעלי־בתים און די אָפיצירן פון דער וועהרמאַכט האָבן כלומרשט געלייגט פיל אַכט אויפן הסכם מיט אונז און האָבן איינגערעדט די דאָזיקע נאַרישע כוליגאַנעס, אַז זיי קענען זיך אויסקויפן דורכן מיטאַרבעטן מיט די בריטישע און העלפן אָפּרייניקן דעם טיפוס־לאַגער.

עס איז אַ פירוש צו דער סטודיע פון דער ס.ס.־מענטאַליטעט, אַז זיי האָבן געהאָפט מיטצואַרבעטן מיט אונז. זיי האָבן ניט געהאַט קיין השגה פון מערב'דיקע סטאַנדאַרטן פון גערעכטיקייט. חוץ דעם זיינען זייערע באַגריפן פון גוטס און שלעכטס אָפּגעטעמפּט געוואָרן דורך זייער לאַנגיאָריקער ברוטאַליטעט לגבי אַנדערע מענטשן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז קראַמער איז געווען דער אויסקלייבער פאַרן גאַז־קאַמער אין אוישוויץ. דאָרטן איז ער געשטאַנען ביים גאַז־קאַמער און מיט אַ ווונק געשיקט שוואַכע יונגע פרויען און קליינע קינדער אין גאַז־קאַמער אַריין און אַרבעט־פּיאיקע מענער צוריק אין לאַגער . . . זיינע נאַזלעכער זיינען מסתמא ניט געווען געוווינט צו עפּעס אַנדערש ווי דער ריח פון טויט . . .

עס איז אויך מעגליך אַז די ראַסן־לערע פון הימלער'ס שולן האָט אינגאַנצן געענדערט דעם מענטשליכן פּרצוף פון די דאָזיקע ס.ס.־לייט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין געפיל פון רחמנות לגבי אידן און פּאָליטישע קעגנער בכלל. זיי האָבן בכלל ניט געהאַט קיין מענטשליכע רעאַקציע ווען זיי האָבן געשאָסן אַ בילדשיינע יידישע טאָכטער, אָדער געלאָזן אַן אומשולדיקן מאַן שטאַרבן פון לאַנגזאַמען הונגער.

טראָץ קראַמער'ס פרווו אונז צו אַלאַרמירן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין דער נאַכט פון פופצנטן אַפּריל איז ניט געווען קיין קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויף די ס.ס.־לייט מצד די געפאַנגענע און ס'איז אויך ניט געווען קיין מאַסן־לויף פון לאַגער. מעגליך אַז די געפאַנגענע זיינען געווען צו שלאַף. אָבער דער עיקר איז געווען דער גלויבן, אַז די בריטישע וועלן ברענגען ניט נאָר פרייהייט נייערט אויך עסן און טרייסט.

נח באַרו

זכרונות פון בעלזען

ווען בעלזען איז באַפרייט געוואָרן דורך די בריטישע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָרטן זיינען געווען געפאַנגענע פון פערצן אומות. די וועכטער זיינען געווען דייטשע און אונגאַרישע ס.ס.

די דאָזיקע וועכטער זיינען באַזייטיקט געוואָרן צוויי טעג נאָך דער באַפרייאונג. אַ שווערע טיפוס־עפּידעמיע האָט געבושעוועט אין לאַגער און הונדערטער באַפרייטע זיינען געשטאָרבן יעדן טאָג. די מעדיצינישע אָפּטיילונגען פון דער בריטישער אַרמיי אונטער בריגאַדיר־גענעראַל גלין־יוז, צוזאַמען מיט דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער צווישן די באַפרייטע גופא, האָבן געקעמפט קעגן טיפוס מיט גרויס מסירת־נפש. ווען מען האָט פאַרברענט דעם לאַגער איינס איז געוואָרן לייכטער צו באַקעמפן די עפּידעמיעס.

אין די דאָזיקע שווערע טעג האָט דער לאַגער באַקומען די ערשטע הילף פון אידישע אָרגאַניזאַציעס. שפּייז־פּאַקעטן וואָס הלל שטאָרך, דער פאַרטרעטער פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין שוועדן, האָט געהאַט געשיקט אין 1944 און וואָס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די נאַציס, זיינען איצט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר בעלזען און זיי האָבן געהאָלפן לינדערן די נויט. די הילף־אַרבעט האָט זיך פאַרבעסערט מיטן אָנקום פון „דזשאָינט" פאַרטרעטער אין יוני און די לאַגע איז געוואָרן נאָך בעסער מיטן אָנקום פון דער אידישער בריגאַדע אין יולי 1945.

די אידישע באַפרייטע אין בעלזען האָבן לאַנג ניט געוואַרט. דריי טעג נאָך דער באַפרייאונג האָבן זיי אויסגעוויילט זייער אייגענעם לאַגער־קאָמיטעט מיט יוסף ראָזענזאַפט בראש. ער איז יאָר־איין יאָר־אויס ווידער געוויילט געוואָרן

און איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן ביז 1950, ווען דער לעצטער „די.פּי.“ איז אַוועקגעפאָרן פון בעלזען אין דער בריטישער זאָנע.

באַלד ווי דער אידישער לאַגער־קאָמיטעט איז געוויילט געוואָרן האָבן זיי געפאָדערט אַ ספּעציעלן אידישן לאַגער, ווו די אידישע באַפרייטע זאָלן אָפּגעזונדערט ווערן פון די פּאָליאַקן, אונגאַרן און אַנדערע גרופּעס, וואָס האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם פון די נאַציס און האָבן געהאַט פאַרפּאַלגט די אידישע מיט־געפאַנגענע. דער געדאַנק פון אַ אידישן לאַגער איז ניט געפעלן געוואָרן דעם פאַריין אָפּיס אין לאָנדאָן. בעווין האָט געפּרוווט אויפהאַלטן די געמישטע לאַגערן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. ער האָט געהאַלטן אַז די אידן דאַרפן בלייבן צוזאַמען מיט די אַנדערע בירגער פון זייערע אַמאָליקע לענדער — ניט קיין פריינטליכע שכנים. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס אין לאָנדאָן האָט זיך געראַנגלט מיט אַלע כוחות קעגן דער דאָזיקער עקשנות פון פאָריין אָפּיס. נאָך לאַנגע חדשים איז מען ענדליך געקומען צו אַ הסכם וועגן שאַפן אַ אידישן לאַגער אין בעלזען. דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָליטישער קאַמף אין דער רעהאַביליטאַציע פון די בעלזענער און ער האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון.

די הויפּט־שוועריקייט ביים אָרגאַניזירן אידישע לאַגערן איז געווען צו באַוועגן אַ געפיל פון סאָלידאַריטעט און אחריות צווישן מענטשן, וועלכע זיינען געבליבן ביים לעבן נאָר דורכן אָפּנאַרן זייערע פייניקער. עס איז געווען נויטיק צו שאַפן אַ נייע געזעלשאַפטליכע אויטאָריטעט אין די באַפרייטע לאַגערן, בכדי זיי זאָלן קענען פונקציאָנירן.

די ספּעציעלע אידישע לאַגערן האָבן געהאָלפן פאַרשמעלצן די באַפרייטע אידן אין דעמאָקראַטישע קיבוצים, און דער בעלזענער אידישער קאָמיטעט פאַרדינט דעם גרעסטן לויב פאַר זיינע דערגרייכונגען.

פיל אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאָלפן די באַפרייטע מיט שפּייז, מעדיקאַמענטן, בגדים, מכשירים, א.אַ.וו. זיי האָבן אויך געשיקט אין לאַגער רבנים, לערער און אינסטרוקטאָרן. דער ספּעציפישער ביטראַג פון אידישן וועלט קאָנגרעס איז געווען צו געבן די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע דעם געפיל אַז זיי זיינען גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון א אידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און אַז זיי האָבן אַ דעה אין אידישע ענינים צוגלייך מיט אידן פון אַנדערע לענדער, הכלל—אַז זיי זיינען פרייע מענטשן, ניט קיין אָביעקטן פון רחמנות און צדקה.

די אָפיציעלע אַפיליאַציע פון בעלזען צום אידישן וועלט קאָנגרעס איז געשען אין סעפּטעמבער 1945, ווען סידני סילווערמאַן, דער מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט און דער דאַמאָלסטיקער פּאָרזיצער פון דער בריטישער סעקציע, און אַלעקס. ל. איסטערמאַן, דער פּאָליטישער דירעקטאָר פון אידישן וועלט קאָנגרעס, זיינען געקומען קיין בעלזען אַלס פאָרטרעטער פון קאָנגרעס צו דער ערשטער קאָנפערענץ פון די „די.פּי׳ס“ אין דער בריטישער זאָנע. די צוזאַמענאַרבעט צווישן בעלזענער קאָמיטעט און אידישן וועלט קאָנגרעס האָט פיל געהאָלפן די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע אין זייערע באַציאונ־

די פייערלעכע דערעפענונג־זיצונג פון צווייטן קאָנגרעס פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע, דעם 21־טן יולי 1947, אין קינאָ־זאַל פון בעלזען (די איבעריקע סעסיעס פון קאָנגרעס זיינען פאָרגעקומען אין באַד האַרצבורג). לינקס צו רעכטס: דר. נח באַרו, נאָרבערט וואָלהיים, יוסף ראָזענזאַפט, ש. אַדלער רודעל און דר. הדסה בימקאָ־ראָזענזאַפט.

גען מיט דער בריטישער מאַכט. יעדער קאָנפליקט צווישן די באַפרייטע אידן און דער בריטישער מאַכט אין דייטשלאַנד האָט געקענט אויפגענומען ווערן דורכן א.וו.ק. מיט די בריטישע מיניסטאָרן אין לאָנדאָן, וועלכע האָבן געטראָגן

אחריות פאַר דער זאָנע. דער דאָזיקער פאַקט האָט געווירקט אויף דער בריטישער אָקופּאַציע־מאַכט; זיי זיינען ניט געווען אַזוי האַפעדיק לגבי די אידן. פון דער צווייטער זייט האָבן די אידישע עסקנים אין בעלזען, און אין דער בריטישער זאָנע בכלל, נאָך דער אַפּיליאַציע פאַרשטאַנען בעסער די וועגן און די פּאָליטיק פון די ענגלענדער און האָבן אַנטוויקלט אַ טעכניק אין זייערע פאַרהאַנדלונגען אין יענע שווערע יאָרן נאָך דער מלחמה.

איינע פון די פּראָבלעמען איז אַרויסגעוואַקסן פונעם פאַקט, אַז די באַפרייטע אידן האָבן זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט צו אַנערקענען די נייע דייטשע מאַכט און האָבן בשום אופן ניט דערלויבט די דייטשע פּאָליציי אַריינצוקומען אין בעלזען, אָדער אין די נייע לאַגערן פאַר באַפרייטע אידן. עס איז ניט געווען לייכט צו פאַרטיידיקן אַזאַ שטעלונג אין די פאַרהאַנדלונגען מיט די ענגלענדער.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַ קאָנפערענץ אין דער בריטישער זאָנע אין 1947, אין וועלכער איך האָב אַנטיילגענומען. די בריטישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט דערלויבט אָפּצוהאַלטן די קאָנפערענץ אין באַד האַרצבורג און פאַרגעשלאָגן טראַנספּאָרט. אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט די בריטישע מאַכט, לויט א באַפעל פון פאַריין אָפיס, צוריקגעצויגן די דערלויבענישן פאַר ספּעציעלע שפּייז־קאַרטעס, פּעטראָל פאַרן טראַנספּאָרט און אַנדערע הנחות. פון בעלזען ביז באַד האַרצבורג איז אַ לאַנגער וועג—הונדערט־און־פופציק קילאָמעטער—און דער אידישער וועלט קאָנגרעס האָט זיך באַמיט אין לאָנדאָן צו פועלן אַז די דייטשע פּאָליציי זאָל זיך ניט אַריינמישן אויפן וועג. מיר האָבן דערקלערט אין לאָנדאָן אַז מיר נעמען פולע אחריות פאַר די אידישע עסקנים אין דייטשלאַנד, אַז זיי וועלן אָפּהיטן די אָרדנונג. פון דער צווייטער זייט וועלן זיי בשום אופן ניט טאָלערירן די דייטשע פּאָליציי.

עס איז געווען אַן אומפאַרגעסליך בילד—די פּראָצעסיע דורך דייטשלאַנד פון זעכציק אויטאָמאָבילן. בראש פון דער פּראָצעסיע איז געפאָרן א גרויסער לאַסט־אויטאָמאָביל מיט אַ ריזיקער ווייס־בלאָער פאָן. צום סוף פון דער פּראָ־צעסיע איז געפאָרן נאָך אַ לאַסט־אויטאָמאָביל מיט צוואַנציק לאַגער־פּאָליציסטן. ביים וועג זיינען געשטאַנען הונדערטער דייטשן און אַנגעקוקט מיט באַוווּנ־דערונג די אידן, וועלכע זיינען ערשט איצט ניצול געוואָרן פון פאַרניכטונג און זיינען שוין ווידער פרייע, שטאָלצע און דרייסטע מענטשן.

קיין דייטשע פּאָליציי האָט מען ניט געזען אויפן וועג. די ענגלענדער האָבן געוווּסט ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַן ענין ווען זיי האָבן געוואָלט.

נאָך אַן אינצידענט אין בעלזען וועט קיינמאָל ניט אָפּגעווישט ווערן פון מיין זכרון.

אין סעפּטעמבער 1947 זיינען, כידוע, אומגעקערט געוואָרן די „יציאת אירופּע" מעפּילים. אין דריי שיפן זיינען זיי געבראַכט געוואָרן צו אַ דייטשן פּאָרט. אידן זיינען געווען פול מיט צער און צאָרן און עס איז געווען אַ סכנה פון אומרוען. די עסקנים פון די באַפרייטע אידן און פון אידישן וועלט קאָנגרעס האָבן געהאַט אַ שווערע עובדה צו איבערצייגן די אידן אין דער בריטישער זאָנע, אַז עס וואָלט געווען אַ האַרבער פּאָליטישער טעות צו ענטפערן בעווין'ס טעראָר



דר. נח באַרו אויף אַ מאַסן־מיטינג אין בעלזען.

מיט טעראָר קעגן דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין דייטשלאַנד. אין איינער אַ נאַכט, בעת א זיצונג אין בעלזען, האָבן אייניקע פון אונז געפּרוווט מיט אַלע כוחות איבערצייגן די פאַרטרעטער פון די טויזנטער „די.פּי.׳ס“ אין לאַגער גופא און פון פינף הונדערט פון דער אַמעריקאַנער זאָנע, וועלכע זיינען געקומען „העלפן אין קאַמף קעגן די ענגלענדער“ נאָך דעם ענין פון „יציאת אייראָפּע“, אַז אַן אויסברוך פון טעראָר וואָלט געווען די בעסטע מתנה פאַר בעווינען. אין מיטן פון דעם ויכוח האָט איינער פון די פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער גרופּע

אַריינגעבראַכט א סענסאַציאָנעלע ידיעה. ער האָט אַלעמען פאַרזיכערט אַז דער קאָמאַנדאַנט פון בעלזענער לאַגער האָט באַהאַלטענע רעזערוו־טרופּן צו באַפאַלן די אידן אויב זיי וועלן אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט.

ראָזענזאַפט און איך זיינען אַוועק ריידן מיטן קאָמאַנדאַנט. מיר האָבן אים געפרעגט אָן חכמות: „איז עס אמת?"

זיין תשובה האָט די סענסאַציע ליקווידירט. ער האָט דערקלערט אַז באמת האָט מען אים געוואָרנט פון דער הויפּט־קאָמאַנדע ער זאָל האָבן ביי זיך רעזערוו־טרופּן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן. ער האָט דערקלערט אַז דער קאָמיטעט פון לאַגער ווייס אַליין ווי אַזוי צו היטן די אָרדנונג. צום סוף האָט ער אונז געזאָגט:

„איך וויל ניט ענגלישע זעלנער זאָלן שיסן די אידן, וועלכע זיינען ניצול געוואָרן פון די דייטשן."

ווען מיר זיינען געקומען צוריק איז די פּראַגע געלייזט געוואָרן. צוואַנציק אידישע לאַגער פּאָליציסטן האָבן באַקומען פון אידישן קאָמיטעט א פאַראָרדנונג אַראָפּצונעמען זייערע אוניפאָרמעס און אין ציווילע בגדים היטן דאָס הויז פון בריטישן קאָמאַנדאַנט און דעם בריטישן אָפיצירן־קלוב. טאָמער וועלן היצקעפּ פּרווון נעמען די זאַך אין זייערע אייגענע הענט. די נעכסטע טעג האָבן באַרעכ־טיקט אונזער האַנדלונג.

דער געראַנגל פאַר די פּאַסאַזשירן פון „יציאת איראָפּע", זייער איינקוואַר־טירונג אין נייע לאַגערן און זייער עליה איז אַ באַזונדערע געשיכטע וואָס דאַרף נאָך אַמאָל דערציילט ווערן.

עס זיינען פאַראַן פיל דראַמאַטישע עלעמענטן אין דער געשיכטע פון בעלזען נאָך דער באַפרייאונג. זיי באַווייזן קלאָר, אַז די פאַרפאָלגונגען און פּייניקונגען פון די נאַציס האָבן ניט געבראָכן דעם גייסט און דעם ווידערשטאַנד פון די אידן, וועלכע זיינען געבליבן לעבן. זיי האָבן געפונען זייערע אייגענע פירער און האָבן געקעמפט מיט מוט פאַר אַ באַנייט אידיש לעבן אין אַ דעמאָ־קראַטישן קיבוץ. און זיי האָבן זיך געגרייט פאַר עליה.

די צוזאַמענאַרבעט צווישן אידישע אָרגאַניזאַציעס (די אידישע אַגענץ, דער „דזשאָינט", דער צענטראַלער בריטישער פאָנד, „אָרט" און דער אידישער וועלט קאָנגרעס) אין בעלזען ווייזט וואָס עס קען דערגרייכט ווערן ביי אַ קלאָרער פאַרטיילונג פון די אויפגאַבעס און אַ קאָנסטרוקטיווער און געפּלאַנטער צוזאַמענאַרבעט.

אַלעקס ל. איסטערמאַן

באפרייט–אבער ניט פריי

די וועלכע האָבן געהאַט דעם זכות — און זיי זיינען, ליידער, געווען זייער ווייניקע — צו זען די נסיונות און פּלאָגענישן פון די טראַגישע רעשטלאַך פון אייראָפּייאישן אידנטום, און די וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו העלפן די „די.פּי.׳ס״ קומען צו זיך און ווידער דערוווערבן זייער מענטשליכע ווירדע, וועלן בעלזען קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

איך שרייב דאָ ניט וועגן די פיזישע ליידן און די אכזריות׳ן, די חיות׳קייט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פייניקונגען און הונגער, וואָס היטלער׳ס באַרבאַרן, די „מייסטער ראַסע״, האָבן געבראַכט אויף דער וועלט. די דאָזיקע פאַקטן האָבן שוין אַרום זיך אַ גרויסע טעראָר־ליטעראַטור, אין פאַרגלייך מיט וועלכער דאַנטע׳ס גיהינום איז אַ מילדע דערשיינונג. איך שרייב אויך ניט וועגן די גוואַלטיקע און גלענצנדיקע באַמיאונגען צו היילן די קראַנקע און באַלזאַמירן די ווונדן. די דאָזיקע באַמיאונגען, אין קאָנטראַסט צו די נאַצים, זיינען אַ פריידיקע דערשיינונג פון מענטשליכער רחמנות אין אָנבליק פון מענטשליכע ליידן. איך שרייב דאָ, און נאָר בקיצור, וועגן קאַמף פון די געבליבענע אידן נאָך היטלער׳ס קאַטאַסטראָפע פאַר אַ פּלאַץ אונטער דער זון אַלס אידן, אין אַ געזעל־שאַפט פון פרייע מענער און פרויען; איך שרייב וועגן זייער קוראַזש און עקשנות ביז דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָג פון דער באַפרייאונג, דעם 15־טן אַפּריל 1945, ווען בריטישע טרופּן זיינען כמעט צופעליק אַרויפגעקומען אויף אַ סצענע פון שוידערליכע בילדער, וואָס די מענטשליכע געשיכטע האָט ביז יענעם טאָג ניט געקענט — טויזנטער פוילנדיקע קערפּערס, טויזנטער קראַנקע און פאַרמאַרעטע און פאַרקריפּלטע מענטשליכע שאָטנס — און טויזנטער בראַווע

מענער און פרויען, וועמענס גייסטיקער און פיזישער ווידערשטאַנד האָט איבערגעלעבט יאָרן פון טעראָר און פּיין.

די שוואַכע שטימען פון די דאָזיקע מענער און פרויען, וועלכע האָבן געהאַט געמיינט אַז זיי זיינען שוין פאַר׳משפּט צום אונטערגאַנג, אַזוי ווי זייערע ברידער און שוועסטער אין אוישוויץ, בוכענוואַלד, ראַווענסברוק און פיל אַנדערע נאַציישע גיהינום־לאַגערן, האָבן אָפּגעקלונגען צום הימל אין אַ כאָר פון דאַנק־באַרקייט פאַר זייער באַפרייאונג. אָבער באַלד ווי די געפילן פון דערלייזונג האָבן זיך באַרואיקט און דער כאַאָס פון קריג האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט האָבן די רעשטלאַך פון בעלזען אַנדעקט מיט צער און צאָרן, אַז פאַר זיי עקזיס־טירן נאָך אַלץ באַשרייענקונגען און צוימען און שטערונגען. זיי האָבן אויסגעפונען אַז זיי זיינען באַפרייט געוואָרן אָבער זיי זיינען נאָך ווייט ניט פריי.

די מיליטערישע מאַכט, און שפּעטער די ציווילע אַדמיניסטראַציע, אין אָקופּירן דייטשלאַנד האָבן באַלד אַנדעקט אַ נייע דערשיינונג פון קריג און אַ ניי פּראָבלעם, וואָס איז ניט באַשריבן אין די טעקסט־ביכער און וואָס זיי האָבן ניט געקענט פון זייער פריערדיקן נסיון. זיי האָבן אַנדעקט אַ נייעם מין מענטשן: די ציווילע קרבנות פון קריג, „די.פּי.׳ס" אין ענגליש, אויסגעוואָרצלטע מענטשן. אָפּטמאָל האָט מען זיך צו זיי באַצויגן מיט סימפּאַטיע און באַוווּנדע־רונג, אָפּטמאָל אָבער מיט שפּאָט און שנאה. זיי זיינען געווען די מענער, פרויען און קינדער, וועמען אַן אכזריות׳דיקער שונא האָט אויסגעוואָרצלט פון זייערע היימען און זייערע לענדער, באַרויבט פון זייער האָב און גוטס, פאַרשפּאַרט אין תפיסות און לאַגערן, געפּייניקט און פאַרקנעכטעט, און וועמענס קרובים ער האָט אויסגעמאָרדעט. זיי האָבן נאָך דער מלחמה אַרומגעוואַנדערט אָן אַ היים, קראַנק און פאַראָרימט, און זיך געצויגן צו די זאַמלפּונקטן אין דער בריטישער און אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. ביי 1946 האָט מען משער געווען אַז זייער צאָל דערגרייכט אַ פערטל מיליאָן, הויפּטזעכליך מענטשן פון רומעניע, פּוילן און אונגאַרן. די גרויסע מערהייט צווישן זיי זיינען געווען אידן און דער גרעסטער זאַמלפּונקט איז געווען בעלזען מיט אַן אָפיציעלער באַפעל־קערונג פון פופצן טויזנט, אָבער אין געוויסע צייטן מיט פינף־און־צוואַנציק טויזנט — אַ סך מער אידער עס האָבן זיך דאָרטן געזאָלט געפינען לויט אָפיציעלע צאָלן. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער דאָזיקער פאַזע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן געזען פאַר זיך נאָר דאָס פיזישע פּראָבלעם פון שטיצע, רעהאַביליטאַציע און רעפּאַטריאַציע. דאָס האָט געהייסן שפּייז, מעדיקאַמענטן, דירות — לויט דער מעגליכקייט אין אַ רואינירט לאַנד פון אַ באַזיגטן שונא. די מאַכט האָט געהאַלטן אַז אַ באַשרייענקונג פון דער פרייהייט פון די דאָזיקע תלושים איז נויטיק אידער מען וועט זיי שיקן צוריק אַהיים. אַ שווער פּראָבלעם, אָבער איר לייזונג איז אַן איינפאַכע — האָט די מאַכט לכתחילה געטראַכט.

די אידישע „די.פּי.׳ס" האָבן ווידער אויך ניט געזען קיין קאָמפּליקאַציעס אין זייער פּראָבלעם. זיי האָבן אויך געהאַט אַן איינפאַכע פּאָליטיק — אָבער אַ גאַנץ אַנדערע ווי די מאַכט האָט געהאַט. זיי האָבן זיך געהאַלטן ניט נאָר פאַר ציווילע

קרבנות פון אַ מלחמה, נייערט אויך פאַר די געבליבענע רעשטלאַך פון דער נאַצישער מלחמה קעגן אידישן פאָלק. זיי זיינען ניט געווען קיין פּליטים אין אָנגענומענעם זין, היות זייערע משפחות זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן און זייערע היימען און אינסטיטוציעס זיינען געווען חרוב. עס איז זיי ניט געבליבן וווהין זיך אומצוקערן. זיי האָבן אויך ניט געוועלט זיך אומקערן. זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין פּאָליאַקן אָדער אונגאַרן אָדער רומענער; זיי זיינען געווען נאָר אידן, קינדער פון פאָלק, קעגן וועלכן היטלער האָט געפירט די אכזריות׳דיקסטע מלחמה אין דער מענטשליכער געשיכטע. אַלס די אַנטרונענע פון דער דאָזיקער מלחמה האָבן זיי געהאַלטן אַז זיי קומט ניט נאָר צייטווייליקע מאַטעריעלע שטיצע אַלס פּליטים, נייערט אויך פרייהייט און דאָס רעכט פון פרייע מענטשן צו שמידן זייער צוקונפט אויף זייער אייגענעם אופן. היות זיי האָבן ניט געטראַכט אפילו וועגן גיין צוריק האָט די פּאָליטיק פון רעפּאַטריאַציע גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט זיי. זייער וועג האָט געפירט ניט קיין אייראָפּע נאָר קיין ארץ ישראל, די אידישע נאַציאָנאַלע היים, שפּעטער מדינת ישראל.

די פאַרשיידנאַרטיקע באַגריפן וועגן כאַראַקטער און צילן פון די אידישע „די.פּי.׳ס“ איז געווען דער יסוד פון אַ שווערן קאָנפליקט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן במשך פון פינף יאָר אָן אַ הפסקה, צווישן דער בריטישער אָקופּאַציע־מאַכט אין דייטשלאַנד און דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע, וועמענס צענטער איז געווען בעלזען און וועמענס אַנערקענטער פירער איז געווען יוסף ראָזענזאַפט, אַ נייע פיגור נאָך דער באַפרייאונג, אַ קליין־געוויקסיקער מאַן מיט אַ גרויסער אינטעליגענץ, אַ מאַן מיט אַ גוואַלטיקן טאַלאַנט פאַר אָנפירונג און אָרגאַניזאַציע און מיט אַ סך מוט צו פּראָקלאַמירן און פאַרטיידיקן דאָס רעכט און די פרייהייט פון זיינע ווילער — אַ פאַקט וואָס האָט פאַרוונדערט און אָפט דערצאָרנט די אויטאָריטעטן.

די ערשטע סטאַדיע פון קאָנפליקט איז געווען דער ווילן פון די בעלזענער אידן זיך צו אָרגאַניזירן אַלס אַן אומאָפּהענגיקע קהילה מיט אויטאָנאָמע, סאָציאַלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס און מיט דער פרייהייט צו פּראָקלאַמירן אַ ציוניסטישע פּאָליטיק און זיך צו האַלטן אָן איר. דאָס איז געווען אַ נייע דערשיינונג, אָן אַ פּרעצעדענט, אין דער געשיכטע פון באַציאונגען צווישן געשיצטע פּליטים און אַן אָקופּאַציע־מאַכט. די ענגלענדער אין דייטשלאַנד האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער קאָנצעפּציע אַז די אידישע „די.פּי.׳ס“ זיינען אידן אָן אַ צוגאָב־נאַציאָנאַליטעט און זיי האָבן ניט געוועלט אַנערקענען דעם רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט פון די אידישע קהילות אין דער בריטישער זאָנע. אָבער עקשנות האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרקער איידער פּרעצעדענטן און די מאַכט האָט סוף כל סוף נאָכגעגעבן.

נאָך דער דאָזיקער אַנערקענונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע סעריע פון ויכוחים פון אַ פּאָליטישן און סאָציאַלן כאַראַקטער. די אידישע „די.פּי.׳ס“ זיינען באַשטאַנען אויף זייער רעכט באַטראַכט צו ווערן אַלס פרייע מענער און פרויען און צו אָרדערן זייער לעבן און זייערע ענינים אין בעלזען און אַנדערשוו. איך דערמאָן זיך קלאָר אַ מערקווירדיקן ביישפּיל פון קוראַזש פון די בעלזענער אידן

ביים פאַרטיידיקן זייערע רעכט אַלס פרייע מענטשן. אין סעפּטעמבער 1945 האָט דער אידישער צענטראַל־קאָמיטעט גערופן אַ קאָנפערענץ פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע.

איך האָב דאָן פאַרטראַטן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער האָט געהאַט אַ זיץ, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אַליאירטע אומות, אויפן מיליטערישן טריבונאַל אין לונעבורג, וואָס האָט גע'משפט די אָנפירער פון נאַצישן קאָנצענטראַציע לאַגער אין בעלזען, און דער אידישער קאָמיטעט האָט מיך איינגעלאַדן צו דער קאָנפערענץ. די בריטישע מאַכט האָט די קאָנפערענץ פאַרבאָטן. ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביים צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן זיי מיר געזאָגט אַז די קאָנפערענץ וועט אָפּגעהאַלטן ווערן טראָץ דעם פאַרבאָט. אויפן וועג צו דער קאָנפערענץ בין איך געווען דערשטוינט צו זען יעדע פאַר מייל געדרוקטע פּלאַקאַטן — „צו דער בעלזענער קאָנפערענץ" און אַ פייל אָנצווייזן די ריכטונג צום לאַגער. ווען איך בין געקומען אין לאַגער האָט מען מיך געפירט צו אַ ריזיקן געצעלט ווו צוויי טויזנט דעלעגאַטן פון אַלע טיילן פון דער בריטישער זאָנע זיינען געווען פאַרזאַמלט. פיל פון זיי זיינען געגאַנגען מיילן צופוס; אַנדערע זיינען געקומען צו פאָרן אויף פאַרשיידענע אופנים. דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט פון טראַנספּאָרט־מאַנגל אין דייטשלאַנד און פון פאַרבאָט פאַר ציוויליסטן צו נוצן מעכאַנישע טראַנספּאָרט־מיטלען.

די קאָנפערענץ האָט זיך געצויגן פולע צוויי טעג — אָן שטערונגען!

דער אידישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אַפיליאירט צום אידישן וועלט־קאָנגרעס און דער קאָנגרעס האָט זייט דאָן געדינט אַלס פאַרבינדער און פאַרמיטלער מיטן בריטישן פאָריין אָפיס אין די קאָנפליקטן איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען צווישן דעם אידישן קאָמיטעט און צווישן דער בריטישער אָקופּאַציע־מאַכט. די דאָזיקע קאָנפליקטן האָבן, ווי געזאָגט, אָנגעהאַלטן פינף יאָר. בדרך כלל האָט דער פאָריין אָפיס אַרויסגעוויזן פאַרשטענדניס און סימפּאַטיע פאַר די נויטן פון די בעלזענער אידן.

דער פאַרשטאָרבענער העקטאָר מקניל, וועלכער איז געווען אַ מיניסטער אין בריטישן „פאָריין אָפיס" אין די טעג פון בעלזען. ער האָט געהאַט אַ סך פאַרשטענדניס פאַר די פּראָבלעמען פון די אידישע „די.פי.'ס".

באַזונדערש האָבן אַרויסגעוויזן פאַרשטענדניס פאַר די מענטשליכע אַספּעקטן אין די פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען דער ויכוח צווישן די אידען און דער אָקופּאַציע־

בריטישע מיניסטאָרן אויף אַ באַזוך אין בעלזען. זיי שטייען דאָ ביי דעם אידישן דיינקמאָל. לינקס צו רעכטס: מייקל סטיואַרט, מיטגליד פון פאַרלאַמענט און וויצע־בילדונגס־מיניסטער אין יענע טעג: א. ל. איסטערמאַן פון אידישן וועלט קאָנגרעס; סידני סילווערמאַן, מיטגליד פון פאַרלאַמענט; לאָרד הענדערסאָן, וויצע־אויסערן־מיניסטער; יוסף ראָזענזאַפט.

מאַכט — העקטאָר מאַקניל, וועלכער איז געווען שטאַטס־מיניסטער אין פאָרייין אָפיס, און לאָרד הענדערסאָן, וועלכער איז געווען געהילף־מיניסטער און האָט געטראָגן אחריות פאַר די ענינים פון דער בריטישער זאָנע.

עס זיינען געווען אויך אַנדערע אין פאָרייין אָפיס, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די אידישע נויטן, אָבער די דערמאָנטע צוויי פערזענליכקייטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקע תפיסה פון דעם אידישן פראָבלעם און זיינען באַלד געוואָרן איבערצייגט אַז מען קען עס ניט לייזן דורך סטאַטוטן, רעגולאַציעס און אָפיציעלער רוטין. זיי זיינען אַלעמאָל געווען גרייט צו הערן אונזערע טענות און האָבן בדרך כלל אויסגעגלייכט די שאַרפע קאַנטן פון קאָנפליקט. מאַקניל האָט געהייסן באַפרייען די „דרומית" קעגן ווילן פון אַלע בריטישע אויטאָריטעטן אין דייטשלאַנד. די „דרומית" איז, ווי באַקאַנט, געווען די ישראל שיף, וואָס די אַמערי־

קאַנער און די בריטישע האָבן געהאַט פאַרוועדט אָפּצושווימען פון ברעמען מיט אַ פאַרלאָדונג, וואָס האָט געהערט צו די בעלזענער אידן.

לאָרד הענדערסאָן האָט זיך געמאַכט באַליבט ביי די אידן אין בעלזען ווען ער איז אַליין געקומען אין לאַגער צו פירן דעם פאָרזיץ אויף אַ קאָנפערענץ צווישן הויכע בריטישע באַאַמטע פון דער אָקופּאַציע־מאַכט און פאַרטרעטער פון די בעלזענער אידן. די פראַגע וואָס איז דאַן געשטאַנען אויפן סדר־היום איז ניט וויכטיק היינט, אָבער דער מענטשליכער צוגאַנג האָט געמאַכט אויף די בעלזענער אידן אַזאַ גוטן איינדרוק אַז די אָנגעזאַמלטע ביטערניש האָט זיך אויסגעוועבט.

איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין אין מיטן פון די דאָזיקע צוויי דראַמאַטישע עפּיזאָדן און איך האָב ניט געווגונג ווערטער צו לויבן דעם באַאַבטן שאָטלאַנדער, מאַקניל, וועלכער איז יונג געשטאָרבן, און דעם צפון־ענגלענדער, הענדערסאָן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ ווירדיקער זון פון גרויסן הומאַניסטישן שטאַאַטסמאַן אַרטור הענדערסאָן.

ניט איינמאָל זיינען מיין פאַרשטאָרבענער קאָלעגע נח באַרו און איך אויפגעוועקט געוואָרן אין דער נאַכט דורך אַ טעלעפאָן רוף פון יוסף ראָזענזאַפט. אַט איז געווען אַ פּראָבלעם ווען דער אידישער קאָמיטעט האָט ניט געוועלט אַריינלאָזן אין לאַגער באַוואָפנטע ניט־אידישע וועכטער. אַט איז געווען אַ ויכוח וועגן אַרומצוימען דעם לאַגער מיט שטעכעדיקע דראָטן. דאַן איז געווען דער ווידערשטאַנד פון אידישן קאָמיטעט קעגן הויז־זוכונגען אין לאַגער ווען מען האָט געוועלט זוכן דאָרטן באַהאַלטענע געווער און אומלעגאַלע סחורות. און עס איז געווען דער קאָנפליקט וועגן פּראָטעסט־אסיפות קעגן בעווינ׳ס ארץ ישראל פּאָליטיק. אַ הונדערט פּראָבלעמען האָבן געפאָדערט פאַרהאַנדלונגען, טאַקט און געדולד, אָבער אין יעדן פון זיי איז געווען פאַרוויקלט אַ פּרינציפּ פון רעכט און פרייהייט. בדרך כלל האָט דער אידישער צענטראַל־קאָמיטעט געוווּנען קעגן דער מאַכט. אָפט האָבן זיך אָנגעזאַמלט יאוש און ביטערניש ביי ביידע צדדים, אָבער צום סוף האָבן די אידן פון בעלזן און זייער אָנפירער ראָזענזאַפט געוווּנען רעספּעקט מצד די ענגלענדער, וועלכע האָבן אָנערקענט, אַז דער יסוד פון די אַלע קאָנפליקטן איז ניט ווידערשפעניקייט אָדער להכעיס־פּאָליטיק, נייערט אַ פרייער גייסט, וואָס די נאַציס האָבן ניט געקענט דערדריקן, און אַ קוראַזש, וואָס די נאַצישע אכזריות האָט נאָך פאַרגרעסערט. די ענגלענדער האָבן מיט דער צייט אויך פאַרשטאַנען, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן קלייניקייטן, נייערט וועגן פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון פּאָליטישער פרייהייט און מענטשנרעכט. ווי ביטער די קאָנפליקטן זאָלן ניט האָבן געווען, שנאה און אומצוטרוי זיינען לאַנגזאַם פאַרשוווּנדן און ביידע צדדים האָבן זיך גענומען פאַרשטיין. די ענגלענדער האָבן אפילו אָנגעהויבן באַווונדערן דעם מוט און די עקשנות פון די אידן אין קאַמף פאַר זייערע רעכט. די בעלזענער אידן האָבן אַרויסגעוויזן עקשנות און כאַראַקטער — מעלות וואָס די ענגלענדער קענען אַלעמאָל אָפּשאַצן.

די געשיכטע פון בעלזען איז ניט נאָר אַ געשיכטע פון מאַרטירער אין

מאַסן־קברים אויף די דייטשע פעלדער און אַ הויכע מצבה איבער די קברים; עס איז אויך די געשיכטע פון בראַווע מענער און פרויען, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַרן טויט און זיינען אַרויס בשלום צו קעמפן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. די געשיכטע פון דאָזיקן קאַמף וועט לעבן אייביק.

בריגאַדיר־גענעראַל ה. ל. גלין יוז

בעלזען, אפריל 1945

אַז מען האָט מיך געבעטן שרייבן אַן אַרטיקל וועגן בעלזען פאַר אַ בוך, וואָס דאַרף געבן אַ פּאַקטישן באַריכט וועגן לאַגער בעת דער באַפרייאונג און נאָכדעם, האָב איך גערן מסכים געווען. איך וויל אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט צו זאָגן א שבח ניט צו די באַפרייער און ניט צו די סאָציאַלע טוער, וועלכע זיינען געקומען העלפן נאָך דער באַפרייאונג, נייערט צו די לאַגער־מענטשן גופא, די געבליבענעביים לעבן—כ'ווייס ניט עד היום ווי אַזוי. זייער קוראַזש און זייער געדולד האָט אונז אַלעמען געגעבן אַ גוטן ביישפּיל פון מענטשליכער מוט און איבערגעבנקייט.

בעלזען אין טאָג פון דער באַפרייאונג איז אָפט געשילדערט געוואָרן זייט דאַמאָלסט. מענטשן האָבן אַ קורצן זכרון, אָבער איך בין זיכער אַז די וועלכע זיינען געווען אין בעלזען אין די ערשטע שעה'ן נאָך דער באַפרייאונג וועלן דעם איינדרוק ניט פאַרגעסן ביז זייער לעצטן אָטעם.

איך זע פאַר זיך די מאַסע פון מענטשן, וועלכע האָבן נאָך געקענט אַרומגיין, און זייער געדראַנג צו געפינען אַ ביסל וואַסער און עפּעס צו עסן... אין די לעצטע טעג פאַר דער באַפרייאונג איז אין לאַגער ניט געווען קיין ברויט און ניט קיין וואַסער.

איך זע פאַר זיך די דראָטענע צוימען און די וואַך־טורעמס פון די ס.ס....

די וואַך האָט געזאָלט אַוועקלייגן זייער געווער לויט אַן אָפּמאַך בעת די נאַציס האָבן זיך אונטערגעגעבן. אָבער עס איז ניט געווען קיין צייט זיי צו אַנטוואָפענען און זיי האָבן ברוטאַל דערמאָרדעט מאַנכע באַפרייטע מענער און פרויען בעת די דאָזיקע אָרימע מענטשן האָבן געזוכט עפּעס צו עסן אין אַ קופּע קאַרטאָפל.

אין דער זעלבער צייט, און טראָץ דער טראַגעדיע פֿאַר אונזערע אויגן, איז געווען אַ פֿרייד צו זען, ווי די באַפֿרייטע מענטשן האָבן לאַנגזאַם באַנומען אַז זיי זיינען באמת פֿריי!

די בריטישע סאָלדאַטן האָבן ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויגן אַז עפּעס אַזוינס איז מעגליך. זיי זיינען געווען אַזוי פֿאַרוווּנדערט און צעטומלט פֿון דער גיהנום־סצענע אַז זיי האָבן אפֿילו פֿאַרגעסן זייער צאָרן קעגן די נאַציס.

קופּעס מתים זיינען געלעגן אומעטום אין לאַגער. איינע אַזאַ קופּע, אין דעם פֿרויען־לאַגער, איז געווען זיבעציק אָדער אַכציק יאַרד לאַנג און זייער הויך געפּאַקט. דאָס דאָזיקע בילד, שרעקליך גענוג, איז געווען בלאָס קעגן די בילדער, וואָס מיר האָבן דערזען פֿאַר זיך אין די באַראַקן פֿון לאַגער. נאָר דאַן, זעענדיק די באַראַקן פֿון אינעווייניק, האָבן מיר באַגריפֿן וואָס פֿאַר אַ שווערע אויפֿגאַבע עס שטייט פֿאַר אונז. לעבעדיקע מענטשן זיינען געלעגן צוזאַמען מיט מתים; קיין היגיענע האָט דאָרטן ניט עקזיסטירט, פֿאַרשטייט זיך; קיין וואַסער איז ניט געווען; די לעבעדיקע סקעלעטן האָבן ניט געהאַט קיין כּוח זיך אויפֿצוהויבן אפֿילו צו נעמען דאָס ביסל עסן, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט.

עס איז געווען זייער פּיינליך צו זען די דאָזיקע אומגליקליכע מענטשן, צו הערן זייער שוואַכע רופֿן... מאַנכע האָבן קוים פֿאַרשטאַנען אַז עס איז נאָך פֿאַר זיי פֿאַראַן אַ האָפֿנונג. אין איין באַראַק האָב איך אויסגעציילט צוואַנציק פֿרויען אויף אַ שטח פֿון פֿינף־און־דרייסיק קוואַדראַט־פֿוס. מאַנכע באַראַקן האָבן אַריינגענומען איבער טויזנט מענטשן אויף אַ שטח ווו עס האָבן נאָרמאַל געקענט שלאָפֿן אַרום אַכציק אָדער הונדערט. עס איז אונז דאַן געוואָרן קלאָר פֿאַרוואָס נאָרמאַלע מענשליכע באַגריפֿן און מנהגים זיינען פֿאַרשוווּנדן אין בעלזען. צו בלייבן לעבן איז געווען דער אינסטינקטיווער דראַנג; און מאַנכע פֿון די קרבנות האָבן פֿאַרלאָרן יעדן געפֿיל אַפֿילו פֿאַר אייגענע משפּחה־מיטגלידער. מאַנכע האָבן אפֿילו געגעסן מענטשן־פֿלייש בכדי צו בלייבן לעבן...

בסך הכּל זיינען געווען אַרום פֿערציק טויזנט לעבעדיקע מענטשן אין לאַגער בעת דער באַפֿרייאונג. אַרום צען טויזנט מתים זיינען געלעגן ניט באַערדיקט. מען האָט אונז דערציילט אַז אַרום זיבעצן טויזנט זיינען געשטאָרבן איידער מיר זיינען אָנגעקומען. די מאַסן־קברים האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס איז געווען ניט איבערטריבן... איין מאַסן־קבר איז נאָך געווען אָפֿן און ניט אינגאַנצן פֿול... צווישן די לעבעדיקע האָבן לכל הפּחות אַכט־און־צוואַנציק טויזנט געדאַרפֿט באַהאַנדלונג אין האָספּיטאַל; און מען האָט משער געווען אַז צען טויזנט פֿון די קראַנקע וועט מען שוין ניט קענען ראַטעווען...

איך וויל דאָ ניט אַריינגיין אין נאָך שרעקליכע פּרטים, אָדער אויסלייגן באריכות די מיטלען, וואָס מיר האָבן אָנגענומען. איך קען זיך דערמאָנען, אַזוי ווי עס וואָלט געווען נעכטן, דעם געפֿיל פֿון האָפֿענונגסלאָזיקייט, וואָס איז מיך באַפֿאַלן: ווי הויבט מען אָן צו לינדערן די נויט אין אַזאַ סיטואַציע?... ווי ראַטעוועט מען די לעבעדיקע?...

בריגאַדיר־גענעראַל ה. ל. גלין יוז.

דאָ וויל איך זאָגן אַ וואָרט וועגן די פּיל באַפרייטע, וועלכע האָבן, טראָץ לאַנגע חדשים אין לאַגער, אָפּגעהיט זייערע נאָרמאַלע סטאַנדאַרטן און זייער געפיל פון אחריות. זיי אַליין האָבן געראַטעוועט זייער פּיל לעבנס דורך זייער אַרבעט. זיי האָבן פאַר זיך ניט געזאָרגט און אַוועקגעגעבן זייערע כוחות פאַר די שוואַכערע. נאָך דער באַפרייאונג זיינען זיי געוואָרן אונזערע העלפער. מיר וואָלטן אָן זייער הילף ניט געקענט אויסקומען. איך האָב בכיוון ניט דערמאָנט קיין נעמען. אָבער אויב די דאָזיקע שורות וועלן דערגיין צו די בעלזענער, וועלן זיי וויסן וועמען איך האָב אין זינען.

דער קאָשמאַר פון די ערשטע שעה'ן און טעג אין בעלזען איז געווען באַהויכט מיט אייניקע מענטשליכע מאָמענטן.

אויף אַן אינספּעקציע אין איינער פון די באַראַקן איז מיט מיר מיטגעגאַנגען אַ יונגער אָפיצער, וועלכער האָט קאָמאַנדירט די אַרמיי־אָפּטיילונג אין לאַגער. מיטאַמאָל האָבן מיר געהערט אַ שוואַכע שטימע: „דוכט זיך אַז דאָס איז מר. דיק?״ . . .

דאָס האָט גערעדט אַ פראַנצויזישע פרוי, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ דינסטמיידל ביי דער מוטער פון דעם דאָזיקן אָפיצער . . .

צום גליק איז די דאָזיקע פרוי געווען איינע פון די, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אַ שאַנס צו ווערן געזונט.

אַן אינזל פון מענטשליכקייט אין מיטן פון כאַאָס איז געווען דער קינדער־באַראַק אין לאַגער. אַ סך פון די דערוואַקסענע האָבן זיך פאַר דער באַפרייאונג אָפּגעזאָגט פון דעם לעצטן שטיקל ברויט בכדי אויפצוהאַלטן די קינדער ביים לעבן . . .

באַלד האָבן מיר געזען די ערשטע סימנים פון אַ צוריקער צו אַ נאָרמאַלער עקזיסטענץ. פרויען און אפילו מיידלאַך האָבן געוויזן אַ אינטערעס אין זייער אויסזען. אַ קאַם איז געווען אַן אוצר ממש . . .

אין איינער פון די באַראַקן האָב איך געפונען אַ פרוי־דאָקטאָר, איינע פון די באַפרייטע, שטאַרק פאַרנומען מיטן צונעמען אַ ניי־געבוירן קינד ביי אַ

באַפּרייטע פרוי. די דאָזיקע אַרצטין איז געווען אַ גינעקאָלאָג און זי האָט ממש אויפגעטאָן וווּנדער אין די פּרויען־באַראַקן אונטער שווערע באַדינגונגען. זיי האָבן אַפילו קיין וואַסער דאָרטן ניט געהאַט.

די לאַגע איז געוואָרן אַ ביסל בעסער ווען מיר האָבן אויסגעליידיקט דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַריבערגעפירט איבער פערצן טויזנט קראַנקע אין אַ האָספּיטאַל, וואָס מיר האָבן אימפּראָוויזירט אין אַ באַראַק אָנדערהאַלבן מייל פון די פאַרפעסטעטע באַראַקן. די ערשטע קרנקע זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין האָספּיטאַל, דעם 21־טן אַפּריל. דעם 21־טן מאַי זיינען די באַראַקן אין אַלטן קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַרברענט געוואָרן.

כ׳דערמאָן זיך די ערשטע חתונה אין בעלזען, צו וועלכער איך האָב באַקומען אַ ספּעציעלע איינלאַדונג. מיין אַרמיי־שאָפער און איך האָבן זיך נאָכדעם אָפט דערמאָנט אָן דעם דאָזיקן פריילאַכן אָוונט אין יענע שווערע טעג. עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע שמחה צו טרעפן דאָס דאָזיקע פּאָרל און זייערע שיינע קינדער בעת אַ באַזוך אין מדינת ישראל. איך האָב באַגעגנט אין ישראל נאָך אַנדערע אַלטע פריינט פון בעלזען. מאַנכע האָב איך געקענט פּערזענליך, מאַנכע נאָר פון אַלגעמיינער דערפאַרונג אין לאַגער, אָבער אַלע זיינען געקומען זיך זען ווי אַלטע פריינט. איך האָב געהאַט אַ געפיל פון פרייד און דאַנקבאַרקייט צו זען די דאָזיקע מענטשן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, צווישן אייגענע, ביי קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין זייער אייגענער היים.

בעלזען איז אַ דערפאַרונג וואָס מען קען ניט פאַרגעסן. ווער עס האָט עס דורכגעמאַכט, האָט בלי ספק זיך אויסגעלייטערט און פאַרשטייט בעסער זיינע מיט־מענטשן. מיר האָבן אין בעלזען געלערנט טאָלעראַנץ און גרייטקייט צו העלפן אַנדערע. מיר האָבן אין בעלזען געזען די באַדייטונג פון אַ מאָראַל און דעם כוח פון אַן אידעאַל, וואָס באַפליגלט מענטשן אין שרעקליכסטע באַדינ־גונגען און העלפט זיי אַרויסצוגיין בשלום.

נאָר די לאַגער־מענטשן אַליין קענען פאַרשטיין וואָס הייסט ליידן. מיר זיינען נאָר געווען עדות לאחר המעשה.

הדסה בימקא־ראָזענזאַפט

קינדער אין בעלזען

עס איז געווען אין דעצעמבער 1944, אין אַ ביטער־קאַלטער נאַכט, דריי אַזייגער פאַרטאָג, ווען מיר האָבן אין אונזער בלאָק אין בעלזען פלוצים דער־הערט דאָס גערויש פון אַן אויטאָמאָביל און אַ געוויין פון קינדער. באַלד דאַרויף האָבן מיר אויך געהערט דאָס באַקאַנטע געשריי פון די ס.ס. זיי האָבן אונז געהייסן אַרויסגיין אין דרויסן.

ווען מיר זיינען אַרויסגעקומען האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַ גרויסן לאַסט־אויטאָמאָביל פול באַלאָדן מיט קינדער. די ס.ס. האָבן געהייסן די קינדער אויסשטייגן און פאַר אונז זיינען געשטאַנען ניין־און־פערציק אידישע קינדער פון אַכט חדשים ביז פופצן יאָר . . .

אונזער בלאָק איז געווען אַן אַזוי־גערופענער פלעגע און אַמבולאַנסן־בלאָק. מיר האָבן די קינדער באַלד אַריינגענומען צו זיך. ווי מיר זיינען שפּעטער געוויער געוואָרן זיינען דאָס געווען קינדער פון האָלענדישע אידן, וועלכע זיינען דעם זעלבן טאָג אַוועקגעשיקט געוואָרן פון איינעם פון די אינטערנירונג־לאַגערן אין בעלזען, כלומרשט צו לערנען די דייטשן שלייפן דימאַנטן.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ געפילן עס האָבן געהערשט ביי אונז פרויען צו קענען זיך פאַרנעמען מיט די דאָזיקע קינדער און זיי אָפּגעבן אונזערע לעצטע שוואַכע כוחות און אונזער גאַנצע ליבע. די פאַר־לאָזענע קינדער זיינען געוואָרן אונזערע קינדער. אייניקע וואָכן שפּעטער זיינען צו אונז געקומען קינדער־טראַנספּאָרטן פון בוכענוואַלד און פון טערעזיענ־שטאָדט, על פי נס געראַטעוועטע אידישע קינדער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי.

די אידישע מיידלעך און פרויען אין אונזער בלאָק האָבן זיך פאַרנומען מיט

אידישע קינדער לערנען זיך ווידער שפּילן און לאַכן אויפן פרייהייט־פּלאַץ אין בעלזען.



ג־מנאַסט־ק אין בעלזענער קינדער־גאָרטן.

די קינדער טאָג און נאַכט, זיי געוואַשן און זיך מיט זיי געשפּילט, כאָטש זיי זיינען אַליין געווען שוואַך פון הונגער און קריינקליך. אידישע מענער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די ס.ס. פאַרפלעגונג־מאַגאַזינען און אַפּטייקן, זיך דערוויסנדיק אַז עס האָבן זיך ביי אונז איינגעפונען קינדער, האָבן גע׳גנבֿ׳ט פון די מאַגאַזינען און אַפּטייקן, זיך דערביי שטעלנדיק אין גרויס געפאַר, און אונז כסדר צוגעשיקט עסן און רפואות פאַר די קינדער.

אַזוי אַרום איז מעגליך געווען דער גרויסער נס, אַז אַלע קינדער זיינען געבליבן לעבן, טראָץ די שרעקליכע פלעק־טיפוס עפּידעמיע און אַנדערע קראַנ־קייטן. די קינדער זיינען אויך דורכגעגאַנגען די קראַנקייטן, אָבער זיינען אַרויס בשלום.

כ׳דערמאָן זיך אָן אַ טריבער נאַכט, ווען מיר זיינען געזעסן ביי די פיבערי־שע קינדער, וועלכע האָבן געוויינט, און זיי באַרואיקט מיט לידער און צוזאָגן, אַז באַלד וועט אַלץ ווערן אַנדערש... מיר האָבן דאַן אַליין אין דעם ניט געגלויבט...

אָבער דער 15־טער אַפּריל 1945 איז געקומען—דער טאָג פון באַפרייאונג דורך דער ענגלישער אַרמיי. די ערשטע אַרבעט פון דער ענגלישער מעדיציני־שער גרופּע, מיט בריגאַדיר גלין יוז און קאָלאָנעל דזשאָנסטאָן בראש, איז געווען צו ראַטעווען די קראַנקע און צו באַזאָרגן די קינדער. צו דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך געשטעלט אַלע דאָקטוירים צווישן די באַפרייטע און אַ סך

פרויען, געשולטע און ניט געשולטע פלעגערינס, וועלכע האָבן זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס. זיי צוזאַמען מיט דער ענגלישער מעדיצינישער גרופּע, און שפּעטער מיט דער הילף פון בריטישן רויטן קרייץ, האָבן געגעבן איבער־מענטשליכע לייסטונגען.

פאַר די קינדער האָט מען איינגעריכטעט דריי שיינע הייזער, די באַקאַנטע ר.ב. פינף, זעקס און זיבן — העל, זויבער, מיט ווייסע בעטן, גוטע פאַרפּלעגונג, שטענדיקע מעדיצינישע אויפפּאַסונג און שפּילצייג. די שפּילצייג האָבן אונז געבראַכט די ענגלענדער. ענגלישע דאָקטוירים זיינען אַרומגעפאָרן צווישן די דייטשע איינוווינער פון דער אומגעגנט און קאָנפיסקירט שפּילצייג. דערביי האָבן זיי געהייסן די דייטשע מוטערס אַרויסרופן זייערע קינדער און זיי דער־ציילן, אַז די שפּילצייג זיינען פאַר אידישע קינדער, וועלכע האָבן געליטן פון די דייטשן...

מיר האָבן אַלץ געטאָן צו ברייינגען פרייד צוריק צו די קינדער, זיי צו לערנען זיך שפּילן און לאַכן. לאַנגזאַם זיינען די קינדער געזונט געוואָרן. איינצעלנע קינדער האָבן געפונען זייערע עלטערן, אָדער איינעם פון זיי, אָדער אַ קרוב. דער טשעכישער און דער האָלענדישער רויטער קרייץ האָבן גענומען צו זייערע משפחות די קינדער, וועלכע האָבן געהאַט וווהין צו פאָרן.

לאַכענדיקע קינדער אין בעלזען נאָך דער באַפרייאונג.

אַ גרופּע פון קינדער־טראַנספּאָרט קיין ארץ ישראל, פאָטאָגראַפירט אין דער קינדערהיים אין בלאַנקענעזע.

די קינדער, וועלכע זיינען געבליבן ביי אונז, האָבן באַקומען די בעסטע אידישע און אַלגעמיינע דערציאונג אין אונזערע אייגענע שולן, אַ דאַנק דער מסירת נפש פון די לערער און די לייטערס פון די קינדער־אַנשטאַלטן אין בעלזען, און אויך אין בלאַנקינעזע און לונעבורג, וווהין אַ טייל קינדער זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן פון בעלזען.

איינער פון די ליכטיקסטע טעג אין דער דאָזיקער תקופה פאַר אונז אַלעמען און—אויב איך מעג זיין פּערזענליך אויף איין מאָמענט—פאַר מיר ספּעציעל איז געווען דער ערשטער קינדער טראַנספּאָרט קיין ארץ ישראל דעם 9־טן אַפּריל 1946.

איך האָב געהאַט דעם זכות צו באַגלייטן די קינדער. די סערטיפיקאַטן פאַרן טראַנספּאָרט האָט אונז געבראַכט די פאַרטרעטערין פון דער סוכנות אין פּאַריז רות קלוגער. דאָס איז, אגב, געווען דער ערשטער בינטל סערטיפיקאַטן וואָס מיר האָבן בכלל באַקומען.

כ׳דערמאָן רות קלוגער מיט דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג פאַר די גרויסע הילף און פאַרשטענדעניס, וואָס זי האָט אונז אַרויסגעוויזן בעת מיר האָבן אָרגאַניזירט דעם קינדער־טראַנספּאָרט.

נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדן פון דער דאָזיקער אומפאַרגעסליכער רייזע.

ווי געזאָגט איז דער טראַנספּאָרט אָפּגעפאָרן דעם 9־טן אַפּריל 1946. עס זיינען געפאָרן מיט אים טויזנט יתומים, וועלכע זיינען פאַרזאַמלט געוואָרן פון גאַנץ דייטשלאַנד, און צוואַנציק שוואַנגערע פרויען, וועמענס מענער עס זיינען

נאָך אַ גרופּע פון קינדער־טראַנספּאָרט קיין ארץ ישראל.

שוין דאַן געווען ערגעץ־ווו אויף די ים׳ען מיט עליה ב׳. געפאָרן זיינען מיר מיטן צוג ביז מאַרסעל און פון דאָרטן מיט דער שיף „שאַמפּאַליאָן״.

אין ליאָן אויפן באַן איז פאָרגעקומען א רירנדיקע סצענע. אייניקע דאָרטיקע אידן, וועלכע האָבן זיך דערוווּסט וועגן די קינדער, האָבן זיך באַוויזן אויפן פּעראָן מיט ברויט—זיי האָבן דאַן אַליין געהונגערט—און געוויינט זעענדיק די געראַטעוועטע אידישע קינדער.

אין מאַרסעל האָבן מיר געפּראַוועט אַ פייערליכן סדר אונטערן פרייען הימל — און דאַן צו דער שיף.

שוין דעם ערשטן טאָג אויפן ים איז צו אונזער טראַנספּאָרט צוגעקומען אַ נייער פּאַסאַזשיר; און שפּעטער, פאַרן אָנקומען קיין חיפה, איז נאָך אַ קינד געבוירן געוואָרן אויף דער שיף.

די קינדער זיינען געווען זייער לוסטיק אויפן וועג און פול מיט דערוואַר־טונגען אויף ארץ ישראל.

אין ביזערטא איז געקומען אויפן שיף אַ דעלעגאַציע פון די דאָרטיקע אידן מיט זייער רב בראש. דער רב איז דערשינען אין זיין ווייסער אבאיע און רויטן פעז אויפן קאָפּ און ער האָט אונז געגעבן זיינע ברכות אויפן וועג, ווי אויך ווייך. אידישע קינדער פון ביזערטא האָבן אונז געבראַכט אָראַנזשן פאַר אונזערע קינדער. זיי האָבן אַרויפגעמאַרשירט אויפן דעק פון דער שיף מיט די פרוכט־קערבלאַך אויף די קעפּ אויפן אָריענטאַלישן שטייגער . . .

מיר זיינען אַלע געווען גערירט פון דער אידישער סאָלידאַריטעט. מיט די

ברכות פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין ביזערטא זיינען מיר אָפּגע־שוואומען קיין חיפה.

דער קבלת־פּנים אין חיפה איז געווען ווי פאַר לאַנג־פאַרלאָרענע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזוכט—אַזוי ווי עס איז באמת געשען... אָבער די שמחה איז ניט געווען פאַרפולט. אַ טראָפּן צער האָט זי אַ ביסל פאַרשטערט, ווי עס פּאַסירט אָפט ביי אידישע שמחות. די קינדער האָבן געמוזט פאָרן קיין אַטליט אויף גאַנצע אַכט טעג. איך בין געבליבן מיט זיי די גאַנצע צייט ביז זיי זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין קיבוצים און שולן. אונזער בעלזענער גרופּע פון הונדערט־און־פינף קינדער איז געגאַנגען קיין דורות, קרית ענבים און בן שמן.

איך האָב די קינדער נאָכדעם באַזוכט אין קרית ענבים און געזען מיט וואָס פאַר אַ ליבע און וואַרימקייט מען האָט זיי אויפגענומען. דעם ערשטן פריידיק־צונאַכט, ווען איך בין געזעסן ביים שבת־טיש אין קרית ענבים מיט די קינדער פון בעלזען, האָב איך געפילט, אַז די קינדער זיינען ענדליך געקומען אַהיים...

קיין יסורים פון קליטה האָבן די קינדער ניט געהאַט. אַ דאַנק ז׳ער דער־ציאונג אין אונזערע בעלזענער שולן, זיינען זיי געקומען קיין ארץ ישראל צוגעגרייט און זיי האָבן זיך באַלד פאַרוועבט אין ישוב, ווו זיי זיינען היינט פרייע, נוציקע און שטאָלצע בירגער.

* * *

קראַנקע אין בעלזען

דער גיהינום אין בעלזען האָט דערגרייכט זיין שרעקליכסטע פּאַזע דריי וואָכן פאַר דער באַפרייאונג. די טיפוס־עפּידעמיע האָט געבושעוועט אָן רחמנות און אַ טויזנט מענטשן אַ טאָג זיינען געשטאָרבן. דער קרעמאַטאָריום, וואָס האָט געברענט טאָג און נאַכט, האָט ניט באַוויזן צו פאַרברענען אַלע מתים און דער לאַגער איז געוואָרן באַדעקט מיט טויטע קערפּערס.

די ס. ס. האָט געפילט אַז זייער סוף דערנענטערט זיך און זיי האָבן אָנ־גענומען שריט אונז אַלעמען אויסצוראָטן. זיי האָבן אָפּגעשניטן דאָס וואַסער און אונז געגעבן ברויט נאָר דריי מאָל אין דער וואָך. די איבעריקע טעג פון דער וואָך האָבן מיר באַקומען צו האַלבן ליטער אַזוי־גערופענע זופּ. חוץ דעם האָבן זיי אונז געהאַלטן אין טויט שרעק, אַז דער לאַגער איז מינירט און מיר וועלן די פרייהייט ניט דערלעבן.

אָט אַזוי איז געווען אונזער לאַגע ערב דער באַפרייאונג: קראַנקייטן, הונ־גער, פאַרצווייפלונג, טויט־אַנגסט און קיין פונק פון האָפענונג.

דער לאַגער איז באַפרייט געוואָרן דעם 15־טן אַפּריל און אַ טאָג שפּעטער איז אַריינגעקומען אין לאַגער בריגאַדיר־גענעראַל גלין יוז, דער הויפּט־אַרצט פון דער צווייטער בריטישער אַרמיי. ביים אָנקוקן די מענטשן אין די באַראַקן אין זייער טראַגישן צושטאַנד האָט דער דאָזיקער אַרצט און אָפיצער, וועלכער איז געווען פאַרהאַרטעוועט אין קריג און האָט געזען גענוגליידן און פּיין, זיך

צעווייִנט ווי אַ קינד. ער האָט אויפֿן אָרט באַשלאָסן תיכּף אָנצוהויבן אַן אַקציע צו ראַטעווען מענטשן, כאָטש דער קריג האָט נאָך אָנגעהאַלטן.

ניט ווייט פֿון לאַגער בעלזען זײַנען געווען קאַזאַרמעס פֿון דײַטשע סאָל־דאַטן — געמויערטע הײַזער מיט אַלע באַקוועמליכקייטן. בריגאַדיר גלין יוז האָט באַשלאָסן אַהין צו נעמען די קראַנקע.

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיטן בריגאַדיר איז געווען בעת ער איז געגאַנגען דורכן לאַגער אויף אַן אינספּעקציע. ער האָט געפֿרעגט אויב עמיצער פֿון אונז וואָלט געוואָלט מיטגיין און אים באַווײַזן דעם לאַגער, און מײַנע פֿרײַנט האָבן מיך געבעטן, איך זאָל מיטגיין.

ווען איך בין שפּעטער באַשטימט געוואָרן אַלס אַדמינ. לייטערין פֿון די האָספּיטאַלן פֿאַר די לאַגער־מענטשן, איז מײַן ערשטער שריט געווען אַ רוף צו דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער צווישן די לאַגער מענטשן. 28 דאָקטוירים און 620 פֿלעגער און פֿלעגערינס — די גרויסע מערהייט פּרויען — האָבן זיך געמעלדעט. ניט אַלע פֿון זיי זײַנען געווען קוואַליפֿיצירטע. אַלע זײַנען זיי נאָך געווען אַליין שוואַך פֿון לאַגער־לעבן, אָבער זיי האָבן געאַרבעט מיט אמת׳ער מסירת נפֿש.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן נאָך דעם זעלבן טאָג צוזאַמען מיט די ענג־לישע דאָקטוירים און סאַניטאַרן אונטער דער לייטונג פֿון קאָלאָנעל דזשאָנ־סטאָן, דער הויפּט־אַרצט פֿון דער 32־טער „סי סי עס״. די קראַנקע זײַנען דיזענ־פֿעקצירט געוואָרן און אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין 60 געבײַידעס און אויך אין אַ געוועזענעם האָספּיטאַל פֿאַר ס.ס. אָפֿיצערן און אין „רונדן הויז״ (ווו עס איז שפּעטער געווען דער זיץ פֿון אידישן צענטראַל־קאָמיטעט).

צען פֿלעגערינס האָבן אויפֿגעפּאַסט אויף יעדן הויז פֿון דעם האָספּיטאַל ראַיאָן וואָס האָט אַנטהאַלטן 60 פּאַציענטן. ר.ב. 5 איז געווען אַ גינעקאָלאָגישער האָספּיטאַל.

מען קען זיך לײַכט פֿאָרשטעלן דעם געמיט פֿון די קראַנקע, ווען זיי האָבן באַקומען אַן אייגן זויבער בעט, אַ ריינעם, ליכטיקן צימער און פֿלעגע טאָג און נאַכט.

די איבערפֿירונג פֿון די קראַנקע האָט זיך געענדיקט דעם 21־טן מאַי. דער אַלטער „לאַגער איינס״ איז דאַן פֿאַרברענט געוואָרן אין אַ פֿײַערליכער צערע־מאָניע. היטלער׳ס בילד איז אויפֿגעהאַנגען געוואָרן אויפֿן בלאָק 44 צו פֿאַר־ברענען מיטן לאַגער צוזאַמען. און זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן — עס איז געווען פֿאַר מיר אַ רירנדיקע און אומפֿאַרגעסליכע איבערלעבעניש ווען איך בין געשטאַנען מיט בריגאַדיר ה. ל. גלין יוז און קאָלאָנעל דזשאָנ־סטאָן אויף דער צערעמאָניע פֿון פֿאַרברענען דעם אַלטן לאַגער. קאָלאָנעל דזשאָנסטאָן האָט מיט אַ פֿײַער־פּיסטאַל געשאָסן אין היטלער׳ס בילד און פֿון דעם פּונקט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פֿײַער, וואָס האָט פֿאַרצערט דעם לאַגער און סימבאָליזירט דעם סוף פֿון נאַציזם...

פֿון דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגולערע מעדיצינישע אַרבעט אין די האָספּיטאַלן. בײַ דער דאָזיקער אַרבעט זײַנען, חוץ אונזערע דאָקטוירים און

אויבן : דער וועגווייכן צום גלין יוז האָספּיטאַל אין בעלזען ; אונטן : אין פאָדערגרונט
זעט מען די הויפּט־דאָקטוירים פון האָספּיטאַל, דר. ש. גאָטליב (לינקס) און דר. פּ. שפּאַניער.

שוועסטער און חוץ דעם מיליטערישן מעדיצינישן פּערסאָנאַל, אויך געווען באַ־שעפטיקט אַ גרופּע פון בריטישן רויטן קרויץ און אַ גרופּע פון שווייצאַרישן רויטן קרויץ. שפּעטער זיינען געקומען די קווייקערס און אַ גרופּע פון הונדערט סטודענטן־מעדיקער אונטער דר. מייקעלדזשאַן. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך באַרימט און באַליבט געמאַכט אין לאַגער מיט אירע גרויסע הומאַניטאַרע לייס־טונגען און איר געטרייער אַרבעט אין שווערע באַדינגונגען. דר. מייקעלדזשאַן, אַן אירלענדער, האָט געבראַכט אין לאַגער מענטשליכע סימפּאַטיע און אַ וואַרימע באַציאונג צו די ליידנדיקע.

זיינער אַ פּאַרטנער, אין לאָנדאָן, וועגן דער הילף־אַרבעט אין בעלזען איז שפּעטער פאַרעפנטליכט געוואָרן.

אין דער דאָזיקער טעטיקייט פון היילן די לאַגער־קראַנקע זיינען געווען אַ ריי מאָמענטן, וואָס וואָלטן געווען קאָמיש, ווען זיי וואָלטן זיך ניט אָפּגעשפּילט אויפן הינטערגרונט פון אַזאַ טראַגעדיע. צום ביישפּיל, די געשיכטע מיט די פלעקן. מיר האָבן נאָך אַלץ געהאַט פלעק־טיפוס, און מיליטערישע דאָקטוירים פלעגן כסדר קומען און בעטן זיי ווייזן די פלעקן. די דאָזיקע מעדיצינישע ניי־געריקייט איז געווען פאַרשטענדליך. פלעק־טיפוס איז אין מערב, אין נאָרמאַ־לע באַדינגונגען, איינע פון די קראַנקייטן, וואָס מען לערנט וועגן דעם און מען קען ניט דעמאָנסטרירן אין אוניווערסיטעט־קליניק. האָבן די דאָקטוירים געוואָלט זען די פלעקן.

עס איז געווען אַ גליקליכער טאָג ווען מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר האָבן מער ניט קיין פלעקן צו ווייזן, און מיר מוזן שליסן די „אויסשטעלונג“.

כ׳דערמאָן זיך אָן אַ יונגען פּסיכיאַטאַר, וועלכער איז געקומען צו אונז און פאַרגעלייגט זיין דינסט אין דעם פאַך. איך האָב אים געזאָגט אַז מיר האָבן פאַר אים דוקא ניט קיין פּאַציענטן. ער האָט אָבער אַליין געזוכט און איז שפּעטער געקומען מיט אַ שמחה, אַז ער האָט געפונען איינע אַ יונגע פרוי. די סימפּטאָ־מען ? ער האָט זי געזען זיך קעמען די האָר מיט אַ צובראָכענעם קאַם און אַריינ־קוקן אין אַ שטיקל צובראָכן שפּיגל־גלאָז. מיר האָבן אים געפרעגט צו ער האָט געפּרוווט איר געבן אַ גאַנצן קאַם און שפּיגל און זי האָט ניט גענומען. ערשט דאַן האָט ער באַנומען אונזער טראַגישן מצב, האָט זיך פאַרשעמט, און איז אַוועק.

אין אָנבליק פון אַזאַ גוואַלטיקן פּראָבלעם פון רעהאַביליטאַציע האָבן מיר געדאַרפט אַ סך מער דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, און בלית ברירה האָבן די בריטישע אויטאָריטעטן געמוזט קאָמאַנדירן אין לאַגער אַריין דייטשע דאָקטוירים און שוועסטער. מיר האָבן מסכים געווען מיט אַ שווער האַרץ. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן ?

ס׳רוב פּאַציענטן האָבן אויפגעציטערט בעת זיי האָבן דערזען פאַר זיך דייטשע דאָקטוירים אין אוניפאָרמעס און דייטשע קראַנקן־שוועסטער... זיי האָבן געדיינקט מאַנכע דייטשע דאָקטוירים אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

לאַנגזאַם האָט די עפּידעמיע זיך באַרואיקט. פּאַציענטן זיינען טיילוויז געזונט געוואָרן. אַ גרויסע הילף פאַר אונזער אַרבעט פון רעהאַביליטאַציע פון

די קראַנקע איז געווען די גרויסמוטיקע הילף פון דער שוועדישער רעגירונג און זייער רויטן קרייץ. זיי האָבן אויפגענומען זעקס טויזנט שווער־קראַנקע פון בעלזען אויף באַהאַנדלונג און דערהוילונג אין שוועדן גופא. בעטן אין אונזערע האָספּיטאַלן זיינען מיט דער צייט געוואָרן ליידיק, און סוף כל סוף זיינען מיר געבליבן מיט איין האָספּיטאַל פון זיבן הונדערט בעטן פאַר די נאָרמאַלע געברויכן פון לאַגער.

די אַרבעט פון אונזערע אייגענע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער וועט אויף שטענדיק בלייבן אַ שיינענדיקער ביישפּיל פון קעגנזייטיקער הילף. עס איז נאָך היינט אַ וווּנדער, ווי אַזוי זיי האָבן געפונען אין זיך גענוג ענערגיע און כוחות צו באַהאַנדלען אַנדערע מענטשן, בעת זיי אַליין זיינען נאָך געווען קראַנק און האָבן געדאַרפט באַהאַנדלונג.

די אַרבעט פון די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וועלכע זיינען גע־קומען צו אונז פון דער בריטישער אַרמיי און פון פרייוויליקע אָרגאַניזאַציעס, וועט אויף שטענדיק בלייבן אַ ליכטיקער שטראַל אין די דאָזיקע פינסטערע און טראַגישע טעג. זיי קענען האָבן די סאַטיספאַקציע צו וויסן, אַז די געזונט־געוואָרענע טראָגן אין האַרצן אַן אייביקן דאַנק פאַר דער הילף, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן אַזוי גרויסמוטיק.

דר. וו. ר. פ. קאָליס

א מעדיצינישע עקספּערטיזע איבער בעלזען*

אלגעמיינע באַדינגונגען

דער לאַגער איז פאַרטיילט אין צוויי שטחים — לאַגער איינס און לאַגער צוויי. לאַגער איינס איז אַ קאָלעקציע פון הילצערנע באַראַקן, ווו עס געפינען זיך אַרום צוויי־און־צוואַנציק טויזנט פרויען און אַכט טויזנט מענער. לאַגער צוויי באַשטייט פון אַ ריי ציגעלנע געביידעס און דאָרטן זיינען פאַראַן אַרום זיבן־און־צוואַנציק טויזנט מענער. די איינוווינער פוןביידע לאַגערן זיינען אַ געמיש פון נאַציאָנאַליטעטן, ס׳רוב רוסן און פּאָליאַקן. טשעכן, בעלגיער, פראַנצויזן און איטאַליענער זיינען דאָרטן אויך פאַראַן. (די בריטישע האָבן שפּעטער אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון ניט אַנערקענען אידן אַלס אידן — רעד.)

די פאָלגענדיקע שורות זיינען אַ פּרווו צו באַשרייבן בקיצור דעם לאַגער, אַזוי ווי ער איז געווען דעם זיבעצנטן אַפּריל, 1945. עס איז ניט מעגליך אויסצולייגן אויף פּאַפּיר אַ גענויע שילדערונג פון דעם וואָס עס האָט זיך דאָרטן געטאָן.

לאַגער איינס — אַ געדיכטע מאַסע פון אויסגעמאַטערטע און אַפּאַטישע שאָטנס פון מענטשן, אַלע אָנגעפּאַקט אין הילצערנע באַראַקן. מאַנכע האָבן בכלל ניט קיין קליידער; פיל האָבן ניט קיין בעטן אָדער בעטגעוואַנט. די פרויען זיינען אין אַן ערגערן צושטאַנד איידער די מענער. אויב זיי האָבן קליידער

* דער בריטישער מעדיצינישער זשורנאַל האָט דעם 9־טן יוני, 1945, פאַרעפנטליכט די פאָלגענדיקע שילדערונג פון בעלזען.

זיינען עס שמוציקע שמאַטעס. די טויטע ליגן אומעטום איבערן לאַגער און אין קופּעס ביי באַראַקן, ווו עס זיינען פאַראַן די שווער־קראַנקע און וואָס הייסן כלומרשט האָספּיטאַלן. בערך דריי טויזנט נאַקעטע מתים אין פאַרשיידענע סטאַדיעס פון דעקאָמפּאָזיציע ליגן איבערן לאַגער. קיין סאַניטאַציע עקזיסטירט ניט. גריבער, נאָר איניקע מיט הילצערנע צוימען, זיינען פאַראַן אַנשטאָט סאַניטאַציע, און אויך ניט גענוג. די מערהייט געפאַנגענע זיינען בכלל צו שוואַך פון הונגער און פּיין זיך צו באַוועגן און זיי טוען זייערע צרכים ווו זיי זיצן אָדער ליגן, אַפילו אין די באַראַקן. קיין פליסנדיקער וואַסער און קיין עלעקטרע איז ניט פאַראַן. וואַסער ווערט געבראַכט אין אונזערע וואַסער־ציסטערנעס.

לאַגער צוויי — די באַדינגונגען אין דעם לאַגער זיינען אַ סך בעסער אין פאַרגלייך מיט לאַגער איינס. די געפאַנגענע לעבן אין געביידעס, צו זעקס הונדערט אין אַ בנין פאַר הונדערט־פופציק. אין דעם לאַגער זיינען פאַראַן אַ סך וויניקער קראַנקע, אָבער דאָך שטאַרבן דאָרטן אַרום צען אַ טאָג. די מענטשן אין לאַגער צוויי שיינען צו זיין בעסער אָנגעטאָן און בעסער דערנערט איידער די מענטשן אין לאַגער איינס. אָבער דאָך זיינען אויך דאָ פאַראַן סימנים פון הונגער. אין לאַגער צוויי ווערט געמאַכט אַ פּרווו צו באַערדיקן די מתים.

קראַנקייטן

לאַגער איינס — פול מיט טיפוס און טובערקולאָז. זייער פיל מאָגן־אינפעקציעס, מסתמא ניט קיין קאָמפּליצירטע. קיין כאָלערא אָדער דיזענטעריע האָט מען ניט דיאַגנאָזירט. הונגער־קראַנקייטן זיינען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג.

לאַגער צוויי — מאָגן־קראַנקייטן, טובערקולאָז און הונגער־קראַנקייטן. קיין טיפוס איז ניטאָ אין דעם לאַגער.

בעצם איז די פּאַקטישע לאַגע ערגער ווי די באַשריבענע. למשל, ווען מען האָט אויסגעציילט די מתים איז די צאָל געווען אַרום אַכט טויזנט, ניט דריי טויזנט. אין פיל פאַלן זיינען די מתים געלעגן ביי די ווענט פון די באַראַקן ביזן דאַך און די באַראַקן גופא זיינען געווען אָנגעפּילט מיט מתים און גוסס׳דיקע מענטשן. במשך פון אַ וואָך האָבן זיי ניט כמעט געהאַט קיין וואַסער. אַזוי זיינען זיי געלעגן — דריי אויף אַ בעטל פאַר איינעם, אָדער אויפן באָדן, צוגעדעקט מיט פאַרשטונקענע שמאַטעס, אויסגעווייקט אין אָפּפאַל און באַדעקט מיט לייז.

די סיבות פון טויט זיינען געווען הויפּטזעכליך טיפוס, הונגער, טובערקולאָז און דיזענטעריע. פינף הונדערט אַ טאָג זיינען געשטאָרבן פון קראַנקייטן, און די וועכטער האָבן דערמאָרדעט נאָך מער. אין לאַגער איינס, אויף אַ שטח פון אַכט־צענטל מייל ביי פיר־צענטל מייל, וואָס האָט נאָך דערצו אַריינגענומען די אַדמיניסטראַציע און דעם קרעמעטאָריום מיט די צוגאָב־בנינים, זיינען געהאַלטן געוואָרן פערציק טויזנט מענטשן. זיי זיינען געווען פאַרשפּאַרט כמעט די גאַנצע צייט אין די באַראַקן. אויב זיי האָבן געוואָגט אַרויסצוגיין האָט מען אויף זיי געשאָסן.

אויף דעם דאָזיקן שרעקליכן פּלאַץ זיינען אָנגעקומען די בריטישע טרופּן.

די ס.ס. וועכטער זיינען געצוווּנגען געוואָרן צו באַערדיקן די מתים און אָפּצורייניקן די ערגסטע פּונקטן פון שמוץ. די אונגאַרישע וועכטער זיינען אויך באַשעפטיקט געוואָרן ביי ענליכע אַרבעטן און אַן ס.אַ.ס. איז אַרויסגעשיקט געוואָרן נאָך הילף. דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער צווייטער בריטישער אַרמיי, בריגאַדיר־גענעראַל גלין־יוז, האָט געשיקט אין לאַגער אַריין די פאָלגענדיקע מיליטערישע מעדיצינישע אָפּטיילונגען: די צוויי־און־דרייסיקסטע אָפּטיילונג אונטער לייט.־קאָלאָנעל דזשאָנסטאָן; דער עלפטער לייכטער פעלד־אַמבולאַנס אונטער לייט.־קאָלאָנעל גאָנין; דער הונדערט־דריי־און־זעכציקסטער פעלד־אַמבולאַנס אונטער לייט.־קאָלאָנעל הערפאָרד; די דרייסיקסטע היגיענישע פעלד־אָפּטיילונג אונטער מאַיאָר פאָקס; די זעקס־און־זיבעציקסטע היגיענישע פעלד־אָפּטיילונג אונטער מאַיאָר וואַלדראָן. אַ ביסל שפּעטער זיינען די דאָזיקע אָפּטיילונגען פאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן ניינטן אַלגעמיינעם מיליטערישן האָספּיטאַל מיט זעקס הונדערט בעטן אונטער קאָלאָנעל קאַראַם; נאָך אַן אַלגעמיינעם האָספּיטאַל מיט צוועלף הונדערט בעטן; אַ מיליטערישע מעדיצינישע אָפּטיילונג. דערצו זיינען אין לאַגער געקומען אַן אַרמיי־אָפּטיילונג, ווי אויך אַן אָפּטיילונג פון דער מיליטערישער רעגירונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע פון פאַרוואַנדלען אַ טויט־תפיסה אין אַ האָספּיטאַל. דאָס איז דוקא ניט געווען די אויפגאַבע פון דער מיליטערישער מעדיצינישער דינסט, אָבער הומאַניטאַרע פליכטן האָבן דיקטירט די דאָזיקע אַקציע.

די דאָזיקע מעדיצינישע אָפּטיילונגען אונטער דער קאָמאַנדע פון לייטענאַנט־קאָלאָנעל דזשאָנסטאָן האָבן ממש באַוויזן וווּנדער. מען האָט עס געדאַרפט זען בכדי צו גלויבן. איינע פון די מאָנומענטאַלע אויפגאַבעס, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין לאַגער, איז געווען איינצוריכטן אַ האָספּיטאַל מיט זיבעצן הונדערט בעטן אין אַ באַראַק. מען האָט געמוזט געפינען בעטן, בעטגעוואַנט, באַנדאַזשן, מעדיקאַמענטן און הונדערט און איין אַרטיקלען. מען האָט אויך געדאַרפט געפינען קראַנקן־שוועסטער און באַדינער צווישן די געזונטע בעלזענער און צווישן די דייטשן. נאָר אַ דאַנק דער גוואַלטיקער איניציאַטיווע און אומדערמידליכער ענערגיע פון לייטענאַנט־קאָלאָנעל דזשאָנסטאָן איז דאָס אַלץ געווען מעגליך. די היגיענישע פעלד־אָפּטיילונגען האָבן דערווייל זיך פאַרנומען מיט זייער ענין. זיי האָבן אויפגעפאַסט אויף די באַערדיקונג פון די מתים און דאָס אָפּרוימען פון שמוץ און זיי האָבן דיזענפעקצירט דעם לאַגער און די פערציק טויזנט באַפרייטע מענטשן מיט ד.ד.ט. דאָס איז נאָר געווען איינע פון זייערע אויפגאַבעס. די אַנטי־טיפוס קאָמפּאַניע איז געווען אונטער דער קאָנטראָל פון קאַפּיטאַן דייוויס פון מעדיצינישן קאָרפּוס פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי (אַ ספּעציאַליסט אין טיפוס ביי דער אַמעריקאַנער טיפוס־קאָמיסיע). די אַרבעט פון די היגיענישע פעלד־אָפּטיילונגען און פון קאַפּיטאַן דייוויס האָט בלי ספק פאַרמידן אַ גרויסע טיפוס־עפּידעמיע.

אַ וואָך נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער איז אַהין אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון בריטישן רויטן קרייץ. זיי האָבן זיך באַלד געוואָרפן אין דער אַרבעט און

געטאָן אַלץ וואָס מען האָט זיי געבעטן. די פּרויען פון רויטן קרייץ אונטער שוועסטער סילווער־דזשאָנס און שוועסטער בירדוועל זיינען געשיקט געוואָרן אין האָספּיטאַל אַריין איבערצונעמען די ערשטע זעקס הונדערט פּאַציענטן, ס׳רוב פון זיי אין אַ צושטאַנד פון גסיסה. די פּאַציענטן האָבן כמעט אַלע געהאַט אָפענע ווונדן און פיל האָבן געהאַט דיזענטעריע אָדער טיפוס.

די מענער פון רויטן קרייץ האָבן איבערגענומען די אויפגאַבע צו פירן די פּאַציענטן צוערשט אין וואַשהויז און דאַן אין האָספּיטאַל.

צוויי וואָכן שפּעטער זיינען אָנגעקומען אַרום הונדערט סטודענטן־מעדיקער בראש מיט דר. מייקעלדזשאָן פון „אַנררא״. זיי האָבן איבערגענומען די אַרבעט פון שפּייזן די לאַגער־מענטשן בעת דער לאַגער איינס איז נאָך ניט געווען אָפּ־געראַמט. דאָס וואָס די דאָזיקע יונגעלייט זיינען אויסגעשטאַנען אין לאַגער, אַרבעטנדיק אין שמוץ און שלעכטן ריח, איז שווער צו באַשרייבן. ביסלאַכווייז זיינען די באַראַקן אויסגעראַמט געוואָרן און די פּאַציענטן זיינען געוואָרן שי־טערער. אַ טייל זיינען אַוועקגענומען געוואָרן אין האָספּיטאַל און אַ טייל זיינען געשטאָרבן.

דער גאַנצער לאַגער איז פאַרטיילט געוואָרן אין צוויי ראַיאָנען. איינער פון די דאָזיקע ראַיאָנען איז איצט באַקאַנט אַלס דער האָספּיטאַל־ראַיאָן פון לאַגער און דאָרטן ווערט געגעבן מעדיצינישע באַהאַנדלונג. אין צווייטן ראַיאָן, ווו די לאַגער־מענטשן לעבן אין באַראַקן, פּאַסן אויף צוויי סטודענטן און פינף קראַנקן שוועסטער אויף צווישן הונדערט און פיר הונדערט מענטשן, וועלכע זיינען נאָך ניט אונטערזוכט געוואָרן מעדיציניש. אין האָספּיטאַל־ראַיאָן ווידער פּאַסן אויף דריי סטודענטן אויף אַרום הונדערט פופציק פּאַציענטן. קראַנקן־שוועסטער און אונגאַרישע וועכטער העלפן זיי. אין אַ ליאַדער אָפּטיילונג פון האספּיטאַל־ראַיאָן קען מען געפינען אַ פּאָר טיפוס־קראַנקע, אַ דריי דיזענטעריע־קראַנקע און אַ צוויי־דריי טובערקולאָז־קראַנקע — בסך הכל אַרום אַכט אָדער צען מענטשן אין אַזאַ מין אָפּטיילונג, וועלכע געפינט זיך אין אַ באַראַק. די קאָמ־פּליקאַציעס פון די טיפוס־קראַנקע זיינען על פּי רוב טראָמבאָזיס, גאַנגרענע און לונגען־אָנצינדונג. מאַרד־קראַנקייטן זיינען זעלטן, אָבער אויב זיי פּאַסירן זיינען זיי שטערבליך. די הונגער־קראַנקייטן זיינען אויך אַ פּלאָג.

די סטודענטן טוען אַן הערּאָאישע אַרבעט און זיי פאַרדינען יעדן לויב.

טעגליכע טויט פאַלן אין לאַגער זיינען געפאַלן פון אַרום דריי הונדערט צו זעכציק באַלד ווי די סטודענטן זיינען אָנגעקומען. בלי ספק האָבן די ליפערונגען פון פּערציק טאָן טרוקענע מילך, ווי אויך פּראַטעאינען, הידראָסילאַטן און גלו־קאָז, און די ספּעציעלן דערנערונג־סיסטעם פאַר די שווער־קראַנקע געראַטע־וועט טויזנטער לעבנס.

די מאַפּע צום סוף פון בוך גיט אַן איבערבליק איבערן לאַגער.

לאַגער איינס איז שוין כמעט פּוסט. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן די לעצטע מענטשן פון דאָרטן אַריבערגיין אָדער צום האָספּיטאַל־ראַיאָן אָדער אין האָס־פּיטאַל אַריין. דעם לאַגער איינס וועט מען דאַן פאַרברענען.

לאַגער צוויי: אַ טייל פון דעם דאָזיקן לאַגער פאַרנעמט אַ מיליטערישער

האָספּיטאַל מיט צוויי־טויזנט־דריי־הונדערט פּאַציענטן. באַלד וועט ער האָבן דריי און אַ האַלב טויזנט. דער גרעסערער טייל פון לאַגער צוויי איז דער האָס־פּיטאַל־ראַיאָן. דאָרטן זיינען פאַראַן 11,200 פּאַציענטן. דער דאָזיקער ראַיאָן איז פאַרטיילט אויף סקווערן מיט פינף הייזער אין יעדן — בסך הכל זיבן הונ־דערט פּאַציענטן. יעדער סקווער איז אונטער דער קאָנטראָל פון אַן אַרמיי־דאָקטאָר. אין יעדן הויז מיט 150 פּאַציענטן זיינען פאַראַן נאָר אַ פּאָר בריטישע קראַנקן־שוועסטער. די איבעריקע זיינען אָדער קראַנקן־שוועסטער פון די לאַגער־מענטשן גופא אָדער דייטשע קראַנקן־שוועסטער. עס איז געווען נויטיק צו באַשעפטיקן דייטשע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, ווייל ניט גענוג זיינען געקומען פון דרויסן. בלי ספק איז דער הוספה־פּערסאָנאַל פון די דייטשן נוציק, אָבער די פּאַציענטן האָבן מורא פאַר די דייטשן, אַפילו אונ־טערן אויפזיכט פון די בריטישע. זיי געדיינקען ווי מען האָט זיי באַהאַנדלט פריער אין דייטשע הענט. מען האָט פעסטגעשטעלט אַז דייטשע דאָקטוירים פלעגן געבן לאַגער־פּאַציענטן אינטראַווענאָזע איינשפּריצונגען פון בענזאָל אָדער קרעאָסאָט. ווען דייטשע דאָקטוירים מאַכן איצט איינשפּריצונגען פון הידראָ־ליסאַט בעטן זיך די קראַנקע מען זאָל זיי ניט נעמען אין קרעמאַטאָריום!

חוץ די סקווערן פאַר אַלגעמיינע פּאַציענטן זיינען פאַראַן דריי פאַר פּרויען־קראַנקייטן און פאַר קינדער. כ׳ווייס ניט צו אויף דער גאַרער וועלט זיינען פאַרן פאַלן פון קינדער־געבורט בעת די מוטערס זיינען קראַנק אויף טיפוס, אָבער דאָ איז עס אַ געוויינליכע דערשיינונג. דאָקטוירים נעמען צו קינדער ביי טיפוס־קראַנקע און די שוועריקייטן זיינען אומבאַשרייבליך. דאָך ווערן זייער וויניק פרויען קראַנק אויף בלוט־פאַרגיפטונג נאָכן געבורט, אָבער פיל פון די ניי־געבוירענע קינדער שטאַרבן פון פאַרגיפטונג.

די קינדער־בלאָקן זיינען די גליקליכסטע אין גאַנצן לאַגער. פיל פון די קינדער זיינען אונטערנערט און קראַנק אַלס רעזולטאַט פון הונגער, אָבער פיל הויבן אָן זיך צו דערהוילן און עס איז מערקווירדיק אַז די דאָזיקע קינדער, ספּעציעל די קינדער אונטער זיבן יאָר, ווייזן ניט קיין סימנים פון טרויער, וואָס פלעגט די דערוואַקסענע און מאַכט זייער לאַגע שווערער. די קינדער לאַכן שוין און שפּילן זיך. פיל פון זיי וועלן פאַלשטענדיק געזונט ווערן. אָבער אונזער אחריות ענדיקט זיך ניט מיט דעם. פיל פון די קינדער האָבן ניט קיין היים און קיין צוקונפט. זיכער זיינען מסתמא פאַראַן ערגעץ־ווו מענטשן, וועלכע וועלן זאָרגן פאַר די דאָזיקע קינדער און זיי געבן אַ היים.

די הויפּט־באַהאַנדלונג אין האָספּיטאַל־ראַיאָן איז שפּייזן די אויסגעהונגער־טע. דר. דזשאָנעט וואַהאַן און איר אָפּטיילונג טוען אַ וויכטיקע אַרבעט אויף דעם געביט. דערווייל מאַכן זיי אויך וויכטיקע מעדיצינישע באָאָבאַכטונגען. אָבער די באַדינגונגען פאַר איינשפּריצונגען און באַהאַנדלונג בכלל זיינען שווערע צוליב מאַנגל אין פּערסאָנאַל. כל זמן עס וועלן ניט קומען נאָך העלפערס וועט מען ניט קענען לייזן די פראַגע פון פולער באַהאַנדלונג. פּאַציענטן מיט אָפענעם טובערקולאָז און טיפוס־קראַנקע זיינען נאָך אַלץ צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַציענטן. אָן רענטגען־אַפּאַראַטן זיינען די דיאַגנאָזן נאָר פּראָוויזאָרישע.

פאַראַן נאָך לאַגער דריי. דאָרטן לעבן אַרום אַכט טויזנט מענטשן. זיי זיינען בערך געזונט און דערהוילן זיך. זיי קענען אַרומגיין און אויפּפּאַסן אויף זיך. אָבער פיל פון זיי זיינען זייער שוואַך און מאַנכע ווערן ערשט איצט קראַנק און מען מוז זיי נעמען אין האָספּיטאַל אַריין. טיפּוס האָט זיך באַוויזן אין לאַגער דריי אין אַן ערנסטער פאָרם און דער דאָזיקער לאַגער איז איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען פאַר די דירעקטאָרן פון בעלזען.

עס זיינען נאָך פאַראַן אין בעלזען דער האָספּיטאַל פון רונדן הויז און דער דייטשער האָספּיטאַל. 1,200 דייטשן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון דייטשן האָספּיטאַל און ער ווערט צוגעגרייט פאַר לאַגער־פּאַציענטן. איין פליגל פון דעם דאָזיקן האָספּיטאַל האָט מען געמוזט געבן פאַר טיפּוס־קראַנקע אַרמיי־סאַניטאַרן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטעקט אין לאַגער.

עס קומט נאָך די פראַגע פון רעהאַביליטאַציע פון די דאָזיקע צובראָכענע מענטשן. קודם כל דאַרף מען זאָרגן פאַר זייער פיזישן געזונט, אָבער פיל פון זיי זיינען צובראָכן אין גייסט ניט ווייניקער ווי אין קערפּער. מען דאַרף האָבן עקספּערטן און ביכער אין רוסיש, פּויליש, דייטש און פראַנצויזיש.

מען דאַרף אויך ניי מאַטעריאַלן פאַר די פרויען און פיל אַנדערע זאַכן.

אויספירן

דער דאָזיקער באַריכט, צו געבן בריטישע דאָקטוירים אַ באַגריף וועגן דעם מעדיצינישן פּראָבלעם פון בעלזען, איז לחלוטין ניט גענוגנדיק אַלס באַשרייבונג פון לאַגער. קיין ווערטער קענען ניט באַשרייבן די צעפוילטע קערפּערס, פאַר־קרימטע געזיכטער און די שמאַטעס אַנשטאָט בגדים. אויף אַ מהלך פון לאַגער קען מען הערן דעם שלעכטן ריח און זען די פייערן, אויף וועלכע די באַפרייטע פאַרברענען זייערע לאַגער־בגדים נאָכן באַקומען אַנדערע. בריטישע דאָקטוירים וועלן דאַרפן זיך אַליין פאָרשטעלן דעם רעשט בכדי צו וויסן וואָס פאַר אַ פּראָבלעם די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן בייצוקומען אין בעלזען. זייט דער לאַגער איז באַפרייט געוואָרן האָט מען באַערדיקט איבער צוואַנציק טויזנט מתים. דרייסיק טויזנט מענטשן זיינען פאַראַן אין לאַגער און פון זיי זיינען 11,200 האָספּיטאַל־פּאַציענטן.

דער שמוץ איז אויפגערוימט, אָבער דאָס פּראָבלעם פון היילונג און רעהאַביליטאַציע בלייבט נאָך. מען מוז לויבן די אַרבעט אין בעלזען פון דעם קעניגליכן מעדיצינישן אַרמיי־קאָרפּוס (אַרמיי־דאָקטוירים—רעד.) און פון רויטן קרייץ, אונטער וועלכן דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אַרבעטן אין פאָלשטענדיקער האַרמאָניע. עס דאַרפן אויך דער־מאָנט ווערן די שווייצאַרישע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וועלכע זיינען געקומען מיט אַעראָפּלאַנען און האָבן זיך באַלד געוואָרפן אין דער אַרבעט לויט דער טראַדיציע פון זייער לאַנד, וואָס דינט כסדר די מענטשהייט. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן די העראָאישע אַרבעט פון די באַפרייטע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער. מאַנכע פון זיי זיינען אַליין קראַנק און שוואַך, אָבער זיי

האָבן פֿאַרגעסן אָן זייערע אייגענע צרות און אַרבעטן צוזאַמען מיט אונזערע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער מיט אַלע כוחות.

צום סוף דאַרף מען דערמאָנען די ראָל פֿון די בריטישע אַרמיי־סאַניטאַרן און פֿון די בריטישע זעלנער בכלל. זייער מוט און זייער גוטסקייט איז צו באַוווּנדערן. ניט ווייניקע פֿון זיי ליגן איצט געפֿערליך קראַנק—זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט טיפֿוס ביים רייניקן די שמוץ און ביים העלפֿן קראַנקע לאַגער־מענטשן, וועלכע זיינען געווען באַדעקט מיט לייז.

הרב דר. צבי עזריה (העלפגאָט)

פון די קברים צו א ניי לעבן

עס איז געווען דאָס יאָר 1945. במשך פון לאַנגע חדשים האָבן קאָלאָנעס פון קריגס־געפאַנגענע נאָך אַלס מאַרשירט איבער דייטשלאַנד פון פּלאַץ צו פּלאַץ. אין אַפּריל בין איך ענדלעך אַנטלאָפן פון אַזאַ קאלאנע פון פיר הונדערט פופציק יוגאָסלאַווישע אָפיצערן, אַלע אידן.

מיט מיר זיינען אַנטלאָפן נאָך דריי. מיר האָבן ניט געוווסט וווהין צו גיין. מיר האָבן מאַרשירט דורך נאַכט און באַגינען זיינען מיר געקומען אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט צעלע. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן במשך פון עטלעכע טעג אין אַ וואַלד און דאָ זיינען מיר באַפרייט געוואָרן דורך די בריטישע. אָבער דער קריג האָט נאָך געבושעוועט און מיר האָבן געמוזט דערווייל בלייבן אין אַ בריטישן לאַגער. אַזוי אַרום בין איך געקומען קיין ניינבורג אויפן וועזער. ווען די ענגלענדער האָבן אויסגעפונען אַז איך בין אַן אַרמיי־רב, האָבן זיי מיר געגעבן אַ צימער אין אַ פּריוואַט הויז.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָב איך צופעליק אויפגעדרייט דעם ראַדיאָ און מיט אַמאָל האָב איך דערהערט די פאָלגענדיקע מודעה:

„דער באַוווסטער קאָנצענטראַציע־לאַגער בערגען־בעלזען איז היינט איינדערפרי באַפרייט געוואָרן דורך אַליאירטע טרופּן. איבער פופציק טויזנט אידן זיינען געפונען געוואָרן אין לאַגער”.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אַז איך האָב געהערט דעם נאָמען „בעלזען”. אפשר איז דאָרטן פאַראַן עמיצער פון מיין משפּחה? . . . איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות. אַ קלאַפּ אין טיר האָט מיך אויפגעוועקט. אַ קאַפּיטאַן און צוויי לייטענאַנטן זיינען אַריינגעקומען. צו האָב איך געהערט די ידיעה וועגן בעלזען?

מיר האָבן אויפן אָרט באַשלאָסן צו פאָרן אַהין. דער בריטישער קאָמאַנ־דאַנט פון אונזער לאַגער האָט לכתחילה ניט געוואָלט הערן דערפון. דער קריג גייט נאָך אָן, האָט ער גע׳טענה׳ט. איך האָב געדאַרפט לאַנג איינ׳טענה׳נען מיט אים: נאָך אַלעמען בין איך אַ רב און אָט זיינען באַפרייטע אידן. אפשר דאַרפן זיי מיך האָבן? און בכלל, ווי קענען מיר דאָ זיצן רואיק — אפשר זיינען דאָרטן באַפרייט געוואָרן אונזערע אייגענע? דער בריטישער אָפיצער האָט נאָכגעגעבן. ער האָט מיר געגעבן אַ „דזשיפּ״ און אַ באַגלייטונג פון דריי אידישע אָפיצירן. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן קיין בעלזען . . .

עס איז געווען אַ לאַנגער וועג. די בריקן איבער די טייכן זיינען געווען אויפגעריסן און די וועגן זיינען געווען בלאָקירט. אָבער מיר זיינען דערפאָרן.

צוערשט האָבן מיר געזען די וואָרנונגען וועגן אַ טיפוס־געפאַר און דאַן דעם טויער פון לאַגער. אָבער אונזער דערלויבעניש האָט ניט געגאָלטן אין בעלזען און מען האָט אונז ניט געלאָזן אַריינפאָרן.

איך האָב בלית ברירה געבעטן דעם וואַך סאָלדאַט מיך נעמען צו אַן אַרמיי־רב. איך האָב אים דערקלערט אַז איך בין אויך אַן אַרמיי־רב און איך וויל העלפן.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ בריטישער קאַפּיטאַן מיט אַ מגן דוד אויפן היטל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען מיט־גיין מיט אים, היות זיי דאַרפן נאָך אַ רב, אָבער די אַנדערע אָפיצערן מוזן בלייבן מחוץ פון לאַגער.

מיר זיינען באַלד אָנגעקומען צו אַ קליינעם באַראַק. אינעווייניק זיינען גע־זעסן אַן אַרמיי־רב און אַ קאַטוילישער אַרמיי־גלח. דער רב איז געווען פאַרזונ־קען אין טיפן צער און האָט אַ וואָרט ניט געקענט זאָגן; דער גלח האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. איך האָב געפרעגט וואָס עס איז געשען און זיי האָבן מיר געגעבן אַ ווונק, אַז איך זאָל גיין זען, וועל איך וויסן וואָס דאָ טוט זיך. באַלד האָב איך אַלץ געוווסט . . .

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די מאַסע מענטשן, לעבעדיקע און טויטע, אין ערשטן באַראַק, וואָס איך האָב געזען. לעבעדיקע אויגן אויף טויטע קער־פּערס . . . פּלוצים האָט אַ שוואַכע שטים אַרויסגערעדט:

„העלף מיר, צבי״ . . .

עס איז געווען אַן אַלטער פריינט. איך בין אַרויסגעלאָפן זוכן אַ דאָקטאָר. איך האָב געשריען מיט היסטערישע קולות: „אַ דאָקטאָר, שנעל, אַ דאָקטאָר, העלפט״ . . .

ווען איך בין אַריין צוריק אין באראק איז שוין מיין פריינט געווען טויט. זיינע אויגן האָבן געשיינט צו זאָגן אַ דאַנק פאַר אַ לעצטן חסד . . .

מיינע קאָלעגן, די אַנדערע אַרמיי־רבנים, האָבן מיר נאָכדעם דערציילט, אַז זיי זיינען הילפלאָז אין אַזאַ נויט! איך בין תיכף געפאָרן צוריק קיין נינבורג און דערציילט וואָס איך האָב געזען. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ זאַמלונג פון עסנ־וואַרג אין דער שטאָט און מיר זיינען ווידער געפאָרן קיין בעלזען. דאָס מאָל איז מיט אונז געפאָרן אַ פּוילישער אַרמיי־רב.

די מאַסן־קברים פון אונזערע מאַרטירער אין בעלזען.

ער און איך האָבן איבערגענומען די שרעקליכע אַרבייט פון מקבר זיין די מתים. עס זיינען געווען מתים אָן אַ צאָל. מיר האָבן זיי געטראָגן צו די מאַסן קברים, וועלכע די אונגאַרישע לאַגער־וועכטער האָבן געגראָבן לויטן באַפעל פון די ענגלענדער.

מענטשן זיינען נאָך אַלץ געשטאָרבן אין פרייען לאַגער און די מתים האָבן זיך ניט געענדיקט. מיר זיינען כסדר געלאָפן פון באַראַק צו באַראַק און אָפּגע־נומען די נייע נפטרים צו דער קבורה. קיין אַנדער עצה ווי מאַסן קברים איז ניט געווען. עס זיינען נאָך אַלץ געשטאָרבן אַרום 200 אַ טאָג.

ביינאַכט בין איך געשלאָפן אויפן בוידים פון איינעם פון די האָספּיטאַלן. קיין אַנדער אָרט האָב איך ניט געפונען און דר. הדסה בימקאָ־ראָזענזאַפט, וועלכע איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַרן דאָזיקן האָספּיטאַל, האָט מיר דער־לויבט צו שלאָפן אויפן בוידים.

נאָך עטלעכע טעג פון מקבר זיין די מתים און זאָגן קדיש פון באַגינען ביז ביינאַכט זיינען מיינע געפילן געוואָרן אָפּגעטעמפּט. איך האָב כסדר געזאָגט קדיש ווי אין אַ חלום און געבעטן דעם טויט אויף זיך. איך האָב געהאַט אַ שרעקליכן געפיל, אַז דאָס ברייננג איך צו קבר ישראל די לעצטע אידן אויף דער וועלט און דערפיל מיין לעצטע פליכט איידער איך וועל זיך באַהעפטן מיט זיי . . .

איין טאָג איז מען מיך געקומען רופן צו אַ פּרויען־באַראַק. דאָרטן האָט אַן עלטערע פרוי זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ בקשה: „רבי, מיין טאָכטער איז מיר נפטר געוואָרן. איך וויל איר זאָלט זי באַערדיקן אין אַן איינצעלנעם קבר".

איך האָב איר געפּרוווט דערקלערן, אַז דאָס איז פאַרבאָטן, אָבער זי האָט זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן און איך האָב ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון.

צוויי מענער האָבן מיר געהאָלפן נעמען די נפטרת צום בית הקברות און אויסגראָבן אַ באַזונדערן קבר. איך האָב שנעל געזאָגט קדיש, מען זאָל מיך ניט געפינען ביים עובר זיין אויפן פאַרבאָט. אַזוי ווי איך האָב געגומען פאַרשיטן דעם קבר האָט די פרוי מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט אויפן קול:

„רבונו של עולם, איך דאַנק דיר פאַרן גרויסן זכות וואָס מיין טאָכטער איז געקומען צו קבורה אין אַ באַזונדערן קבר על פּי דין" . . .

איך האָב די פרוי געגומען צוריק צום באַראַק. מער האָב איך זי ניט געזען. אָבער איך וועל זי ניט פאַרגעסן כל זמן עס וועט מיר זיין באַשערט צו האַלטן אָפן די אויגן . . .

* * *

אין 1947 זיינען מיר נאָך אַלץ געווען אין בעלזען. אין איינעם אַ טאָג איז דערשינען צווישן אונז אַ איד און האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס זאב. קיין פאַמיליע־נאָמען האָט ער ניט געהאַט . . . ער האָט אונז געזאָגט אַז מען דאַרף

האָבן אויסגעאיבטע יונגע מענטשן פאַרן קאַמף אין ארץ ישראל. פאַראַן פריי־וויליקע ? . . .

פאַרשטייט זיך אַז עס האָבן זיך איינגעפונען פרייוויליקע. עס האָט זיך באַלד געשאַפן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט און ער האָט באַקומען דעם סימבאָלישן אָבער אומפאַרבינדליכן נאָמען „שרות העם“...

איך בין געווען דער פאַרזיצער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, אויב עס איז מיר דערלויבט אַריינצוברענגען אַ פּערזענליכע נאָטע צוליב דעם היסטאָרישן אמת.

מיר האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיט בעלזען אַליין. מיר האָבן מיטגעטיילט אַלע אידישע גרופּעס און קיבוצים אין דער בריטישער זאָנע וועגן אונזער טעטיקייט און מיר האָבן געבעטן פרייוויליקע זיך צו מעלדן. זיי זיינען באַלד

ציוניסטישע יוגנט אין בעלזען.

בעלזענער עלטערן געזעגענען זיך מיט אַ זון וועלכער גייט צום גיוס.

געקומען—אַלע מיט די קאָנצענטראַציע־לאַגער נומערן אויף זייערע הענט, ניט אַלע אינגאַנצן דערהוילט פון זייערעליידן און פּלאָגן.

מיר האָבן זיך דערוווּסט פון זיי אַז זיי האָבן אַלץ פאַרלאָרן און זיינען געבליבן אַליין און עלנט ווי שטיינער אויף דער וועלט. זייער איינציקע האָפענונג אויף נחמה איז געווען צו גיין קיין ארץ ישראל און קעמפן פאַרן אידישן פאָלק.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין מיטלען פאַר אַ פולער מיליטערישער אויס־בילדונג. נאָך אַ קורצן קורס פון איבונגען ביינאַכט זיינען די דאָזיקע מענער און פרויען געשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל אין קליינע גרופּעס. די לעצטע גרופּע — פערציק יונגע בחורים און מיידלאַך—איז אָפּגעפאָרן אין אויגוסט 1948.

מיר האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף אין מאַרסעל און מיר האָבן באַקומען נייע נעמען. אונזער שיף איז געווען די באַרימטע „פּאַן יאָרק".

די גרופּע איז באַשטאַנען פון מענער און פרויען פון אַלע אייראָפּייאישע לענדער כמעט. ראש השנה האָבן מיר געפראַוועט אויפן ים. עס איז געווען אַ יום טוב אייביק צו געדיינקען . . .

עס האָט אונז זייער לאַנג גענומען צו דערגרייכן חיפה, אָבער מיר זיינען אָנגעקומען.

מען האָט אונז דערוואַרט. גרויסע אויטאָבוסן זיינען געשטאַנען ביי דער ראַמפּע אין פּאָרט.

מען האָט אונז לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן אויף אַ שלאַכט. דער פרייהייט קריג האָט געבושעוועט און באַלד האָט יעדער פון אונז באַקומען אַ וואָפן, ווער

פון בלזען צו אַ ניי לעבן אין ישראל.

אַ בעסערן און ווער אַן ערגערן, און מיר זיינען אָפּגעפּאָרן צום פראָנט. טאַקע באַלד פון פּאָרט צום פראָנט אָן הכנות . . .

אַ רונדע לבנה האָט אונז באַגריסט אין דער ערשטער נאַכט אונזערער אין דעם הייליקן לאַנד. עס איז אין יענער נאַכט פאָרגעקומען אַ בלוטיקע שלאַכט און די מערהייט פון אונזער גרופּע האָבן ניט דערלעבט צו זען זייער ערשטן זונ־אויפגאַנג אין ארץ ישראל. זיי זיינען געפאַלן אין קאַמף—אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט שטאַרבן אויב טויט איז געווען אומפאַרמיידלאַך נאָך דער באַפריי־אונג . . .

עס זיינען ניט געווען קיין מוטערס זיי צו באַוויינען און קיין פאָטערס צו זאָגן קדיש נאָך זיי. זיי זיינען געפאַלן פאַר זייער לאַנד און זייער פאָלק—און מיר אַלע זיינען די אבלים. לאָמיר אָנצינדן אַ נר תמיד נאָך די דאָזיקע גיבורים און לאָמיר זיי געדיינקען מיט שטאָלץ און דאַנקבאַרקייט.

ש. אַדלער־רודעל

דער ויכוח ארום די קינדער פון דער שארית הפליטה

צווישן די פֿאַרפּייניקטע און אויסגעהונגערטע אידן פון די דייטשע לאַגערן, וועלכע די אַליאירטע אַרמייען האָבן באַפרייט, זיינען אויך געווען אידישע קינדער. זייער צאָל איז, ליידער, ניט געווען קיין גרויסע. די נויטווענדיקייט צו ראַטעווען די דאָזיקע קינדער, זיי וואָס גיכער אַרויסנעמען פון די „די־פּי״ לאַגערן און ברייגנען צו נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען, איז געשטאַנען אין צענטער פון די אויפגאַבעס, וואָס די אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַר זיך געשטעלט. דערביי איז געווען קלאָר, אַז אַן אמת׳דיקע רעהאַביליטאַציע וועלן אונזערע יתומים קענען געפינען נאָר אין ארץ ישראל. אין דער זעלבער צייט האָבן פיל געהאַלטן, אַז די קינדער דאַרפן ניט בלייבן לענגער אין די לאַגערן און מען מוז זיי תיכף פון דאָרטן אַרויסנעמען.

אָבער עס זיינען צו יענער צייט אָנגעקומען ידיעות פון דייטשלאַנד, אַז די צענטראַל קאָמיטעטן פון דער שארית הפליטה, סיי אין דער בריטישער און סיי אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, זיינען קעגן דעם, אַז די קינדער זאָלן פאָרן קיין ענגלאַנד. מיר האָבן אויך געהערט וועגן אומאַנגענעמע אינצידענטן אויף דעם געביט צווישן די פאַרטרעטער פון דער שארית הפליטה און „אנררא״. די ידיעות זיינען ניט געווען קיין קלאָרע און מען האָט אין לאָנדאָן ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און פון וואַנעט עס האָט זיך גענומען די קעגנערשאַפט אַרויסצולאָזן די קינדער.

דער ענין איז ערשט געוואָרן קלאָרער ווען דער אידישער פליטים־קאָמיטעט אין לאָנדאָן, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיטן אַריבערברענגען און איינ־

אַרדענען קינדער, האָט באַקומען פון דייטשלאַנד צוויי רעזאָלוציעס, — פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער שארית הפליטה אין דער בריטישער און אַמעריקאַנער זאָנע.

די רעזאָלוציע פון דער בריטישער זאָנע האָט געהאַט דעם פאָלגענדיקן נוסח:

„דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויף זיין זיצונג אין בעלזען דעם 21־טן אָקטאָבער באַשלאָסן: (א) דאָס טראַנספּאָרטירן פון די קינדער קיין ענגלאַנד איז פאַר אונז ניט אַננעמבאַר; (ב) ס'איז ניט מעגליך פאַר אונז צו דערלויבן, אַז די קינדער, וועלכע זיינען געווען אין איינעם מיט אונז אין געטאָס און קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן, זאָלן ווידער וואַנדערן פון גלות צו גלות. די קינדער מוזן בלייבן מיט אונז ביז זיי וועלן קענען עולה זיין קיין ארץ ישראל; (ג) מיר פאָ־דערן, אַז די ערשטע עליה־סערטיפיקאַטן זאָלן געגעבן ווערן פאַר אונזערע קינ־דער כדי זיי זאָלן אַזוי שנעל ווי מעגליך פאַרלאָזן די לאַגערן".

די ניט־אידישע באַאַמטע פון „אונרראַ" האָבן שטאַרק געשטיצט דעם געֹ־דאַנק פון אַרויסנעמען די קינדער פון די לאַגערן. אויך די אידן אין ענגלאַנד האָבן געזוכט אַן אויסוועג פון דער דאָזיקער סיטואַציע. זיי האָבן געפילט אַז דער מאַנגל אין צוטרוי צו זיי איז ניט באַרעכטיקט און אַז מען קען זיי ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער פּאָליטיק פון דער בריטישער רעגירונג לגבי ארץ ישראל.

אויף אַ זיצונג פון פאַרטרעטער פון אַ ריי וויכטיקע אידישע אינסטיטוציעס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות זאָל תיכף פאָרן קיין דייטשלאַנד אויסצופאָרשן די לאַגע אויפן אָרט. דעם 19־טן נאָוועמ־בער, 1945, בין איך אָנגעקומען קיין פראַנקפורט, ווו עס איז צופעליק פאָרגע־קומען דעם זעלבן טאָג אַ בשותפות'דיקע זיצונג פוןביידע אידישע צענטראַל־קאָמיטעטן.

מיין קבלת פנים איז געווען אַ קאַלטער און איך האָב באַלד דערפילט, אַז מען באַציט זיך צו מיר מיט חשד. מען האָט מיר באַלד דערקלערט, אַז דער ענין פון שיקן די קינדער קיין ענגלאַנד איז אַ דערליידיקטער און אַז די צענטראַל־קאָמיטעטן האָבן ניט קיין כוונה אָנצוהייבן אַ נייע דיסקוסיע וועגן דער דאָזיקער פראַגע. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען זיינען מיר געקומען צו אַ הסכם, אַז איך זאָל קודם כל באַזוכן די לאַגערן — און דאָס האָב איך אַליין אויך געוואָלט טאָן — און נאָכדעם זיך טרעפן באַזונדער מיטן צענטראַל קאָמיטעט פון יעדער זאָנע. אויף דער דאָזיקער נסיעה איבער די לאַגערן בין איך אָנגעקומען קיין בעלזען דעם 9־טן דעצעמבער נאָך מיטאָג. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז איך בין אָנגעקומען אין אַ שלעכטן מאָמענט, בעת די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמי־טעט זיינען געווען פאַרנומען מיט צוויי וויכטיקע פראַגן.

מען האָט מיך באַלד אַריינגעצויגן אין די אַקטועלע צרות און איידער איך האָב מיך אַרומגעקוקט בין איך שוין געווען אין סאַמע מיטן פון די באַראַטונגען.

די ערשטע פראַגע, וואָס האָט זיי אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט, איז געווען די רייזע פון זייער פאָרזיצער, יוסף ראָזענזאַפט, קיין אַמעריקע. ער האָט געהאַט

אַן איינלאַדונג זיך צו באַטייליקן אין אַ גרויסער קאָנפערענץ פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל". אַלע הכנות פאַר זיין רייזע זיינען געמאַכט געוואָרן און ער האָט געזאָלט אַרויספאָרן דעם זעלבן אָוונט, אָבער די ענגלישע מאַכט האָט דערוויל ניט געגעבן קיין דערלויבעניש, אָן וועלכער ער האָט ניט געטאָרט פאָרן. עס האָט זיך געפרעגט, אויב ער זאָל ריזיקירן און פאָרן אָן אַ דערלויבעניש, אָדער בכלל ניט פאָרן. הגם איך האָב געוווסט אַז זיין אַוועקפאָרן וועט פאַרשווערן מיין מיסיע, היות זיין אויטאָריטעט אין לאַגער איז געווען איבער אַלעמען און אָן אים האָט מען קיין וויכטיקע באַשלוסן ניט אָנגענומען, האָב איך אָבער אויך געוווסט ווי וויכטיק עס איז, אַז דער פאַרטרעטער פון בעלזען זאָל ריידן צום אַמעריקאַנער אידנטום. דערפאַר איז מיין עצה געווען, אַז ער זאָל ניט וואַרטן מער אויף אַ דערלויבעניש און תיכף אַרויספאָרן. אַזוי איז געשען.

די צווייטע פראַגע איז געווען די שפּאַנונג צווישן דער שארית הפליטה און די ענגלענדער נאָך בעווינ'ס דערקלערונג אין ענגלישן פאַרלאַמענט קעגן אַ תיכפּ'דיקער עליה.

דער אידישער קאָמיטעט אין האַנאָווער האָט געהאַט איינגעאָרדנט אַ פּראָ־טעסט־פאַרזאַמלונג קעגן בעווינ'ס פּאָליטיק און עס זיינען פאָרגעקומען צוזאַ־מענשטויסן מיט דעם ענגלישן מיליטער. צען מיטגלידער פון לאָקאַלן קאָמיטעט זיינען אַרעסטירט געוואָרן און זייער פּראָצעס פאַר אַ מיליטערישן טריבונאַל האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אַ פאָר טעג אַרום. דער אידישער צענטראַל־

די באַשולדיקטע אין האַנאָווער־פּראָצעס.

קאָמיטעט האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צוצוגרייטן זייער פאַרטיידיקונג און מיך אויך אַריינגעצויגן אין די דאָזיקע באַראַטונגען. אָט די אַלע געשפּרעכן און באַראַטונגען זיינען פאָרגעקומען אין אַ גרויסן רעש. טעלעפאָנען האָבן געקלונגען און אַלע ווילע האָבן זיך באַוויזן נייע פּנים׳ער. דער ענין האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט און מען האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז דעם זעלבן אָוונט קומט פאָר די דערעפענונג פון נייעם פאָלקס־אוניווערסיטעט אין לאַגער. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז גיין באַגריסן די נייע אינסטיטוציע אין נאָמען פון דער אידישער אַגענץ. איך בין ניט געווען גרייט צו האַלטן אַ רעדע, אָבער עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן און איך בין אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג.

איך האָב געפונען אַרום דריי טויזנט מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ אין לאַגער־קינאָ און האָבן געשלונגען יעדן וואָרט פון דער טריבונע. צו זען די דאָזיקע מאַסע קעפּ און אויגן, צו ריידן צו זיי און צו פילן דעם אָפּקלאַנג, וואָס איז געקומען פון זייערע הערצער, איז געווען איינע פון די טיפסטע איבערלעבונגען, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט. דאָס איז אויך געווען דער אָנהויב פון מיין חבר׳שאַפט מיט בעלזען און די בעלזענער, וואָס איז ביז היינט ניט איבערגעריסן געוואָרן, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן אָפט געהאַט פאַרשיידענע מיינונגען וועגן פאַרשיידענע פראַגן. מיין באַטייליקונג אין די באַראַטונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט און מיין אויפטרעטן אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן קענטיק אָוועקגערוימט דעם חשד, מיט וועלכן מען האָט לכתחילה אויף מיך געקוקט. די בעלזענער האָבן פאַרשטאַנען, אַז איך בין ניט געקומען צו זיי ווי אַ פאַרטרעטער פון די ענגלענדער, אָדער סתם אַ שליח פון די בריטישע אידן, נאָר ווי אַ מענטש, וועלכער האָט ניט קיין אַנדער כוונה ווי העלפן.

דעם 4־טן יאַנואַר, 1946, האָב איך באַקומען דעם פאָלגענדיקן בריוו פון צ.ק. אין דער בריטישער זאָנע:

„אין המשך פון אונזערע געשפּרעכן וועגן די קינדער אין דער בריטישער זאָנע טוען מיר אייך דערמיט מיטטיילן אונזערע באַשלוסן:

„דער צענטראַל־קאָמיטעט חזר׳ט איבער זיין באַשלוס, אַז די אידישע קינדער פון דער בריטישער זאָנע זאָלן ניט געבראַכט ווערן קיין ענגלאַנד, נאָר זאָלן דירעקט עולה זיין קיין ארץ ישראל.

„אָנערקענענדיק אַז די באַדינגונגען אין בעלזען זיינען ניט גוט פאַר די קינדער, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט, נאָך פאַרהאַנדלונגען מיט דער מיליטער־רעגירונג, באַקומען דעם צוזאָג אַז די הייזער פון דער משפחה וואַרבורג אין בלאַנקענעזע וועלן באַנוצט ווערן אַלס אַ דערהוילונג־היים פאַר די קינדער. די איבערפירונג פון די קינדער קיין בלאַנקענעזע וועט באַלד דורכגעפירט ווערן.

„אין באַוואוסטזיין פון דער אחריות וואָס מיר טראָגן פאַר די קינדער, גלויבן מיר אַז מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך כדי צו פאַרזיכערן זייער פיזישע און גייסטיקע געזונדונג.

„די שאַפונג פון דער דערהוילונג־היים אין בלאַנקענעזע וועט אָבער ניט

אָפּהאַלטן אונזערע באַמיאונגען צו טאָן אַלץ וואָס עס ליגט אין אונזערע כוחות כדי אונזערע קינדער זאָלן באַלד עולה זיין קיין ארץ ישראל".

דער אופן פון דערליידיקן דעם ענין פון די קינדער אין בעלזען איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער האַלטונג פון צענטראַל־קאָמיטעט אין אַ סך פראַגן, וואָס האָבן געפּירט צו חילוקי־דעות מיט די ענגלענדער און אַפילו מיט אידישע אָרגאַניזאַציעס. די בעלזענער זיינען באַשטאַנען אויף זייערע רעכט און אויף זייערע פּרינציפּן, אָבער האָבן שטענדיק געפונען אַ קאָנסטרוקטיוון אויסגאַנג פון אַ שווערער סיטואַציע.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז דער עפּיזאָד מיט די קינדער האָט זיך אַ צייט שפּעטער געענדיקט דערמיט, וואָס יוסף ראזענזאַפט האָט, מיט דער הילף פון באַראָטער פאַר אידישע ענינים ביי דער בריטישער אָקופּאַציע־מאַכט, קאָ־לאָנעל ראָבערט סאלאמאן, באַקומען אַ פאַר הונדערט באַזונדערע סערטיפיקאַטן פאַר די קינדער אין דער בריטישער זאָנע.

שמואל ווײַנטרויב

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין בעלזען

דער דאָזיקער אַרטיקל איז אַ פּרווו צו שילדערן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין בעלזען נאָך דער באַפרײַאונג.

די פּראָבלעמען פון שפּײַז, קליידן און אײַנקוואַרטירן די שארית הפליטה אין בעלזען איז, פאַרשטייט זיך, אַנטשטאַנען אין טאָג פון דער באַפרײַאונג. זיי האָבן ניט געקענט וואַרטן . . . אַפילו ניט איין שעה! די דאָזיקע פּראָבלעמען זײַנען געווען טויזנט מאָל קאָמפּליצירטער צוליב די דערפאַרונגען פון די לאַ־גער־מענטשן און זייערע פּלאָגענישן אונטער די נאַציס. אונדזער ערשטע אויפ־גאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן די באַשפּײַזונג. אין מיטן פון גאַנצן כאַאָס האָט מען געמוזט אָרגאַניזירן עפּעס אַן אַפּאַראַט צו פאַרטיילן עסן קודם כּל.

די זופּ־קיכן זײַנען דערשינען אין לאַגער באַלד נאָך דער באַפרײַאונג. אַ ביסל שפּעטער איז געקומען דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט" און נאָכדעם זײַנען ניט געווען אין לאַגער קיין הונגעריקע מענטשן. דער „דזשאָינט" האָט אַרײַנגע־בראַכט דאָס עסן, אָדער די פאָנדן, אָבער מיר האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירן די פאַרטיילונג און זײַן גערעכט לגבי אַלע אײַנוווינער פון לאַגער. דאָס איז געווען אַן אויפגאַבע, וואָס נאָר אונדזער אייגענער קאָמיטעט האָט געקענט דערפילן— ניט קיין שום אַנדערע פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע.

מיר האָבן געהאַט לאַנגע, און אָפטמאָל אומרעאַלע, ויכּוחים מיט די ענג־לענדער מכּוח וויטאַמינען און קאַלאָריעס, אָבער עס איז געווען אונדזער אויפ־גאַבע איבערצוזעצן די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע טערמינען אין ראַציאָנען פון ברויט, פּוטער, פלייש און אַנדערע פּראָדוקטן.

וווינונגען זײַנען געווען נאָך אַ פּראָבלעם, וואָס האָט אונדז געפּלאָגט פון סאַמע ערשטן טאָג נאָך דער באַפרײַאונג. דער לאַגער איז ניט געווען גענוג

A. E. F. D. P. MEAL RECORD CARD

עס־קאַרטע

בלאָק.................. צימער...................

דאַטע פון דער אויסגאַבע...

נאָמען און פאַמיליע־נאָמען..

אונטערשריפט.. פאַרגעגעבן אַמט......................

26/9	24/9	22/9
19/9	17/9	15/9
12/9	10/9	8/9
5/9	3/9	1/9

אַן עס־קאַרטע פון אידישן צענטראַל קאָמיטעט.

גרויס פאַר אַלע באַפרייטע און חוץ דעם זיינען דאָרטן געווען זייער פיל קראַנ־קע, וועלכע האָבן געדאַרפט עפּעס מער איידער די געזונטע אויפן געביט פון וווינונגען. און מחוץ פון דעם אַלעם זיינען פאָרגעקומען אין לאַגער זייער פיל חתונות און יעדע פון די נייע פּאָרלאַך האָט געמוזט באַקומען לכל הפּחות איין צימער זיך אַריינצוקלייבן. מיר האָבן געהאַט אין בעלזען אַרום צוואַנציק חתונות אַ טאָג און נאָך יעדער חתונה איז געקומען אַ ביטע פאַר אַ „וווינונג"...

און אויב דאָס אַלץ איז נאָך ניט געווען גענוג, האָבן מיר נאָך געהאַט די געסט פון מזרח־זייט אין קענטיקע צאָלן. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט לכתחילה זיי ניט געוואָלט אַנערקענען אַלס „די־פּי׳ס", אָבער דאָס איז אונז ניט אָנגעגאַנגען. לגבי אונז זיינען זיי געווען ברידער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון פאַרפאָלגונגען, אָדער האָבן געוואָלט זיין צוזאַמען מיט ניצול־געוואָרענע קרובים, און מיר האָבן

צוויי בירגער אין בעלזען — דער פאַרזיצער יוסף ראָזענזאַפט און אַ פּאַטריאַרכאַלער אידישער „די.פּי.״

זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס. קיין איינער פון זיי איז ניט געבליבן הונגעריק און קיין איינער האָט ניט געשלאָפן אונטערן פרייען הימל. אונזערע פופצן טויזנט אידן אין בעלזען האָבן געמאַכט פלאַץ פאַר די ניי־געקומענע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פאַר דער בריטישער זאָנע, ווי אויך דער בעלזענער קאָמיטעט, האָבן געהאַט זייערע באַזונדערע ווירטשאַפט־אָפטיילונגען. מיט דער בעלזענער ווירטשאַפט־אָפטיילונג האָט אָנגעפירט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות; מיט דער ווירטשאַפט־אָפטיילונגביים צענטראַל־קאָמיטעט האָבן אָנגעפירט קאַרל כ״ץ פון ברעמען צוזאַמען מיטן שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

ביידע ווירטשאַפט־אָפטיילונגען ווי אויך דער סעקרעטאַריאַט, בראש מיטן גענ.־סעקרעטאַר דב לויפער, האָבן זיך פאַרנומען אויך מיט אינדיווידועלע פּראָבלעמען פון לאַגער־מענטשן און ניט נאָר מיט דער באַזאָרגונג פון כלל.

מענטשן זיינען געקומען צו אונז אין ליידן און פריידן און מיר האָבן אַלעמען אויסגעהערט.

מיר האָבן אויך געהאַלטן און געשפּייזט די קאַנדידאַטן פאַר עליה ב׳ ביז זיי זיינען אָפּגעפאָרן. די דאָזיקע עולים זיינען געווען ביי אונז, אונטערן סאַמע נאָז פון די ענגלענדער, ביז זייער צייט צו פאָרן איז געקומען. איצט קען מען עס דערציילן — און קיינער וועט ניט האָבן קיין פאַראיבל...

מיר האָבן אויך געשיקט שפּייז און ציגאַרעטן צו די מענטשן פון „יציאת אייראָפּע" („עקזאדוס").

יעדער לעגאַלער עולה פון דער בריטישער זאָנע איז באַזאָרגט געוואָרן דורך אונז מיט צידה לדרך און נאָך עפּעס מער.

מיר האָבן געפילט, אַז די דאָזיקע אַלע פליכטן זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אונז דורך דער השגחה און אַז עס איז אונזער חוב און אונזער מצווה זיי צו דערפילן. איך גלויב אַז מיר האָבן אונזער זאַך געטאָן בשלמות. לכל הפּחות, דאָס איז דער אורטייל פון די שרייבערס פון אונזער דור און וועט — איך בין זיכער — זיין דער אורטייל פון צוקונפטיקן היסטאָריקער.

אונזערווירטשאַפט־אָפּטיילונג, וועלכע האָט געאַרבעט האַנט־אין־האַנט מיטן „דזשאָינט", האָט געזאָרגט פאַר אַלע אידן אין דער בריטישער זאָנע, ניט נאָר פאַר בעלזען. אָפטמאָל האָבן מיר געהאַט פאַר זיך פּראָבלעמען, וואָס האָבן געשיינט צו זיין איבער אונזערע כוחות, אָבער מיר האָבן סוף כל סוף זיי געלייזט.

אַ גרופּע בעלזענער מיט דר. יוסף שוואַרץ. לינקס צו רעכטס : יוסף ראָזענזאַפט, ראמעק זינגער (לייטער פון באַשפּייזונג־מאַגאַזין), ר. אלעווסקי, דר. יוסף שוואַרץ פון „דזשאָינט", דר. צבי עזריה (העלפגאָט), ד. לאופער, מאַקס זילבערניק (לייטער פון קליידער־מאַגאַזין), קאצקי פון „דזשאָינט", רעוו. שוואַרץ, זאַמי פעדער.

לאָמיר ניט פֿאַרגעסן, אַז אין דערווירטשאַפֿט־אָפּטיילונג האָט אָנגעפֿירט מיט דער קליידער־סעקציע מאַקס זילבערניק, און מיט דער באַשפּייזונג־סעקציע — ראָמעק זינגער.

דער דירעקטאָר פֿון „דזשאָינט" אין בעלזען, סעם דאלאב, איז געווען אַ חבר און פֿריינט.

אין אַזאַ סיטואַציע איז געווען אומפֿאַרמיידלאַך, אַז געציילטע אידן אין לאַגער זאָלן האָבן טענות. אָבער בדרך כלל זיינען אַלע געווען דיסציפּלינירט און האָבן אַרויסגעוויזן אחריות און פֿאַרשטענדעניס אַפילו אין פּריוואַטע ענינים, וווּ מענטשן קענען ניט אָפּטמאָל האַנדלען לאָגיש.

קוקנדיק צוריק אויף דער דאָזיקער תקופה קענען מיר מיט רעכט זיין שטאָלץ אויף אונזערע דערגרייכונגען אויך אויפֿן ווירטשאַפֿטליכן געביט.

פאול טרעפמאן

אונזער צווייטער געבורטסטאג

דער 15־טער אַפּריל 1945 איז געווען אַ טאָג ווי אַלע אַנדערע טעג—אָבער ניט פאַר אונז. מיר זיינען אין דעם טאָג געבוירן געוואָרן אַ צווייטן מאָל. מיר האָבן אייגנטליך ניט געגלויבט אַז מיר וועלן דאָס אַלץ אַריבערקומען און זיין אַמאָל ווידער פריי. און וואָס שייך די אויסערליכע וועלט, האָט זי אונז שוין לאַנג געהאַט פאַררעכנט צווישן די טויטע מאַרטירער און געשטעלט אַ מצבה איבער אונזערע קברים, אַזוי צו זאָגן.

עס איז אַן אויסטערלישער געפיל צו ווערן געבוירן נאָך אַמאָל ווען מען איז שוין אויסגעוואַקסן. בדרך כלל געדיינקען מענטשן ניט די פּרטים פון זייער געבוירן־טאָג, פאַרשטייט זיך. אָבער מיר געדיינקען אַלע פּרטים פון דעם דאָזיקן 15־טן אַפּריל.

מיר האָבן שוין דאַן געהאַט פאַרלאָרן דעם באַגריף פון המשך און אויפגע־הערט ציילן די טעג. אַפּטמאָל זיינען מיר געווען מקנא די, וועלכע זיינען געשטאָרבן אין זייערע אייגענע היימען, אויף זייערע אייגענע בעטן, איידער מיר זיינען אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דער בלוטיקער נעץ פון די לאַגערן.

אין געפאַנגענשאַפט אין די לאַגערן זיינען מיר געווען ניט טויט און ניט לעבעדיק. אונזערע פיס האָבן זיך געשלעפּט מיט צרות און אונזערע הענט זיינען געווען פול מיט בליי. מיר האָבן זיך באַוועגט מעכאַניש, אָבער קיין רוח חיים איז אין אונז שוין כמעט ניט געווען. גייסטיק זיינען מיר געווען אַזוי גוט ווי טויט.

און דאָך — און דאָך האָט אַ נײַ לעבן אויפגעטויכט פון דעם אַש און בלוט פון די לאַגערן.

ווען די בריטישע זיינען אַריין קיין בעלזען האָבן מאַנכע פון אונז גע׳חלש׳ט

פון שמחה, אָבער די איבעריקע האָבן אפילו ניט געהאַט קיין כוח צו רעאַגירן. די וויניקע צווישן אונז, וועלכע האָבן זיך נאָך געקענט באַוועגן, זיינען אַרומגעגאַנגען פון באַראַק צו באַראַק און געזוכט קרובים. ווער עס האָט קיין קרובים ניט געפונען—זייער וויניקע האָבן יאָ געפונען—האָט זיך געזעצט שבעה און געזאָגט קדיש.

דאַן האָבן מיר געזען, אַז מיר מוזן בויען אין לאַגער אַ צייטווייליקע היים, ביז די צייט וועט קומען צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד אויף שטענדיק.

איך געדיינק ווי היינט אונזער ערשטן מיטינג אין בלאָק פינף. מיר זיינען געזעסן ביי אַ לאַנגן טיש צוזאַמענגעקלאַפּט פון ברעטער מיט דעלעגאַטן פון דער גאַנצער בריטישער זאָנע. ביי אונז אין בעלזען איז געווען די ווינכטיקסטע אידישע קהילה און מיר זיינען געווען די גאַסטגעבער.

און איך געדיינק דעם באַזוך פון מר. העריסאָן, דער שליח פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט. ער האָט געקוקט אויף אונז און געריכערט איין ציגאַרעטל נאָכן אַנדערן. טרערן זיינען אים גערונען פון די אויגן. ער איז געווען אַזוי דערשיטערט אַז ער האָט ניט געקענט ריידן. צום סוף האָט ער געפרעגט : „אָבער ווי אַזוי זייט איר געבליבן לעבן ? און פון וואַנעט נעמט איר כוח איצט ?" ...

טראַכטנדיק וועגן יענע טעג ווייס איך אַליין ניט ווי אַזוי מיר זיינען געבליבן לעבן און פון וואַנעט מיר האָבן גענומען כוח אין יענע טעג. אַ ניי פּאָלק איז אויסגעוואַקסן אויף די קברים פון די מאַרטירערס. מיר האָבן געפונען אין זיך נייע קוואַלן פון גייסטיקער און פיזישער ענערגיע דורכצופירן אומגלויבליך שווערע אויפגאַבעס.

לערערס האָבן געשאַפן גוטע שולן פון גאָרנישט ; זשורנאַליסטן האָבן אַרויסגעגעבן צייטונגען אָן דרוקערייען, אָבער גוטע, לעזבאַרע צייטונגען ; אַקטיאָרן האָבן אפילו געשאַפן אַ טעאַטער. דאָס אַלץ מחוץ פון די טאָג־טעגליכע אויפגאַבעס און זאָרגן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם קאָמפּליצירטן לעבן פון אַ נייער אידישער קהילה.

אמת, מיר האָבן אַ צייט שפּעטער באַקומען אויסערליכע הילף, אָבער מיר אַליין האָבן געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר דער נייער קהילה און זי אויפגעבויט און געפירט מיט אייגענע כוחות. שפּייז און ביכער פון דרויסן זיינען געווען זייער אָנגעלייגט, אָבער מיר האָבן די זאַך אויפגעבויט און מיר האָבן רעכט צו זיין שטאָלץ אויף דעם.

די, וועלכע זיינען געבליבן לעבן, וועלן אַלעמאָל געדיינקען דעם 15־טן אַפּריל אַלס זייער צווייטן געבוירן־טאָג—אין אַ געוויסן זין וויכטיקער פון ערשטן.

זאמי פעדער

אידיש טעאטער אין בעלזען

איך געדיינק עס זייער גוט. עס איז געווען דער 15־טער אַפּריל 1945, זיבן מינוט נאָך דריי אַזייגער בייטאָג. די בריטישע זיינען אַריין קיין בעלזען און מיר האָבן געהערט דורכן מיקראָפאָן די קלאָרע שטימע פון לייטענאַנט סינגטאָן.

„געפאַנגענע פון אַלע פעלקער, די בריטישע אַרמיי האָט פאַרנומען אייער לאַגער. איר זייט פריי״...

מיר האָבן ניט געקענט ריידן. טרערן האָבן אונז געוואָרגן. מיר זיינען געווען איינגאַנצן איבערוועלטיקט מיט די נייעס וועגן פרייהייט. די וועלכע האָבן נאָך געקענט זיך האַלטן אויף די פיס זיינען צוגעגאַנגען צום „דזשיפּ״ פון לייטענאַנט סינגטאָן און אָנגעהויבן אַ שמועס. אויפן „דזשיפּ״ איז געווען נאָך אַ זעלנער און ער האָט גערעדט אידיש:

„אידן? ווער פון אייך זיינען אידן?״...

אייניקע פון אונז האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַלס אידן און דער זעלנער האָט געמאַכט שהחיינו. ער האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן: די ערשטע אידן פון יענער זייט — לעבעדיקע אידן . . . ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט . . .

די מערהייט פון אונז זיינען געווען זייער קראַנק. די איבעריקע זיינען געווען אויסגעמארעט פון הונגער במשך פון יאָרן און אויסגעמאַטערט פון לאַגער־לעבן. מיר האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין כוח זיך צו פרייען . . .

מיר האָבן, אָבער, פאַרשטאַנען, אַז כאָטש מיר זיינען באַפרייט, וועלן מיר דאַרפן וואַרטן אין בעלזען אַ געוויסע צייט ביז מיר וועלן פאַרלאָזן דייטשלאַנד. איינער פון די ערשטע שריט ביים אָרגאַניזירן אונזער צייטווייליקע עקזיסטענץ אין בעלזען איז געווען צו שאַפן אַ קולטור־אָפּטיילונג מיט פאַרשיידענע צווייגן. מיין אויפגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ אידיש טעאַטער אין לאַגער.

די באַדינגונגען זיינען נאָך אַלץ געווען כאַאָטיש, אָבער דאָס איז ניט גע־
ווען קיין חידוש פאַר אונז. מיר האָבן שוין געהאַט פאַרשטעלונגען אין אַ סך
ערגערע באַדינגונגען. בעצם האָבן מיר קיינמאָל ניט אויפגעהערט שפילן טעאַ־
טער אַפילו אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מיר פלעגן אימפּראָוויזירן אַ בינע
אין סאַמע מיטן פון אַ פאַרפעסטעטן באַראַק, נעמען אַן אַלטע דעקע אַלס פאָר־
האַנג און געבן אַ ספּעקטאַקל פאַר די לאַגער־מענטשן. איך האָב אויפגעפירט
אַזוינע ספּעקטאַקלען אום חנוכה, פורים אָדער ווען מיר האָבן געהאַט אַ „גוטן"
וועכטער אין לאַגער. אָפטמאָל האָבן מיר געצאָלט פאַר אַזוינע אונטערנעמונגען
מיט קרבנות, אָבער מיר האָבן ניט אויפגעגעבן.

אין באַפרייטן בעלזען איז לכל הפחות ניט געווען קיין סכנה אין שפּילן
טעאַטער, אָבער די שוועריקייטן זיינען געווען געוואַלטיקע. מיר האָבן ניט גע־
האַט קיין ביכער, קיין גרים, קיין דעקאָראַציעס.

אונזער ערשטער שריט איז געווען צו פאַרעפנטליכן אַ מודעה, אַז עס
ווערט געשאַפן אין לאַגער אַ טעאַטער־טרופּע. מאַנכע פון מיינע אַלטע באַקאַנ־
טע, וועלכע האָבן געשפּילט טעאַטער מיט מיר אין די קאָנצענטראַציע־ לאַגערן,
זיינען ווידער דערשינען און האָבן זיך רעגיסטרירט. עס האָבן זיך אַפילו איינ־
געפונען אַ פּאָר, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט מיר אויף דער אידישער בינע אין
פּוילן פאַר דער מלחמה. דאָס איז געווען אַ גרויסע און פריידיקע באַגעגעניש.
ליידער זיינען ניט אַלע געווען גענוג געזונט אָנצוהויבן רעפּעטיציעס.

איך בין געווען זייער גערירט ווען עטלאַכע אידישע טעכטער זיינען געקו־
מען און זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן איך זאָל זיי אַריינעמען אין טעאַ־

דער „קאַצעט"־טעאַטער אין בעלזען.

טער. זיי האָבן ניט געקענט ריידן אַ וואָרט אידיש, אָבער זיי האָבן געוואָלט דערשיינען אויף אונזער בינע...

נאָך אַ סימן אַז מיר ווערן צוריק נאָרמאַלע מענטשן, האָב איך געטראַכט.

די מיידלאַך האָבן מיר צוגעזאָגט אַז אויב איך וועל זיי אַריינעמען אין טעאַטער וועלן זיי זיך אויסלערנען אידיש אין אַ קורצער צייט.

ווי האָב איך געקענט זיי שיקן אַהיים מיט ליידיקן?

האָבן מיר טאַקע אָנגעהויבן מיט קורסן צו לערנען זיי אידיש. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן רעפּעטיציעס מיט די שוישפּילער צווישן אונז.

ווען איך זאָג אַז מיר האָבן אָנגעהויבן רעפּעטירן, רייד איך בלשון מליצה. ווארום מיר האָבן ניט געהאַט קיין ביכער, קיין פּיאַנאָ, קיין נאָטן... אָבער מיר האָבן ניט געקענט וואַרטן. עס איז געווען אַ באַדערפעניש צו שפּילן טעאַטער און עס האָט אויף אונז געוואַרט אַן ענטוזיאַסטישער עולם... עמיצער האָט געדיינקט אויף אויסווייניק טיילן פון אַ פּיעסע; נאָך עמיצער האָט געקענט זינלגען אַ לידל, וואָס מיר האָבן געקענט פאַרשרייבן—טעקסט און נאָטן. די דאָזיקע פאַרשריבענע לידער זיינען, דרך אגב, שפּעטער דערשינען אין לאַגער, אין 1946, אַלס אַ לידער־זאַמלונג.

נאָך איניקע חדשים שווערע אַרבעט האָבן מיר אָנגעהויבן גרייטן די ערשטע פאָרשטעלונג. אונזער טרופּע האָט געהאַט דרייסיק מיטגלידער און איך מוז דערמאָנען סאַניא באַטשקאַווסקא און דאָלי קאָץ־פרידלער, וועלכע זיינען געווען צווישן די ערשטע און טיכטיקסטע.

אונזער ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען דעם 26־טן סעפּטעמבער 1945, בעת דעם ערשטן קאָנגרעס פון דער שארית הפליטה. טראָץ אַלע שוועריקייטן און אינפּראָוויזאַציעס איז אַלץ געווען פאַרטיק צו דער פּרעמיערע, ווי עס איז דער מנהג ביי אַלע גוטע אַקטיאָרן.

די פּרעמיערע איז געווען אַן אומפאַרגעסליכע געשעעניש. דער זאַל מיט זיינע טויזנט פּלעצער איז געווען געפּאַקט, איניקע שעה פאַרן אָנהויב. די לאַגער פּאָליציי האָט ניט געקענט צוריקהאַלטן די, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פּלעצער. אַן אַרמיי־אָפּטיילונג האָט געמוזט פאַרשפּאַרן דעם וועג צום טעאַטער בכדי מיר זאָלן קענען אָנהויבן.

איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן איז עמיצער געקומען צו־לויפן און געבעטן דער רעזשיסאַר זאָל אַרויסקומען. איך בין אַרויסגעקומען און געטראָפן ביי דער טיר אַ גרופּע אידישע אָפיצערן פון דער רויטער אַרמיי. זיי זיינען געקומען אין טעאַטער אַריין און האָבן ניט געקענט באַקומען קיין פּלעצער. איך האָב זיי געלאָזט דערקלערן אין רוסיש, אַז עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ און איך קען ניט אַרויסוואַרפן עמיצן בכדי זיי אַריינצונעמען. אָבער זיי האָבן פון גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן. איינער פון זיי האָט פּלוצים זיך פאַנאַנדערגערעדט מאַמע־לשון:

„הערט אויס, חבר, מיר זיינען געפאָרן צוויי הונדערט מייל בכדי צו זען אייער ספּעקטאַקל, וועט איר אונז לאָזן שטיין אינדרויסן?"

אַן אינטערעסאַנטער פּלאַקאַט פאַר שלום־עליכמ׳ס „דער פאַר׳כישופ׳טער שניידער״ — אַן אויפירונג פון בעלזענער אידישן טעאַטער.

איך האָב זיי אַריינגענומען הינטער די קוליסן און זיי האָבן געזען די פאָר־שטעלונג פון דאָרטן...

אין דער לעצטער מינוט זיינען געקומען רעוו. מאַיאָר יצחק לוי (היינט הויפט־ראַבינער פון דער בריטישער אַרמיי) און דזשאָ וואלהענדלער פון „דזשאָינט״ און האָבן אונז געבראַכט גרים און קאָסמעטיק פון ערגעץ.

דער אידישער „קאַצעט״־טעאַטער אין בעלזען — סצענע פון שלום־עליכמ׳ס „צוויי הונדערט טויזנט״.

איך האָב קיינמאָל ניט געשפּילט טעאַטער פאַר אַזאַ ענטוזיאַסטישן עולם. זיי האָבן אַפּלאַדירט און געלאַכט און געוויינט. ווען מיר האָבן געגעבן אונזער לעצטן נומער, דאָס געטאָ ליד, „זאָג ניט אַז דאָס איז דער לעצטער וועג״, זיינען די טויזנט מענטשן אין זאַל אויפגעשטאַנען און האָבן געזונגען מיט אונז. דאַן „התקווה״. נאָך קיינמאָל איז „התקווה״ ניט געזונגען געוואָרן מיט אַזאַ ברען ווי בעת יענער פּרעמיערע.

דער „קאַצעט״־טעאַטער אין בעלזען איז געבוירן געוואָרן. אָבער מיר האָבן כסדר געפּרוווט פאַרבעסערן אונזער רעפּערטואַר און אונזער שפּילן. באַלד האָבן מיר גענומען גרייטן „דאָס פאַר׳כישופ׳טע שניידערל״, אַן אַמביציעזע פאָרשטעלונג פאַר אַ ליאַדע טרופּע אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. איך בין דערווייל גענומען געוואָרן אין האָספּיטאַל — אַלאַסט־אויטאָמאָביל איז מיך איבערגעפאָרן — און דאָרטן האָב איך געגרייט די דאָזיקע פאָרשטעלונג.

דערווייל האָט זיך אין לאַגער געעפנט אַן „אָרט״ שול און זיי האָבן פאַר אונז געמאַכט דעקאָראַציעס און קליידער.

אויסער דעם „קאַצעט״־טעאַטער איז אויך געווען אין בעלזען די אידישע אַרבעטער־בינע (ביי די לינקע פּועלי־ציון) אונטער דער לייטונג פון א. זאַנדמאַן, וואָס האָט אויפגעפירט מיט דערפאָלג אייניקע פּיעסן.

אונזער ערשטער ספּעקטאַקל איז געווען פריי — ווער עס איז געקומען צו דער צייט, דער האָט באַקומען אַ פּלאַץ. דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר שוין פאַרקויפט בילעטן און די רעזולטאַטן האָבן אונז אַלעמען פאַרוווּנדערט: 8,255 מאַרק האָט די קאַסע געלייזט! דאָס געלט האָבן מיר געגעבן פאַר קרן קימת און פאַר אַ הילף־פאָנד. איך האַלט נאָך אַלץ אַלס אַן אָנדיינקונג אַ קוויט פון

קרן קימת פאַר דעם געלט, אונטערגעשריבן דורך דר. הדסה בימקאָ־ראָזענזאַפט.

באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן גאַסטראָלירן מחוץ פונעם לאַגער, ווי אַלע גוטע אידישן טעאַטערס אין אַלע צייטן. מיר האָבן געשפילט אין אַנדערע לאַגערן און אין פראַנקרייך און בעלגיע. די אינטערנאַציאָנאַלע פרעסע האָט אָנגעהויבן שרייבן וועגן אונזער טעאַטער. יעדע נייע אויפירונג איז געווען אַ קינסטלערישע געשעעניש. שלום עליכמ׳ס „צוויי הונדערט טויזנט” איז געווען אַ גרויסע טעאַטראַלע דערגרייכונג. אָבער דער אָנהויב איז געווען דער עיקר און דעם אָנהויב אין בעלזען וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אונזער ערשטע פאָרשטעלונג נאָך דער באַפרייאונג וועט בלייבן מיין גרעסטע איבערלעבונג . . .

שמואל גאָלדשמידט

דער בעלזענער פּראָצעס

עס איז געווען איינער פון די מערקווירדיקע צופאַלן אין אונזער געשיכטע, אַז דער בעלזענער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן אום יום הכיפורים, און מאַנכע האָבן אין דעם געזען אַ סימבאָלישע באַדייטונג, אַ אצבע אלוקים. לויטן קאַלענדאר האָט זיך דער פּראָצעס אָנגעהויבן דעם 17־טן סעפּטעמבער 1945 און זיך געענדיקט דעם 17־טן נאָוועמבער אין זעלבן יאָר. דער טריבונאַל איז געזעסן פיר־און־פופציק אַרבעט־טעג.

בעלזען איז ניט געווען דער איינציקער קאָנצענטראַציע־לאַגער, אפילו ניט דער גרעסטער. מאַנכע לאַגערן זיינען געווען ערגער פון בעלזען מיט זייער קאַלקולירטער און וויסנשאַפטליכער אכזריות. אָבער בעלזען איז געווען דער ערשטער לאַגער, וואָס איז באַפרייט געוואָרן, און איז דעריבער געוואָרן דער סימבאָל פון נאַצישער אכזריות און נידערטרעכטיקייט. בעלזען איז געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ פון דער נאַצישער אויסראָטונג־סיסטעם, אַזוי צו זאָגן.

די וועלכע האָבן געזען דעם לאַגער באַלד נאָך דער באַפרייאונג, אַזוי ווי דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אים געזען, און זיינען פינף חדשים שפּעטער געקומען צום פּראָצעס אין לונעבורג, האָבן ניט געפונען גענוג ווערטער צו באַשרייבן די דאָזיקע דערשיטערנדיקע דערפאַרונגען, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין זייערע נשמות אויף אייביק... אפילו היינט, אַז איך פּרוּוו זיך דערמאָנען די פּרטים און אַרויסרופן די שוידערליכע בילדער פון די באַהאַלטענע קאַמערלאַך אין זכרון, קום איך צום אויספיר אַז אַ פּאָר ציפערן וועלן בעסער דינען דער טעמע איידער אַלע אויסדרוקן פון צער און צאָרן.

אויף אַ שטח פון אַרום איין מייל אויף אַ פערטל מייל זיינען געווען

פאַרשפּאַרט 58 טויזנט מענטשן, אַלע אויסגעהונגערט און פאַרפּייניקט, אַ סך קראַנק אויף טיפוס. חוץ די לעבעדיקע זיינען געווען אין לאַגער דרייצן טויזנט מתים און די נאַציס האָבן זיך ניט געקימערט זיי צו באַערדיקן. די לעבעדיקע האָבן געהאַט זייער ווייניק צו עסן און פאַרפּעסטעטע באַראַקעס צו שלאָפן און האָבן ניט געהאַט קיין שום מעדיצינישע הילף. דאָס איז, בקיצור, געווען דאָס בילד, אויף וואָס דער באַשולדיקונג־אַקט האָט זיך באַזירט.

אין קעגנזאַץ צו דעם נירענבערגער פּראָצעס איז דער בעלזענער פּראָצעס געווען אַ בריטישער ענין, ניט קיין ענין פון אַלע אַליאירטע. דער בריטישער מיליטערישער טריבונאַל איז פאַרזאַמלט געוואָרן אין לונעבורג לויט אַ באַפעל פון גענעראַל, וועלכער האָט קאָמאַנדירט די בריטישע אַרמיי־אָפּטיילונגען אין דייטשלאַנד. ער האָט זיין באַפעל באַזירט אויף אַ קעניגליכן דעקרעט. דער פאַרזיצער פון טריבונאַל איז געווען מאַיאָר־גענעראַל ה. פּ. מ. בערני־פיקלין; דער יורידישער ראַטגעבער ביים טריבונאַל איז געווען ל. ס. סטערלינג; דער הויפּט־פּראָקוראָר איז געווען קאָלאָנעל פּ. מ. באַקהאוז. די באַשולדיקטע האָבן געהאַט אַ משפּט לויטן קלאַסישן בריטישן שטייגער, ווי משפּטים ווערן געפירט אין ענגלאַנד גופא.

די מערקווירדיקע באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן טריבונאַל האָבן ניט פאַר־בלענדעט די ריכטער און די פּראָקוראָרן. זיי האָבן זיך שטרייננג געהאַלטן אָן אַלע כללים פון אַ בריטישן טריבונאַל. די באַשולדיקטע האָבן געהאַט יעדע

בעת אַ הפסקה אויפן בעלזענער פּראָצעס אין לונעבורג. די צוויי פרויען האָבן עדות געזאָגט פאַרן טריבונאַל; דער דריטער פון לינקס איז א. ל. איסטערמאַן (וועלכער איז — צוזאַמען מיט די פאַרטרעטער פון די אַליאירטע פעלקער — געזעסן מיטן טריבונאַל אין נאָמען פון אידישן וועלט קאָנגרעס). דער צווייטער פון רעכטס איז שמואל גאָנדשמידט, אַ קריגס־קאָרעספּאָנדענט אין יענע טעג.

געלעגנהייט זיך צו פאַרטיידיקן און אָפּצולייקענען די באַשולדיקונגען. במשך פון פּראָצעס האָט מען נאָך צוגעלאָזן אַלס אַ צוגאָב־פאַרטיידיקער פּראָפעסאָר סמיט פון לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, וועלכער האָט געהאַלטן אַ שטאַרקע רעדע קעגן דער קאָנסטרוקציע פון דער גאַנצער באַשולדיקונג.

מיר האָבן געהאָפט אַז געוויסע באַשולדיקונגען וועלן זיך אַרויסווייזן פאַלש אָדער איבערטריבן. עס האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן אַז מענטשן, וועלכע זיינען אויך געבוירן געוואָרן בצלם אלוקים, זאָלן זיין פייאיק אויף אַזוינע מעשים. מיר האָבן געוואָלט האָפן אַז דער פלעק אויפן מענטשליכן געוויסן וועט ניט זיין אַזוי ווייטאָקדיק. מיר האָבן ניט געוואָלט זען דעם מענטשן אַזוי נידעריק געפאַלן.

ליידער. די באַווייזן קעגן די באַשולדיקטע, מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר אומוויכטיקע טיפּן, זיינען געווען קלאָר ווי דער טאָג. עס איז ניט געווען קיין אנטרינונג...

די באַשולדיקטע זיינען געווען: יאָזעף קראַמער, דר. פריץ קליין, פּעטער ווינגאַרטנער, געאָרג קראַפט, פראַנץ העסלער, יאַאנא באָרמאַן, עליזאַבעט פאָלקענראַט, הערטאַ עהלערט, אירמאַ גרעזע, אילזע לאָטע, הילדאַ לאָבאוער, יאָזעף קליפּעל, אָסקאַר שמיץ, קאַרל פראַנציאָ, פריץ מאַטעס, אָטאָ קאַלעסאָן, מעדיסלאַוו בערגראַף, קאַרל עגערסדאָרף, אנכאר פּיכען, וואַלטער אָטאָ, פראַנץ שטאָפעל, היינריך שרייער, ווילהעלם דאָר, אַריך בראַש, עריך זאָדעל, איגנאַץ שלאָמאָוויץ, וולאַדיסלאַוו אָסטראָווסקי, אַנטאָני אויערדציג, אילזע פאָרסטער, קלאַראַ אָפּיץ, שאַרלאָטע קליין, הערטאַ באָטע, פרידאַ וואַלטער, אירענע האַשקע, גערטרוד פייסט, גערטרוד זאוער, הילדאַ ליסעוויץ, יאָהאַנאַ ראָט, אַנאַ העמפּעל, הילדעגאַרד האַנעל, העלענאַ קאָפּער, אַנטאָני פּאָלאַנסקי, סטאַניסלאַוואַ סטאַראָסטקאַ און לאַדיסלאַוו גוראַ.

אַלע באַשולדיקטע, חוץ סטאַראָסטקאַ, זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אַ קריג־פאַרברעכן „היות זיי האָבן אין בערגען־בעלזען, דייטשלאַנד, צווישן 1־טן אָקטאָבער 1942 און 30־טן אַפּריל 1945, ווען זיי זיינען געווען מיטגלידער פון פּערסאָנאַל פון קאָנצענטראַציע־לאַגער בערגען־בעלזען און פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אינטערנירטע פּערזאָנען, געפייניקט געוויסע אינטערנירטע אין קעגנזאַץ צו די געזעצן און כללים פון קריג, און האָבן פאַראורזאַכט דעם טויט פון קיט מייער (אַ בריטישער בירגער), אַנאַ קיס, שרה קאַן (ביידע אונגאַרישע בירגער), היינריך גלינאַוויעצקי און מאַריאַ קאָנאַטקעוויץ (ביידע פּוילישע בירגער), מאַרסעל פרעסאַן דע מאַנטיני (אַ פראַנצויזישער בירגער), מאַוריס וואַן איינסבערגען (אַ האָלענדישער בירגער), יאַן מאַרקאָווסקי און געאָרגי פערענץ (ביידע פּוילישע בירגער), מאַוריס וואַן מעוולענאַר (אַ בעלגישער בירגער), סאַלוואַטאָרע וועגדורא (אַן איטאַליענישער בירגער) און טערעזע קלי (אַ בריטישער בירגער פון האָנדוראַס), און אַנדערע אַליאירטע בירגער, וועמענס נעמען עס זיינען ניט באַקאַנט. די באַשולדיקטע האָבן אויך גורם געווען יסורים צו אַנדערע אינטערנירטע פּערזאָנען, אַליאירטע בירגער, ספּעציעל האַראַלד אָסמונד לע דרולענעק (אַ בריטישער בירגער), בענעק צוקערמאַן, אַ פרוי מיטן נאָמען קאַרפּעראָוואַ, אַ פרוי מיטן נאָמען האָפמאַן, ליובאַ ראָרמאַן, אידאַ פרידמאַן

(אַלע פּוילישע בירגער), און אַלעקסאַנדראַ סיווידאַוואַ (אַ רוסישע בירגערין), און אַנדערע אַליאירטע בירגער, וועמענס נעמען עס זיינען ניט באַקאַנט.״

סטאַראַטסקאַ, קראַמער, דר. קליין, וויינגאַרטנער, קראַפּט, העסלער, באַר־מאַן, פּאַלקענראַט, עהלערט, גורא, גרעזע, לאָטע, לאַבאוער און שרייער זיינען דערצו נאָך באַשולדיקט געוואָרן אין אַ קריגס־פאַרברעכן „היות זיי האָבן אין אוישוויץ, פּוילן, צווישן 1־טן אָקטאָבער 1942 און 30־טן אַפּריל 1945, ווען זיי זיינען געווען מיטגלידער פון פּערסאָנאַל אין אויסשוויצער קאָנצענטראַציע־לאַגער און פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אינטערנירטע פּערזאָנען, אין קעגנזאַץ צו די געזעצן און כּללים פון קריג, געפּייניקט און פאַראורזאַכט דעם טויט פון רחל זילבערשטיין (אַ פּוילישע בירגערין), און אַנדערע אַליאירטע בירגער, וועמענס נעמען עס זיינען ניט באַקאַנט, און אָנגעטאָן יסורים צו אַנדערע אינטערנירטע אַליאירטע בירגער, ספּעציעל חוה גריקא און האנקא ראָזענצווייג (ביידע פּוילישע בירגער), און אַנדערע אַליאירטע בירגער, וועמענס נעמען עס זיינען ניט באַקאַנט.״

אַזוי האָט אויסגעזען בעלזען אין יורידישן זשאַרגאָן. אָבער די עדות האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט די שוידערליכע פאַקטן אָן רחמנות.

דער הויפּט עדות פאַר דער באַשולדיקונג איז געווען דר. הדסה בימקאָ, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער רעהאַביליטאַציע פון די באַפרייטע בעלזענער בכלל און די קינדער בפרט. (דר. בימקאָ איז היינט די פרוי פון יוסף רעזענזאַפט).

דר. בימקאָ האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן געריכט אַלס „אַ אידישע פרוי פון פּוילן״. במשך פון איר לאַנגער גבית־עדות פאַרן טריבונאַל האָט דר. בימקאָ זיך אייניקע מאָל אָפּגעשטעלט און אַנטשולדיקט: „עס איז אַזוי שווער צו שילדערן״...

זי האָט דערציילט פאַרן טריבונאַל, אַז זי איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ דעם 4־טן אויגוסט 1943. זי איז אַריבערגע־פירט געוואָרן קיין בעלזען דעם 23־טן נאָוועמבער 1944. אין אוישוויץ און אין בעלזען האָט זי געאַרבעט אַלס אַרצט אין אַזוי־גערופענע האָספּיטאַלן. זי האָט דערקלערט אונטער אַ שבועה, אַז ליסטעס וואָס זיינען בסוד צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך געפאַנגענע אין אוישוויץ אונטער דער השגחה פון די נאַציישע אויפזעער, האָבן אַנטהאַלטן נעמען פון אַרום פיר מיליאָן מענטשן, וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין אוישוויץ. אַ מיטגליד פון אַזאַ אַרבעט־גרופּע האָט פאַר איר באַשטעטיקט די דאָזיקע ציפער!

געפאַנגענע, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר די גאַז־קאַמערן, זיינען אָפט געהאַלטן געוואָרן אייניקע טעג אָן עסן און וואַסער, ביז די לאַסט־אויטאָ־מאָבילן זיינען אָנגעקומען זיי אַוועקצופירן צו זייער טויט.

דאָן האָט דר. בימקאָ באַשריבן בעלזען. איר גבית־עדות האָט קלאָר באַוויזן ווי אַזוי בעלזען איז געוואָרן דער גיהנום אויף דער ערד, וואָס די בריטישע אַרמיי האָט געפונען אין טאָג פון באַפרייאונג; ווי אַזוי געזונטע און אינטעליגענטע מענער און פרויען זיינען רעדוצירט געוואָרן צו אַבסאָלוטער

פיזישער אומבאַהאָלפנקייט און גייסטיקער שלאַפקייט; ווי אַזוי שטאָלצע מענטשן זיינען דעגראַדירט געוואָרן צו אַ חיה׳שער עקזיסטענץ.

סאָפיאַ ליטיוונסקאַ, צעציליאַ פּראַמער, אַני יאַנאַס, דאָראַ שאַפּראַן, העלען האַמערמאַש, אילאַנאַ שטיין, אברהם גלינאָוויעסקי און אַנדערע האָבן דערגאַנצט די פּרטים און פאַרפאָלקאָמט דעם גיהנום־בילד פון בעלזען. זיי האָבן אויך געשילדערט די האַלטונג פון דעם אָדער יענעם פון די באַשולדיקטע.

נאָך אַן עדות איז געווען דער דערמאַנטער בריטישער בירגער לע דרולענעק פון די קאַנאַל־אינזלען. ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשן און פאַרשיקט געוואָרן קיין בעלזען אין די לעצטע טעג פון קריג — דעם 5־טן אַפּריל 1945. אַזוי אַרום איז ער געווען אין לאַגער נאָר צען טעג. אָבער דאָס איז געווען גענוג אים צו רעדוצירן צו אַ שאָטן פון דעם פריערדיקן מענטשן. ער האָט געשוידערט אין געריכט ווען ער האָט דערציילט וועגן זיין קורצע דערפאַרונג אין בעלזען. איינע פון זיינע אויפגאַבעס אין לאַגער איז געווען צו שלעפּן מתים און זיי וואַרפן אין אַ ריזיקע טויטן־גרוב. ער און אַנדערע האָבן געאַרבעט ביי דער דאָזיקער שרעקליכער אויפגאַבע פון באַגינען ביז ביינאַכט במשך פון גאַנצע פיר טעג. לויט זיין מיינונג האָבן די דייטשן געוואָלט באַהאַלטן די מתים איידער די בריטישע זיינען געקומען. אָבער עס זיינען געווען צופיל מתים... די לעצטע פינף טעג אין לאַגער איז לע דרולענעק געווען אָן עסן און אָן וואַסער.

בריגאַדיר־גענעראַל ה. ל. גלין־יוז, דער הויפּט־אַרצט פון דער צווייטער בריטישער אַרמיי, האָט דערציילט פאַרן טריבונאַל וועגן די באַדינגונגען אין לאַגער ווי ער האָט זיי געפונען ווען ער איז אַריינגעפאָרן מיט דער ערשטער בריטישער אָפּטיילונג. ער האָט געהאַט מיט זיך פיר־און־פופציק אָציפערן און דריי־הונדערט־פיר זעלנער פון מעדיצינישע אָפּטיילונגען, אָבער די דאָזיקע גרופּע איז געווען ווייט ניט גרויס גענוג צו באַהערשן די סיטואַציע. די מיליטערישע אויטאָריטעטן האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַזאַ קאָנצענטראַציע פון עלנט און פיין אויף אַ קליינעם שטח. ווער קען זיין באַשולדיקן? קיינער האָט זיך דאָן ניט געקענט אויסמאָלן אַז עפּעס אַזוינס איז מעגליך.

די שולד פון די באַשולדיקטע איז דערוויזן געוואָרן אָן יעדן ספק, אָבער פּראָפעסאָר סמיט האָט גע׳טענה׳ט אַז די מדינה טראָגט די אחריות פאַרן עובר זיין אויף אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, ניט יחידים. עד היום איז ניטאָ קיין הסכם צווישן די געלערנטע וועגן דער מאָס פון אחריות פון יחידים פאַרן ברעכן אינטערנאַציאָנאַלע הסכמים, ווי די פערטע האַגער קאָנווענץ און די זשענעווער קאָנווענץ וועגן קריגס־געפאַנגענע. אָבער לויט דער מיינונג פון בריטישע געלערנטע, ווי פּראָפעסאָר ה. לאַוטערפּאַכט, לאָרד ראַיט און פּראָפעסאָר גוד־האַרט, און אויך לויט דער מיינונג פון אַ סך אינטערנאַציאָנאַלע יוריסטן אין אַנדערע לענדער, איז אַ יחיד פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע אייגענע מעשים, די דורך וועלכע עס זיינען געבראָכן געוואָרן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנווענצן. די געזעלשאַפטליכע מיינונג אין אַלע לענדער איז אויך געווען קעגן באַפרייען יחידים פון אחריות פאַר זייערע מעשים בעתן קריג, דורך וועלכע עס זיינען

אַ וואָרנונג צו דער וועלט — דער ערשטער טאָוול ביים אַריינגאַנג צום בעלזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

געבראָכן געוואָרן די דערמאָנטע הסכמים, וואָס זיינען אַזוי בינדנדיק ווי געזעצן.

דער טריבונאַל אין לונעבורג איז געקומען צום אויספיר, אַז די פערטע האַגער קאָנווענץ מאַכט יחידים פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייערע מעשים אין קריג; אַז זיי זיינען ניט פטור פון אחריות, ווי די פאַרטיידיקונג האָט גע׳טענה׳ט. דער טריבונאַל האָט ווייטער באַשלאָסן, אַז די האַגער קאָנווענץ, וואָס פאַרבאָט געוויסע מעטאָדן פון פירן קריג, ווי אומענטשליכע באַהאַנדלונג פון געפאַנגענע, מאַכט די באַנוצונג פון אַזוינע מעטאָדן אַ פאַרברעכן. במשך פון אַ סך יאָרן האָבן מיליטערישע טריבונאַלן גע׳משפט און באַשטראָפט יחידים, וועלכע האָבן גע־

בראָכן די כללים פון קריג, וואָס די האַגער קאָנווענץ האָט אָנגענומען, כאָטש די קאָנווענץ גופא זאָגט ניט קלאָר, אַז יחידים טראָגן אחריות.

דער טריבונאַל האָט אויך געהאַלטן אַז די נאַציאָנאַליטעט פון די באַשול־דיקטע איז ניט וויכטיק. ער האָט באַשטראָפט יחידים פאַר שרעקליכע פאַר־ברעכנס, ניט גענומען נקמה פון די באַזיגטע דייטשן. בעצם זיינען פינף פאָליאַקן אויך געפונען געוואָרן שולדיק און באַשטראָפט געוואָרן.

דער לונעבורגער אורטייל איז שוין היינט אַ ווענדפונקט אין זיגזאַג וועג פון דער מענטשליכער געשיכטע. קראַמער, קליין, וויינגאַרטנער, העסלער, פראַנציא, פיכען, שטאַפעל, דאָר, באַרמאַן, פאַלקענראַט און גרעזע זיינען פאַר־משפט געוואָרן צום טויט דורך הענגען. זאַדעל איז פאַר׳משפט געוואָרן צו לעבנסלענגליכע תפיסה.

קאַלעסאָן, שרייער, אָסטראָווסקי, עהלערט און קאָפער זיינען פאַר׳משפט געוואָרן צו פופצן יאָר תפיסה.

אויערדצייג, לאָבאוער, אילזע פאָרסטער, באָטע, האַשקע, זאָוער, ראָט, העמפעל און סטאַראָסטקאַ זיינען פראַ׳משפט געוואָרן צו פינף יאָר תפיסה.

וואַלטער איז פאַר׳משפט געוואָרן צו דריי יאָר תפיסה.

ליסעוויץ איז פאַר׳משפט געוואָרן צו איין יאָר תפיסה.

די אורטיילן זיינען שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער העכערער מיליטערישער מאַכט און זיינען אויסגעפירט געוואָרן.

עס איז כדאי צו באַמערקן אַז דער איינציקער איד צווישן די באַשולדיקטע, איגנאַץ שלוימאָוויץ, איז פריי־געשפּראָכן געוואָרן. דער דאָזיקער אידישער בחור איז אַליין געווען אַ געפאַנגענער אין לאַגער. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין פייניקן אַנדערע געפאַנגענע אויפן באַפעל פון די ס.ס.־וועכטער, אָבער די שולד קעגן אים איז ניט דערוויזן געוואָרן.

דער דאָזיקער משפט, דער ערשטער פאַר קריג־פאַרברעכנס נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז באַטראַכט געוואָרן ניט נאָר אַלס אַ פּרווו צו טאָן גערערכטיקייט, נייערט אויך אַלס אַ דערמאָנונג וואָס נאַציזם איז געווען און אַלס אַ וואָרנונג פאַר דער צוקונפט, אַז פאַרברעכנס קעגן מענטשן־קינדער, אפילו אין דער צייט פון אַ מלחמה, וועלן באַשטראָפט ווערן—אויב עס זאָל זיך נאָך אַמאָל געפינען אַ גרופּע מענער און פרויען, וואָס זאָל זיין קאַפּאַבל צו פאַלן אַזוי נידעריק און צו באַגיין אַזוינע פאַרברעכנס.

היינט זיינען מיר באַרעכטיקט צו עקזאַמינירן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פּראָצעס אויפן פאָן פון היינטיקע פּאָליטישע קאָנפליקטן און סאָציאַלן ווירוואַר.

עס קען מער ניט פּאַסירן מיטן אידישן פאָלק. אידן האָבן אַליין אָנגענומען שריט צו פאַרמיידן נאָך אַזאַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע דורכן שאַפן זייערע איי־גענע מדינה. איר קענט עס אָנרופן די נקמה פון דער געשיכטע אויב איר ווילט; איר קענט עס אָנרופן דער ווילן פון אַ אומה צו לעבן—די אידישע מדינה איז פאַראַן אַן טראָץ איר קליינעם שטח איז זי אַ גאַראַנטיע קעגן אַ נייער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע פאַר אידן. אָבער צו קענען מיר זאָגן מיט דער האַנט אויפן האַרצן אַז אַזאַ טראַגעדיע קען מער ניט פּאַסירן מיט געוויסע יחידים אָדער גרופּעס;

אַז מענטשן זיינען ניט מער פּייאיק צו באַגיין אַזוינע שוידערליכע פאַרברעכנס קעגן זייערע מיטמענטשן ?...

מיר קענען נאָר זאָגן, אַז דער בעלזענער פּראָצעס און אַנדערע פּראָצעסן קעגן קריג־פאַרברעכער זיינען אַ וואָרנונג — און וועלן בלייבן אַ וואָרנונג פאַר דער צוקונפט—פונקט ווי גערעכטע שטראָפן פאַר „נאָרמאַלע" פאַרברעכנס אין אַ מדינה זיינען אַ וואָרנונג און ניט נאָר אַ שטראָף פאַר שוין באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

היות די טבע פון מענטשן איז אַזאַ, זיינען אַזוינע וואָרנונגען נויטיק. און דאָס איז אפשר נאָך וויכטיקער, אַפילו אין אַזאַ מין פּראָצעס, איידער די פאַר־דינטע שטראָף פאַר די פאַרברעכער.

ה. ג. וואַן דאַם

יורידישע הילף אין בעלזען

בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה זיינען מיליאָנען מענטשן אין די לענדער אונטער דער דייטשער מאַכט אויסגעראָט געוואָרן. זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּוטער פאַר די מעכאַניזירטע טויט-מילן. צוערשט זיינען זיי פאַר־שפּאַרט געוואָרן אין געטאָס און קאָנצענטראַציע-לאַגערן, באַליידיקט און געפּייניקט געוואָרן, און נאָכדעם האָבן זיי געפונען זייער טויט דורך דייטשע הענט. נאָר אַ קליינער טייל פון די קרבנות זיינען נאָך געווען ביים לעבן ווען די טאַנקעס פון די אַליאירטע האָבן אויפגעבראָכן די טויערן פון די מאָרד־לאַגערן און קאָנצענטראַציע-לאַגערן. די דאָזיקע געציילטע זיינען בדרך נס ניצול געוואָרן.

אָט אַזוינע קרבנות זיינען געווען די איינוווינער פון בעלזען און אַנדערע „די-פּי" לאַגערן נאָך דער באַפרייאונג. שפּעטער זיינען צו זיי צוגעקומען פּליטים, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון רוסלאַנד און האָבן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד און ניט געקענט געפינען זייערע משפחות און זייער עבר...

די דאָזיקע מענער און פרויען זיינען אַלע געווען קרבנות פון אַ גוואַלטיקער געזעצלאָזיקייט. עס איז, דעריבער, געווען נאַטירליך אַז זיי זאָלן ניט האָבן קיין דרך ארץ פאַרן געזעץ און פאַר דעם באַגריף פון גערעכטיקייט. געזעץ און גערעכטיקייט האָבן זיי אַזוי גרויזאַם פאַראַטן! חוץ דעם זיינען די דאָזיקע מענטשן אין די לאַגערן געווען אַרומגערינגלט דורך אַ גלייכגילטיקער, אָדער אַפילו פיינטליכער באַפעלקערונג.

לגבי דער אָקופּאַציע-מאַכט, וואָס האָט געדאַרפט אויפהאַלטן די אָרדנונג, זיינען די לאַגערן געווען אַ ספּעציעלע פּראָבלעם — אַ שווערע און ניט קיין קלאָרע.

קוקנדיק צוריק דאַרף מען פעסטשטעלן מיט באַוווּנדערונג, אַז די שנאה פון די באַפרייטע קעגן דער אויסערליכער וועלט און זייער ווייטקייט פון יעדן

מין שטאַטליכע אויטאָריטעט האָבן ניט דערפירט צו קיין גרויסע אינצידענטן. ניט ווייט פון בעלזען, אין אַ שטעטל מיטן נאָמען לונעבורג, איז קראַמער, דער פריערדיקער קאָמאַנדאַנט פון בעלזען, גע׳משפט געוואָרן. צוזאַמען מיט אים זיינען געשטאַנען פאַרן געריכט פיר־און־פערציק פון זיינע וועכטער. דאָך איז בעלזען געבליבן רואיק. קיין דראַנג נאָך פריוואַטער נקמה!

אין בעלזען גופא איז כסדר געוואַקסן אַן אויטאָנאָמע קהילה. דער לאַגער־קאָמיטעט, מיטן אומפאַרגלייכליכן יוסף ראָזענזאַפט בראש, וואָס איז געוויילט געוואָרן דורך די איינוווינער פון לאַגער אין אַ פרייער וואַל, האָט באַקומען אַ גרויסע מאַכט אין זיינע הענט. די אָרדנונג איז אָפגעהיט געוואָרן אָן פּאָליציי און אָן זעלנער פון דרויסן! בעלזען האָט געהאַט אירע אייגענע געזעצן. עס איז געווען אַ מין עקסטעריטאָריאַלע איינהייט אין אַ פרעמד לאַנד.

אין אַ מדינה ווו עס האָט געפעלט עסן און ווו די וואַליוטע איז געפאַלן פון טאָג, איז אַזאַ מין איינהייט ווי בעלזען געווען אַ פּראָבלעם און האָט געמוזט שאַפן רייבונגען. עס איז אָפּטמאָל געווען נויטיק צו ברעכן דייטשע שפּייז־געזעצן און אַדמיניסטראַטיווע רעגולאַציעס בכדי אויפצוהאַלטן דאָס לעבן. אויסבייט־האַנדל אין אַ גרויסן מאַסשטאַב האָט זיך געמוזט אַנטוויקלען אין אַזאַ עקסטעריטאָריאַלע איינהייט ווי בעלזען. עס איז אָנגעגאַנגען אַ פלינקער אויס־בייט פון פאַרשיידענע סחורות צווישן בעלזען און די אַרומיקע באַפעלקערונג, און בעלזען איז געוואָרן אַ דאָרן אין דער זייט פון די צאָל־באַאַמטע. די סחורות זיינען געקומען פון די אָקופּאַציע־זעלנער, וועלכע זיינען אָפּטמאָל געווען פאַר־מישט פערזענליך אין דעם דאָזיקן האַנדל.

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט געהאַט אַ גאַנצע סעריע פאַרשיידענע "די־פּי" פּראָבלעמען. אין יענע יאָרן האָבן אַזוינע פּראָבלעמען אויסגעזען זייער וויכטיק, היינט געדיינקט זיי קיינער ניט...

מען דאַרף געדיינקען אַז די לאַגער־מענטשן זיינען אין קיין פאַל ניט געווען די פאַבריקאַנטן פון די אויסבייט־סחורות און זייער זעלטן די געברויכער. יעדע דייטשע אייזנבאַן־סטאַנציע איז געווען אַ מאַרק פאַר אומלעגאַלע טראַנ־סאַקציעס. די טעגליכע שוואַרצע בירזשע איז געווען אַ באַליבטע טעמע ניט נאָר פאַר די לאַגערן, נייערט אויך פאַר פירנדיקע דייטשע ביינק אין האַמבורג, האַנאָווער, פראַנקפורט, דיסלדאָרף און מינכען. די אָקופּאַציע־געריכטן פלעגן זיך שטיצן אויף די נאַצישע געזעצן, כאָטש זיי זיינען שוין דאָן לחלוטין ניט געווען נויטיק פאַר די נייע באַדינגונגען.

אַזוי אַרום איז די פראַגע פון יורידישע עצות פאַר די אידישע „די.פּי.׳ס" און יורידישע הילף בכלל געוואָרן זייער וויכטיק.

אָבער די פאַרטיידיקונג פון יחידים, וועלכע זיינען געווען באַשולדיקט אין ברעכן דאָס געזעץ, איז געווען ווייניקער וויכטיק איידער די יורידישע פּראָגעס אין צוזאַמענהאַנג מיט עמיגראַציע.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַרויספירן פערזענליכע זאַכן און דאָס האָב און גוטס פון די עולים קיין ארץ ישראל און עמיגראַנטן צו אַנדערע לענדער. דער בעלזענער לאַגער־קאָמיטעט האָט געטאָן אַ פּיאָנערן־אַרבעט אין בייזייטיקן

די שטרויכלונגען אויפן וועג פון עמיגראַנטן. די דאַמאַלסטיקע געזעצן און רעגו־לאַציעס האָבן געמאַכט אַזוינע ענינים אַזוי שווער און פאַרפּלאָנטערט, אַז דער קאָמיטעט האָט געמוזט אינטערווענירן ביי די בריטישע טאָג־איין טאָג־אויס, מאַנכמאָל מיט דער הילף פון אידישע אָרגאַניזאַציעס און על־פּי־רוב מיט אייגענע כוחות.

צום סוף האָבן די בריטישע אָנגעהויבן באַוווּנדערן דעם מוט און די עקשנות פון אידישן צענטראַל־קאָמיטעט.

דער באַרימטער פאַל איז געווען „דרומית״, וואָס איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין ברעמער האַפן. די מאַכט האָט גע׳טענה׳ט, אַז אויף דער שיף געפינט זיך אַ לאַדונג פון אומלעגאַלע סחורות. די גאַנצע דייטשע פּרעסע האָט פאַרעפנט־ליכט די דאָזיקע ידיעה מיט גרויס פּאַראַד. אָבער ראָזענזאַפט האָט ניט נאָכגעגעבן און צום סוף איז אים געלונגען ניט נאָר צו באַפרייען די קאָנפיסקירטע לאַדונג, אָבער אויך צו באַקומען קאָמפּענסאַציע פאַר שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן בעת דער קאָנפיסקאַציע.

בעלזען איז געווען, כידוע, אין דער בריטישער זאָנע פון דייטשלאַנד. די באַציאונגען צווישן די לאַגער־אידן און דער בריטישער מאַכט זיינען געווען זייער דעליקאַטע צוליב דער שפּאַנונג צווישן דער מאַנדאַטן־מאַכט אין ארץ ישראל און אידן אומעטום. אין יענער צייט האָבן זיך געצויגן לאַנגע פאַרהאַנדלונגען צווישן דער בריטישער מאַכט און דעם אידישן צענטראַל קאָמיטעט, מאַנכמאָל מיטן אַנטייל פון אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועגן שליסן דעם בעלזענער לאַגער. די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען האָבן ניט געקענט איזאָלירט ווערן פון דער פּסיכאָלאָ־גישער שפּאַנונג, ספּעציעל בעת די באַציאונגען מיט דער מאַנדאַטן־מאַכט האָבן געהאַט דערגרייכט זייער שפּל׳דיקסטן פּונקט.

אַפילו אין דייטשלאַנד גופא, אין דער בריטישער זאָנע, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו אויפצורייסן אַ בריטישן מיליטערישן צוג. דער קריגס־געריכט אין האַנאָווער האָט געענטפערט מיט טויט־אורטיילן. אָבער שפּעטער זיינען די טויט־אורטיילן פאַרביטן געוואָרן אויף לאַנגטערמיניקע תפיסה. די פאַר׳משפט׳ע יונגעלייט זיינען שוין לאַנג פריי און צוריק אין ישראל.

מען מוז אונטערשטרייכן די פאַרדינסטן פון די בריטישע און פון צענ־טראַל־קאָמיטעט. זיי האָבן זיך ניט געלאָזן באַאיינפלוסן פון די שטימונגען. די בריטישע זיינען געבליבן רואיק און דער פאַרטרעטער פון בעלזען האָט אויפ־געהאַלטן צוזאַמענאַרבעט און פאַרבינדונג.

אין 1948 איז פאַרגעקומען די דייטשע וואַליוטע־רעפאָרם און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָרמאַליזירן. גלייכצייטיק איז די יורידיקציע פון דער אָקופּאַציע־מאַכט איבער די היימלאָזע אין די לאַגערן געוואָרן כסדר באַשרענק־טער. די דייטשע מאַכט האָט כסדר אויסגעשפּרייט איר השפעה. אָבער אין יענער צייט זיינען די לאַגערן געוואָרן אַלץ ליידיקער. מענטשן זיינען כסדר אָפּגעפאָרן פון דייטשלאַנד. בעלזען איז אויך געוואָרן כסדר ליידיקער — ביז די לעצטע קליינע גרופּע איז אָפּגעפאָרן קיין אויפיעווער צום דאָרטיקן לאַגער.

אין 1949 איז דאָס פאַרגעסענע פּראָבלעם פון קאָמפּענסאַציע, ספּעציעל

פאַר געפאַנגענשאַפט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און תפיסות, אויפגעלעבט געוואָרן. אין דעם יאָר זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן די ערשטע וויכטיקע געזעצן וועגן קאָמפּענסאַציע אין דער בריטישער זאָנע.

די דאָזיקע געזעצן האָבן געגעבן קאָמפּענסאַציע נאָר פאַר נאַצישע קרבנות מיט אַ שטענדיקער רעזידענץ אין דער בריטישער זאָנע. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו ניט צו צאָלן קיין קאָמפּענסאַציע צו די לאַגער־מענטשן. די טענה איז געווען, אַז זיי זיינען ניט קיין רעזידענטן פון דער זאָנע און אַז זיי וואַרטן נאָר אויף זייער שאַנס אָוועקצופאָרן און זיינען דעריבער ניט קיין שטענדיקע איינוווינער.

בעלזען געפינט זיך אין דער פּראָווינץ נידערזאַקסן און דאָרטן איז די טענדענץ ניט צו צאָלן קיין קאָמפּענסאַציע געווען אפילו שטאַרקער איידער אַנדערשוו אין דייטשלאַנד.

דר. קורט שומאַכער, דער פיהרער פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (אַליין אַ קרבן פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו ער איז געהאַלטן געוואָרן אַ סך יאָרן) האָט אין יענער צייט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון די לאַגער־מענטשן און נאָכדעם געשטיצט זייערע פאָדערונגען. דער באַפולמעכטיקטער יוריסט פון לאַגער־קאָמיטעט האָט געפאָדערט פון פרעמיער פון נידערזאַקסן און פון זיין אינערן־מיניסטער, ביידע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אויסצוטייטשן דאָס געזעץ אַזוי, אַז לאַגער־מענטשן זאָלן ניט ליידן פון דיסקרימינאַציעס.

דעם 31־טן דעצעמבער 1949 האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום פון נידער־זאַקסן סוף כל סוף פאַרעפנטליכט אַ נייעם כלל וועגן קאָמפּענסאַציע, וואָס האָט פאַריכט די עולה אין אַ געוויסער מאָס לגבי די לאַגער־מענטשן.

זינט יענעם טאָג זיינען די בקשות רעגיסטרירט געוואָרן אין בעלזען. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פאָדערונגען אין נאָמען פון די, וועלכע האָבן שוין דאַן געהאַט עמיגרירט.

בעלזען איז ליקווידירט געוואָרן דעם 15־טן יולי 1950. מאַנכע פון די, וועלכע זיינען אַוועק צום אופיעווער לאַגער, האָבן באַקומען זייער קאָמפּענ־סאַציע איידער דער לאַגער איז געשלאָסן געוואָרן אַ יאָר שפּעטער. מאַנכע אידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין האַנאָווער, צעלע, האַמבורג און לונע־בורג, האָבן אויך באַקומען קאָמפּענסאַציע.

נידערזאַקסן האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געוואָלט צאָלן קיין קאָמפּענסאַציע צו די, וועלכע האָבן עמיגרירט פאַר דעם אָנהויב פון די קאָמפּענסאַציע־צאָלונגען. נאָר נאָכן אָננעמען דעם פעדעראַלן קאָמפּענסאַציע־געזעץ אין 1953, וואָס איז געווען באַזירט אויף די האַגער אָפּמאַכן צווישן דער פעדעראַלער מערב־דייטשער רעפּובליק און דער קאָנפערענץ פאַר אידישע מאַטעריעלע תביעות קעגן דייטשלאַנד, איז די דאָזיקע אומרעכט באַזייטיקט געוואָרן. אָבער אפילו היינט זיינען פאַראַן פיל ניט באַפרידיקטע גערעכטע קאָמפּענסאַציע־בקשות, וואָס וואָלטן געדאַרפט באַפרידיקט ווערן.

דער קאַמף פאַרן רעכט פון דער דאָזיקער גרופּע איז נאָך אַלץ ניט געענדיקט.

ווידא קאופמאן

אן אמעריקאנער אין בעלזען

מיינע זכרונות און איינדרוקן פון מיינע ערשטע וואָכן אין בעלזען זיינען עד היום קלאָר און לעבעדיק, ווי דאָס וואָלט געשען נאָר מיט אַ פּאָר חדשים צוריק און ניט מיט עלף יאָר פריער.

עס איז געווען אַ קאַלטע און פינסטערע נאַכט ווען איך בין אָנגעקומען קיין בעלזען. איך האָב זיך געפילט ווי אַ פרעמדער, וועמען מען האָט אומדערוואַרט געבראַכט אין אַ פרעמדן און ווייטן לאַנד — עפּעס ווי הער ק. אין קאפקא׳ס „שלאָס". ווו בין איך דאָ אַריינגעפאַלן? וואָס טו איך דאָ? וואָס זוך איך? דער דאָזיקער משונה׳דיקער געפיל, דער געפיל פון שפּאַנונג, איז געבליבן ביי מיר אויף אַ סך טעג און וואָכן, אַפילו נאָכדעם ווי איך האָב זיך, אַזוי צו זאָגן, איינגעבירגערט אין לאַגער. דער געפיל פון געהערן צו בעלזען האָט זיך ביי מיר איינגעפונען ערשט נאָכדעם ווי איך האָב באַגעגנט יאָסלען און הדסה׳ן און געפונען אין זייער פריינטשאַפט אַ מעכטיקע שטיצע. דאָס איז אַ פריינטשאַפט, וואָס איך וועל שטענדיק האַלטן טייער.

מיינע ערשטע טעג אין לאַגער, ווען איך האָב שפּאַצירט דורך אַלע טיילן פון בעלזען און געפּרוווט באַקומען איינדרוקן פון לאַגער־לעבן, זיינען געווען טעג פון סיורפּריזן און באַוווּנדערונג. וואָס האָב איך דערוואַרט צו זען? איך ווייס ניט. אָבער איך מוז זיין ערליך און צוגעבן, אַז איך האָב ניט דערוואַרט צו געפינען אַן אָרגאַניזירטע געמיינדע. איך האָב בעצם געפונען אַ שטאָט, רעגירט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן דורך אירע בירגער; אַ שטאָט מיט אירע אינסטיטוציעס און מיט אחריות פאַר אַ געזעלשאַפטליך לעבן לטובת אַלע איינוווינער. צו עס איז געווען אַ ישיבה, אָדער אַ קינדערהיים, אָדער אַ האָספּיטאַל,

אָדער שול, אָדער אַ בית מדרש, אָדער אַ פּאָליציי־סטאַנציע, אָדער אַ סאַניטאַרע אָפּטיילונג — אַלע זיינען זיי געווען אויפן פּלאַץ, אָרגאַניזירט און טעטיק.

מיין ערשטער באַזוך אין דער פאָלקס־שול איז געווען אַ רירנדיקע און טיפע איבערלעבונג. שפּעטער־צו, ווען איך בין שוין באמת געווען אַ טייל פון בעלזען און האָב געהאַט דעם כבוד צו באַגלייטן באַזוכער, ספּעציעל וויכטיקע פּערזענליכקייטן, פלעג איך זיי קודם כל נעמען צו דער פאָלקס־שול. די קינדער, וואַכזאַם, לוסטיק, מיט ליכטיקע אויגן, זיינען געזעסן אין קלאַס, ווי קינדער טוען עס אויף דער גאָרער וועלט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, און האָבן געשלונגען די רייד פון די לערער. קיין סימן פון די טראַגישע יאָרן הינטער זיי! די לערער, מענער און פרויען פון לאַגער גופא, ערנסט און ענטוזיאַסטיש, האָבן ווידעראַמאָל געזעטיקט הונגעריקע נשמות מיט וויסן. בעת איך בין געזעסן און באַקוקט די שול, האָב איך זיך געפרעגט: וואָס קען איך טאָן צו העלפן? וואָס איז מיין אויפגאַבע? אַלץ האָט געשיינט צו זיין אַזוי גוט אָרגאַניזירט, אַזוי גוט אויפגעפּאַסט — ווי עס דאַרף צו זיין אין יעדער גוטער שול;

דאָך, מאַנכע זאַכן האָבן געפעלט און מאַנכע נויטן זיינען געווען צו לינדערן. אָבער וועגן דעם האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט. איך דערמאָן זיך אַז איינער אַ לערער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע בקשה — ניט וועגן מער קליידער אָדער שפּייז אָדער בעסערע באַהייצונג, כאָטש דאָס אַלץ האָט מען אויך געדאַרפט, נייערט וועגן אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר פיזיק. ער האָט אונטערריכטעט אין איינער פון די עלטערע גרופּעס אין דער הויך־שול און עס האָבן אים געפעלט די נויטיקע מאַטעריאַלן פאַרצוזעצן זיין פיזיק. עס האָט מיר אויסגעזען אויסטערליש אין יענע טעג, אַז אַ לערער אין אַזוינע תנאים זאָל דאגה׳נען וועגן וויסן און וויסנשאַפטליכע מכשירים און זאָל טראַכטן נאָר וועגן דערציען זיינע שילער און זיי געבן מער קענטעניסן.

הלוואי וואָלט איך געווען בכוח צו שרייבן אַ לויב־געזאַנג צו די לערער פון בעלזען! זיי האָבן געבראַכט צוריק נאָרמאַליטעט אין די לעבנס פון זייערע שילער און זיי געמאַכט פאַרגעסן אָן זייערע פּלאָגענישן אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. פיזישע דערציאונג און ספּאָרט זיינען אויך געווען אַ טייל פון שול־לעבן אין בעלזען. מען האָט די קינדער ווידעראַמאָל געלערנט צו זיין פריי, צו לויפן און שפּילן, צו טאַנצן און שפּרינגען. עס איז געווען אַ פרייד צו זען די קינדער וואַרפן בעלער, טאַנצן ריטמישע טענץ אין דרויסן, לויפן און שרייען מיט לעבנסלוסט — ווי אַלע נאָרמאַלע קינדער.

און די חנוכה־ פייערונג אין יענעם קאַלטן ווינטער פון 1946! מיר האָבן ניט געהאַט קיין קוילן און דער גרויסער זאַל איז געווען זייער קאַלט, אָבער די אַטמאָספערע איז געווען וואַרים בעת מיר האָבן צוגעקוקט ווי די קינדער זינגען און טאַנצן. בעת די קינדער האָבן אָנגעצונדן די חנוכה־ליכט, האָבן זיי גלייכצייטיק אָנגעצונדן אַ ליכט אין אונזערע הערצער — אַ ליכט פון האָפענונג, אַז די צוקונפט וועט זיין אַ שיינענדיקע פאַר די דאָזיקע קינדער. די פּנים׳ער פון די קינדער האָבן געלויכטן אַזוי ווי די חנוכה־ליכט און זיי האָבן אָנגעצונדן אין מיר אַ געפיל פון באַנייטן שטאָלץ אין אידישן פאָלק.

נאָכדעם ווי איך בין געווען אין בעלזען בלויז אַ צוויי־דריי טעג און האָב נאָך אַלץ געהאַט דאָס געפיל פון ניט געהערן צום דאָרטיקן לעבן, האָט מען מיך איינגעלאַדן אויף אַ „באַל״. עס איז געווען אַ „באַל״ לטובת קרן קימת. איך האָב זיך געפרעגט: וואָס פאַר אַ מענטשן זיינען עס, וועלכע קענען אין אַ לאַגער מיט אַזויפיל דאגות און צרות אָרגאַניזירן מיט זייערע אייגענע מיטלען אונטערנע־מונגען לטובת אַנדערע און אַפילו געבן צדקה פאַר אַנדערע! איך בין געגאַנ־גען צום „באַל״. אַלץ איז דאָרטן געווען היימיש — די מוזיק, די פּראָגראַם און דאָס צובייסן; די בעלזענער האָבן אַלץ אַליין צוגעגרייט און האָבן זיך אַליין משמח געווען. מיט אַזאַ „באַל״ וואָלט מען זיך ניט געדאַרפט שעמען אין יעדער אַנדער נאָרמאַלער שטאָט אויף דער וועלט! און דאָס אַלץ איז געווען אין אַ „די פּי״ לאַגער אין 1946!

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיין ערשטן באַזוך אין ר.ב.5 צו־זאַמען מיט הדסה'ן. דאָס איז געווען די היים פון די גאָר קליינע קינדער און איך האָב געזען מיט וויפיל ליבע און איבערגעבנקייט מען זאָרגט פאַר זיי. הדסה האָט געקענט יעדן איינעם פון זיי מיט זיין געשיכטע און אַנטוויקלונג און פאָר־שריט. אין אַ געוויסן זין זיינען זיי אַלע געווען אירע קינדער. זי האָט מיר באַ־וויזן די קינדער מיט שטאָלץ און ליבע און גליכצייטיק נאָטירט זייערע באַדער־פעַנישן. חדשים שפּעטער איז די קינדערהיים פאַרגרעסערט געוואָרן אַריינצו־נעמען עלטערע קינדער, אָבער דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.

די אויפפּאַסונג און די זאָרג פאַר די קראַנקע אין גלין יוז האָספּיטאַל איז ווידער אַן אַנדער קאַפּיטל אין לעבן פון בעלזען, וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. איך מוז דערמאָנען די ספּעציעלע זאָרג און ליבע, וואָס מען האָט אַרויסגעוויזן צו די טובערקולאָז־קראַנקע.

דער קינדער־גאָרטן! וויפיל רייכע און רירנדיקע געפילן קומען צו מיר ווען איך דערמאָן זיך אָן קינדער־גאָרטן. עס איז געווען אַ פרייד דאָרטן אַריינ־צוגיין; שפּילצייג אינעווייניק און אַ שפּיל־פּלאַץ אין דרויסן; ספּאָרט־מכשירים, טישן, ביינק און שאַפעס אין מיניאַטור! עס איז שטענדיק געווען אַ וווּנדער־באַרע דערפאַרונג צו הערן די העברייאישע לידער אין קינדער־גאָרטן, צו זען די שפּילן און טענץ, צו קוקן ווי די קינדער עסן מיטאָג אָדער טרינקען זייער מאָרגן־טרונק.

אומצאָליקע וואַרימע און רירנדיקע דערינערונגען קומען צוריק בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, אָבער איך קום כסדר ווידער צו די קינדער. איך בין זיכער אַז זיי זיינען היינט גליקליכע יונגע מענער און פרויען, ווו זיי זאָלן ניט זיין. ווייל בעלזען האָט געשאַפן פאַר זיי אַן אַטמאָספערע פון לעבן — לעבן פאַר דער צוקונפט!

בעת מיין זיין אין בעלזען בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו מער חתונות איידער אין אַלע מיינע יאָרן. איך בין אין בעלזען געגאַנגען צו מער ברית'ן איידער אין מיין גאַנצן לעבן. מיר האָבן אין מיין צייט אין בעלזען געפייערט דאָס געבוירן ווערן פון טויזנטסטן קינד!

די געלעגנהייט צו זיין אַ טייל פון בעלזען איז פאַר מיר געווען און געבליבן אַ גרויסער זכות, פאַר וועלכן איך בין שטענדיק דאַנקבאַר.

קיין טיטל איז מיר ניט אַזוי טייער ווי דער טיטל, וואָס מען האָט מיר גע־געבן אין בעלזען — „דער אַמעריקאַנער די.פּי."

מ. לובלינער

אידישע דערציאונג אין בעלזען

דער אײביקער, עקשנות'דיקער קאַמף צװישן די צעשטערערישע כוחות פֿון מלחמה און די דערפרישנדיקע, חיות'דיקע כוחות פֿון װיסן און קולטור — סײפֿא און ספֿרא אין אונזערע ספֿרים — איז קײנמאָל ניט געװען אַזױ קלאָר דעמאָנסטרירט װי אין די יאָרן 1939־1945. כל זמן דער שװערד איז געהאָנגען איבער אונזערע קעפּ איז אידישע קולטור געװען פֿאַרשטומט; באַלד װי דער שװערד איז אַרײנגעטאָן געװאָרן אין זײן שײדל האָט זיך דאָס בוך געעפֿנט...

נאָכן 15־טן אַפּריל 1945, בעת אַ בלאַסע און שװאַכע פֿרילינג זון — אַזױ װי זי װאָלט געװען אױסגעצערט פֿון די יאָרן פֿון חושך און קאָשמאַר — האָט אַראָפּגעקוקט צום טאָל פֿון טױט און פֿאַרניכטונג אין בעלזען, האָבן אַ הײפֿל יונגע אידישע פֿרױען, װעלכע האָבן זיך געהאַט פֿאַרנומען מיט אידישער דערציאונג פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע, מיט אַמאָל באַמערקט די גײסטיקע פּוסטקײט. קוקנדיק אױפֿן חורבן אַרום זײ, האָבן זײ גע'חלומ'ט אַ ראָזן חלום, װאָס האָט באַשײנט זײער טריבן האָריזאָנט: אפֿשר זײנען דאָך געבליבן אַ ביסל קינדער צװישן די ניצול געװאָרענע...

דער דאָזיקער געדאַנק האָט זײ באַפֿליגלט און זײ האָבן זיך אונטערנומען צו זוכן אין ריזיקן לאַגער. עס איז נאָך אַלץ געװען געפֿערליך אַרױסצוקומען אױף דער ליכטיקער שײן. פֿאַרשטעלטע נאַצישע כוליגאַנעס האָבן נאָך אַלץ פֿאַרגעזעצט זײער סאַדיסטישע אַרבעט, געשאָסן פֿון באַהעלטענישן און פֿאַר'סמ'ט עסנװאַרג. דער מולך איז נאָך ניט געװען אָנגעזעטיקט מיט בלוט און האָט געפֿאָדערט מער קרבנות...

אַ הײפֿל אידישע קינדער זײנען ניצול געװאָרן בדרך נס. זײ זײנען געװען

אין אַ באַזונדערן בלאָק — אַ רעטעניש וואָס איז נאָך אַלץ ניט אויפגעקלערט געוואָרן.

דערציאונג האָט זיך אָנגעהויבן תיכף. נאָך שול־שעה׳ן זיינען די קינדער גענומען געוואָרן אויף שפּאַצירן מחוץ פון פּאַרפּוילטן און שמוציקן לאַגער. זיי האָבן באַלד רעאַגירט אויף דער מוטערליכער ליבע, וואָס מען האָט זיי אַרויס־געוויזן און וואָס זיי האָבן אַזוי לאַנג ניט געהאַט.

אידישע קינדער צווישן חורבות פון „טויזנט־יאָריקן״ דריטן רייך זינגען העברייאישע לידער:

„שה וגדי, גדי ושה, יצאו יחדיו לשדה״...

די דאָזיקע קליינע גרופּע איז געווען דער קערן פון דער באַרימטער בעל־זענער העברייאישער שול, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דר. יעקב עדעל־שטיין. די צאָל קינדער איז כסדר געוואַקסן. קינדער זיינען אַרויסגעקומען פון קעלערן, נאָרעס און מאָנאַסטירן און זיינען באַלד אַוועק אין שול אַריין... זעקס וואָכן נאָך דער באַפרייאונג האָט שוין עקזיסטירט אין בעלזען אַ גרויסער דער־ציערישער אַנשטאַלט מיט רעגולערע קלאַסן און מיט לערערס — אפילו מיט סדרנים און גלאָקן...

די אוניפאָרמירטע בחורים פון דער בריגאַדע, וועלכע זיינען אָנגעקומען אייניקע חדשים שפּעטער, האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַגער נייע בלוט און אַ ניי לעבן. זיי זיינען באַלד געוואָרן אונזערע באַליבטע העלדן. דערציאונג פּיאָ־נערן, מענער און פרויען, האָבן צוזאַמען מיט דער בריגאַדע געשמידט אַ נייע געזעלשאַפט און געכאָוועט אַ נייעם דור אין די לאַגערן פון דער בריטישער זאָנע.

אַ שטענדיקער לערער־פּערסאָנאַל איז רעקרוטירט געוואָרן, ס׳רוב דער־פאַרענע לערער צווישן די זעלנער פון דער בריגאַדע. באַלד איז אויסגעאַרבעט

איינע פון די בעלזענער שולן.



אַ גימנאַסטיק־שעה אין דער בעלזענער גימנאַזיע

געוואָרן אַ פולע שול־פּראָגראַם מיט העברייאיש אַלס די אונטעריכט־שפּראַך. מיר האָבן ניט געהאַט קיין טעקסט־ביכער אין אָנהויב, אָבער די קינדער האָבן אָן שוועריקייטן באַנומען אַלץ, וואָס מען האָט זיי דערקלערט בעל פּה... מען קען זאָגן אַז זיי האָבן געשלונגען די „אותיות פורחות"...

שפּעטער זיינען אָנגעקומען אין לאַגער ביכער, שרייבגעצייג און ספּאָרט־מכשירים פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, פון צענטראַלן בריטישן פאָנד, פון „דזשאָינט" און פון דער אידישער אַגענץ.

דער גוטער נאָמען פון דער בעלזענער שול איז איר געגאַנגען פאָרויס. אירע העברייאישע ספּעקטאַקלען און פאָרשטעלונגען, אויפגעפירט מיט פיל חן דורך די קינדער גופא, האָבן געצויגן ענטוזיאַסטישע מאַסן, ווי אויך אידישע פּערזענליכקייטן פון דער גאָרער וועלט, וועלכע זיינען פון צייט צו צייט אַראָפּ־געקומען קיין בעלזען.

דאָס האַרבע פּראָבלעם פון יתומים־שילער איז שנעל געלייזט געוואָרן. אַלע יתומים זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן צום שיינעם גוט פון די וואַרבורגס, די באַקאַנטע נדבנים, וואָס האָט זיך געפונען אין בלאַנקענעזע (ביי האַמבורג). אַהין זיינען אויך אַריבערגעגאַנגען לערער און אויפזעער.

צום ערשטן מאָל נאָך יאָרן פון נויט און פּיין האָבן די קינדער געהאַט אַ רואיקע און באַקוועמע עקזיסטענץ אין גרויסע און ליכטיקע רוימען. זיי האָבן זיך דערצויגן אין אַ יידישער סביבה און אין אַ גוטער שטימונג. איר קענט אייך פאָרשטעלן ווי גליקליך און שטאָלץ די דאָזיקע היימלאָזע קינדער זיינען געווען

CENTRAL JEWISH COMMITTEE
in the British Zone of Germany
Bergen-Belsen
HEBREW SECONDARY SCHOOL
„JEWISH BRIGADE"
Founded 17th December 1945

הגמנסיה העברית
ע"ש החטיבה היהודית הלוחמת
ע"י הועד היהודי המרכזי באזור הכבוש הבריטי בגרמניה
ברגן־בלזן
נוסדה ב־17 לדצמבר שנת 1945

תעודה

השם: ....

נולד (ה): ....

אסיר המחנות: ....

לוחם ביערות ....

היה (תה) תלמיד (ה)

כתה .... בבית ספרנו

ברגן־בלזן, יום .... לחדש .... שנת ....

יושב ראש הועד המרכזי:

מחנך הכתה:

המנהל:

דער דיפלאָם פון דער בעלזענער גימנאַזיע.

ווען זיי האָבן געקענט מכניס־אורח־זיין באַזוכער, ספּעציעל זייערע חברים פון בלזען, וועלכע פלעגן זיי באַזוכן סוף וואָך. די דאָזיקע יתומים האָבן נאָכדעם געפונען אַ היים אין ישראל, וווהין זיי זיינען אַוועק מיט עלית הנוער.

דערווייל איז דער בעלזענער לאַגער געוואָרן אַן אמת'ע אידישע קהילה מיט אינטענסיווער אידישער עסקנות און אַ צענטער פאַר עליה ב'. איינ־ווינער פון אַנדערע לאַגערן, ניצול געוואָרענע פון פאַרשיידענע אייראָפּייאישע

לענדער און צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, האָבן זיך רק געצויגן קיין בעלזעץ. פיל פון די נייע בעלזענער, ספּעציעל די געקומענע פון רוסלאַנד, האָבן מיט זיך געבראַכט קינדער. מאַנכע פון די דאָזיקע קינדער האָבן שוין אפילו געהאַט פאַר־ענדיקט זייער עלעמענטאַרע דערציאונג. אַזוי אַרום איז די נויט פאַר אַ גימנאַזיע כסדר געוואָרן דרינגענדיקער. עס איז ניט געווען לייכט צו שאַפן אַ גימנאַזיע. דערצו האָט די אידישע בריגאַדע צו יענער צייט געדאַרפט פאַרלאָזן בעלזעץ. אָבער וואָס קען מען ניט דערגרייכן מיט אידעאַליזם און איבערגעבנקייט? אַ געאָגראַפיע לערער אין דער עלעמענטאַרער שול האָט געלייגט די יסודות פאַר דער גימנאַזיע מיט דער הילף פון אַ פיזיקן אָפיצער פון דער בריגאַדע. עס איז געווען אַ שול מיט אַ פאַרנעם. לכתחילה האָבן זיי רעקרוטירט סתם אידן מיט ידיעות און זיי פאַרוואַנדלט אין לערער.

עס איז געווען אַ שווערע מלאכה צו פירן די שול. די לערער האָבן גע־דאַרפט אונטעריכטן פון זכרון — אָן ביכער. אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיטן ענטוזיאַזם און מיט דער אומגלויבליכער התמדה פון די שילער און זיינען געוואָרן זייער שעפעריש. במשך פון אַ קורצער צייט איז אויסגעוואַקסן אַ פולער פערסאָנאַל פון קוואַליפיצירטע און פייאיקע לערער און די לערן־פּראָגראַם האָט אַרומגענומען תנ״ך און מאָדערנע העברייאיש, מאַטעמאַטיק, ענגליש, כימיע, לאַטיין און אַלע אַנדערע פעכער. אַ ביבליאָטעק איז צוגעגעבן געוואָרן צו דער שול ווי אויך אַ געזונטהייט־צענטער מיט אַ שטענדיקן שול־דאָקטאָר, אַ גימנאַס־טיק־זאַל און אַ שפּיל־זאַל.

מיט רעכט איז די שול אָנגערופן געוואָרן „גימנאַזיע אויפן נאָמען פון דער אידישער בריגאַדע״.

די קאַנטין, ווו די שילער האָבן געגעסן, האָט געדינט די עלעמענטאַרע שול און די גימנאַזיע. מיט דער צייט זיינען די דאָזיקעביידע מוסדות אַרומגענומען געוואָרן דורך אַ געמיינזאַמען פּעדאַגאָגישן ראַט.

דער גייסט פון האַרמאָניע און צוזאַמענאַרבעט אין לאַגער איז כסדר גע־פלעגט געוואָרן דורכן צענטראַל קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך כסדר באַמיט צו העלפן אַלע גרופּעס. די פרומע גרופּע האָט געהאַט אירע אייגענע שולן — אַ תלמוד תורה, אַ ישיבה און צוויי „בית יעקב״ שולן פאַר מיידלאַך.

די טעטיקייט פון די פאַרשיידענע גרופּעס האָט אַריינגעבראַכט לעבן און פאַרב אין לאַגער און סטימולירט אַ געזונטע קאָנקורענץ. די קאָנקורענץ האָט אויך געהאָלפן אַנטוויקלען און דעמאָנסטרירן טאַלענטן אויף די געביטן פון קונסט, שאַכמאַט, ספּאָרט. די אינגלאַך און מיידלאַך פון די שולן האָבן אויך אָנטייל גענומען אין פאַרשיידענע יוגנט־באַוועגונגען. טראָץ די ויכוחים און דער קאָנקורענץ זיינען זיי אַלע געווען פאַראייניקט אין אַ גייסט פון חלוציות, וואָס האָט דאָמינירט דאָס לעבן אין בעלזעץ.

צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע און רעליגיעזע דערציערישע מוסדות האָט אין בעלזעץ פונקציאָנירט אַ גרויסע „אָרט״ שול. הונדערטער שילער האָבן אין דער דאָזיקער שול זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה אונטער דער לייטונג פון קאָמפּע־טענטע אינסטרוקטאָרן. „תורה״ און „דרך ארץ״ האָבן דערגאַנצט איינע די



די פענער פון די בעלזענער שולן — די גימנאַזיע און די פאָלקשול.

אַנדערע אין פאָרמירן דעם כאַראַקטער און שמידן די צוקונפט פון די יונגע מענטשן אין בעלזען: זיי זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַ פּראָדוקטיוו לעבן אין ישראל אָדער אַנדערשוואו. טויזנטער אידישע מענער און פרויען, וועלכע זיינען היינט נוציקע בירגער אין פיל לענדער, זיינען דערצויגן געוואָרן אין בעלזען. זיי זיינען אַלע שטאָלץ אויף זייער אידישקייט און קענען אַלע העברייאיש.

בעלזען, דער פריערדיקער סימבאָל פון נאַציישער אכזריות, איז געוואָרן דער סימבאָל פון אידישן אויפקום און גייסטיקן רענעסאַנס נאָך דער מלחמה — דער סימבאָל פון נצחון פון „ספרא״ איבער „סייפא״.

פנחס וואַרשאַווסקי

שילער און לערער אין בעלזען*

מיר טרעפן גראָד אָן אויף אַ הפסקה. אַן אַנגענעמער קינדער־גערויש און געפילדער פון די שילער נעמט אונז אַרום און דערמאָנט אָן די אייגענע קינדער־יאָרן, ווען מען האָט נאָך אַליין געקנעלט חשבון און געשטיפּט אויפן חשבון פון די לערער...

זינט דאַן האָבן מיר דורכגעלעבט אַ סך וואָגלענישן, פאַרלוסטן און טראַגעדיעס. די שילער אין בעלזען זענען אויס ערנסטער איידער די שילער פון מיינע קינדער־יאָרן. די צייטן און ליידן האָבן געלייגט זייער שטעמפּל און אַרויפגעלייגט אויף די קינדער די דערפאַרונגען פון דערוואַקסענע מענטשן.

דעריבער איז פאַרשטענדליך די באַמערקונג פון דער גימנאַזיע־לייטערין, פּראָפעסאָר העלענע וורובעל, אַז די קינדער אינטערעסירן זיך מער מיט ליטעראַטור און געשיכטע, פיזיק און כעמיע, איידער מיט פּינג־פּאָנג, כאָטש עס איז פאַראַן אַ באַזונדער זאַל פאַר פּינג־פּאָנג, שאַך און אַנדערע שפּילן, ווי אויך פאַר ראַדיאָ־הערן. די קינדער קענען נוצן דעם דאָזיקן זאַל אויך נאָך די שול־שעה'ן.

אַ ביסל איז די דערשיינונג ניט נאָרמאַל, ווייל קינדער מוזן זיך אויסשפּילן און אויספילן זייער וועזן מיט די לייכטע ענינים פון טאָג־טעגליכן לעבן. אָבער דאָס איז שוין ניט די שולד פון די שילער און לערער. די טראַגעדיע האָט געלאָזן אירע שפּורן.

אין תוך אָבער איז די סביבה אין דער גימנאַזיע אַ יוגנטליכע, און אונזערע

* פון אַן אַרטיקל אין „אונזער שטימע", נומער 9, 15־טן אַפּריל, 1946 — דער יובל־נומער צום ערשטן יאָרטאָג נאָך דער באַפרייאונג.

קינדער פילן זיך זייער גוט צווישן די ווענט פון שול. עס איז אָנגעקומען זייער שווער צו שאַפן אַט די אינסטיטוציע. די לייטערין און חבר ליטמאַן פון ארץ־ישראל האָבן מיט די אייגענע הענט צונויפגעשטעלט די נויטיקע איינריכטונגען און די גימנאַזיע האָט זיך געעפנט דעם 17־טן דעצעמבער 1945. דער פראָסט האָט זיך געלאָזט פילן בעת די לעקציעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין ניט געהייצטע צימערן. דער ווילן צו לערנען האָט אָבער גובר געווען די פיזישע שוועריקייטן, און די רעזולטאַטן זיינען שוין היינט מערקבאַר. די גימנאַזיע ציילט 125 שילער פון פאַרשיידענע אייראָפּייאישע לענדער. זיי געהערן צו פיר אָפּטיילונגען מיט אַ הויכשול־פּראָגראַם. עס איז ממש צו באַוווּנדערן דעם הונגער צו וויסן, וואָס הערשט צווישן די שילער.

איין פאַקט איז כדאי צו דערמאָנען: קיין איין שילער האָט ניט פאַרשפּעטיקט צו די לעקציעס. זיי קומען אָן פּרישטיק, היות די קאַנטינעס גיבן אַרויס פּרישטיק 8.30 און די לעקציעס הויבן זיך אָן 8 אַזייגער.

ווען עס איז באַקאַנט די הונגער־עמפּינדליכקייט ביי די געוועזענע „קאַצעטלער" קען פאַרשטיין מיט וואָס פאַר אַ מסירת נפש זיי באַציען זיך צו דער שול. דאָס זעלבע מוז געזאָגט ווערן וועגן לערער־פּערסאָנאַל, וועלכער באַשטייט פון די פאָלגענדיקע חברים:

פּראָפעסאָר העלענע וורובעל, לייטערין; מגר. מרים גאָלד, אַלגעמיינע ליטעראַטור; דר. לעאָן פרידמאַן, אַלגעמיינע געשיכטע און עברית; מגר. משה קאַגאַנאָוויטש, פיזיק און כעמיע; מגר. שרה לעווקאָוויטש, ענגליש; מרים שיינפעלד, צייכנונג און האַנטאַרבעט; דוד, עברית, געאָגראַפיע און אַלגעבּרע; מנחם, עברית; רעוו. אברהם גרינבוים (לאָנדאָן), אגדה; דר. מ. לובלינער, אידישע געשיכטע; העלענע וורובעל, געאָגראַפיע און נאַטור־וויסנשאַפט; בערטאַ ווייגרין (לאָנדאָן), ענגליש; פּרוי מאַק, מוזיק; יוסף, ספּאָרט.

(באַמערקונג: די זעלבער פון דער בריגאַדע זיינען געווען באַקאַנט אונטער זייערע ערשטע נעמען. רעד.)

די סיסטעם אין דער גימנאַזיע איז תורה שבעל פה, היות די פאַרשפּראַכענע לערן־ביכער זיינען נאָך עד היום ניט אָנגעקומען פון אויסלאַנד. די לערער אַליין מאָלן די לאַנדקאַרטעס און אַנאַטאָמישע צייכענונגען. וועגן עקספּערימענטן אין פיזיק און כעמיע איז קיין רייד ניטאָ: עס פעלן די מכשירים און מיטלען.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די מיידלאַך זיינען אינטעליגענטער און אַרבעטזאַמער איידער די אינגלאַך. דאָס נעמט זיך מסתמא דערפון, וואָס אין די לאַגערן האָבן די אינגלאַך מער געליטן און זיינען דעריבער מער אויסגעשעפּט.

נאָך מיטאָק קומען פאַר הוספה־לעקציעס אין עברית און אַ צווייטע גרופּע גרייט צו די אויפגבאַבעס אויפן נעכסטן טאָג. אַזוי אַרום געפינען זיך די שילער אַ גאַנצן טאָג אונטערן אויפזיכט פון די לערער.

מיר האָבן געפּרוווט אויסדריקן צו אַ גרופּע לערער אונזער דאַנק און

באַוווּנדערונג. אָבער זיי האָבן דערפון ניט געוואָלט הערן. „דאַנקט אונז ניט. איר וועט דאַנקען אונזערע אויסלענדישע ברידער בעת מיר וועלן באַקומען די לערן־ביכער און אַנדערע מכשירים. מיר ווייסן וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן און טוען אונזער אַרבעט מיט שמחה".

באַמערקונג פון די אַרויסגעבער:

חוץ די דערמאָנטע אין אַרטיקל פון װאַרשאַװסקי זיינען אין בעלזענער שולן געװען טע־טיק די פאָלגענדיקע לערער: ר. צימערמאַן, פּ. צימערמאַן (שװעסטער), ע. קילמאַן־זינגער, מ. קאגאן, ר. ראָזענטאַל, ט. גונצמאַן, מ. מאַרקאָװיטש, ט. דרוקער, פּ. װיטענבערג און פּרוי װיינער. דר. מ. לובלינער איז געװען דער לייטער איבער די בעלזענער שולן אין דער שפּע־טערדיקער תקופה פון זייער עקזיסטענץ.

יוסף פרענקעל

די קולטורעלע באפרייאונג פון בעלזען

מיר האָבן זיי געזען אין סעפּטעמבער 1949 אין לונעבורגער געריכט — יאָזעף קראַמער, דער קאָמאַנדאַנט פון בעלזען; אירמאַ גרעזע; אַנדערע ס.ס. מענער און פרויען. זיי זיינען געשטאַנען פאַרן געריכט און עס אָנגעקוקט מיט די קאַלטע אויגן פון סאַדיסטישע מערדער, באַשולדיקט אין די שרעקליכסטע פאַר־ברעכנס אין דער גאַנצער מענטשליכער געשיכטע. דער הינטערגרונט פון דעם דאָזיקן משפּט איז געווען היטלער׳ס אויסראָטונג־קאַמפּאַניע קעגן יידישן פאָלק.

אין דער זעלבער צייט האָט געגנומען וואַקסן גראָז אין בעלזענער לאַגער (ביי בערגען) און פאַרדעקן די שפּורן. צווישן די קברים, די פאַרפוילטע בלעטער און דעם שמוץ האָט מען געקענט זען דאָ און דאָרטן אַ גרינעם פלעק. באַלד האָבן בלומען און אַנדערע פלאַנצונגען אויפגעהויבן זייערע קעפּ און די פאַרשאָלטענע ערד האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער קללה און איז געוואָרן ווידער אַמאָל לעבעדיק און פריש...

מענטשן־שאָטנס האָבן זיך געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות פון באַראַק צו באַראַק. צוויי קינדער, וועלכע זיינען געגאַנגען שפּאַצירן מחוץ פון דעם לאַגער, האָבן זיך צוריקגעקערט מיט עפּל אין זייערע הענטלאַך. זיי האָבן ניט געהאַט געזען קיין פרוכט. דער סאָלדאַט אויף דער וואַך, וועלכער האָט געהאַט אָרדערס ניט אַריינצולאָזן אין לאַגער קיין שפּייז פון דרויסן, האָט קאָנפיסקירט די עפּל. די קינדער זיינען אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און מענטשן אין לאַגער זיינען געוואָרן דערצאָרנט. אַנדערע אין לאַגער האָבן געטרייסט די קינדער: „מען קען דערוויל אויסקומען אָן עפּל, אָבער מען מוז תיכף האָבן ביכער און בלייפעדערס״... די קינדער האָבן באַקומען ביכער און בלייפעדערס אנשטאט די עפּל. זיי האָבן באַלד אויפגעהערט צו וויינען און האָבן פאַרגעסן אָן די עפּל.

די דאָזיקע ביכער און בלייפעדערס זיינען געווען דער סימבאָל פון דער אמת׳ער באַפרייאונג פון בעלזען. די קינדער האָבן ניט נאָר געדאַרפט עסן — זיי האָבן אויך געדאַרפט לערערס און ביכער... אַ אינגל פון דרייצן יאָר האָט מיר געזאָגט: „איך קען ניט לייענען און שרייבן. איך בין געווען אין לאַגערן זינט איך בין אַלט געווען זעקס יאָר. איך האָב איין ווונש: צו לערנען, צו גיין אין אַ שול אַריין, זיך אויסצולערנען אַ פאַך"...

די ערשטע שפּיז־פּאַקעטן, וואָס הלל שטאַרך האָט געשיקט פון שוועדן קיין בעלזען, האָבן געראַטעוועט אַ סך לעבנס. די ביכער־פּאַקעטן, וואָס דר. אהרן שטיינבערג, פון אידישן וועלט קאָנגרעס אין לאָנדאָן, האָט געשיקט קיין בעלזען, האָבן דערמוטיקט די ניצול געוואָרענע ווידעראַמאָל אויפצובויען זייערע חרוב׳ע לעבנס.

דער טויט האָט נאָך געלויערט אין בעלזען ווען דער ערשטער קינדער־גאָרטן איז געעפנט געוואָרן און די קינדער האָבן אָנגעהויבן זיך שפּילן און זינגען העברייאישע און אידישע לידער...

אידן בלייבן אידן. זייערע איבערצייגונגען זיינען פאַרשיידנאַרטיקע און זיי גלויבן אין אידעאָלאָגיעס. עס זיינען פאָרגעקומען אין בעלזען היציקע דיסקוסיעס וועגן דערציערישע מעטאָדן און באַלד האָבן זיך איינגעפונען אין לאַגער איניקע שולן — צו באַפרידיקן פאַרשיידענע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע איבערצייגונגען. עס איז דאָרטן געווען אַן אָנפאַנג־שול, אַ „בית יעקב" שול, אַ גימנאַזיע, אַ ישיבה, אָוונט־קורסן, אַ רעליגיעזער סעמינאַר, אַ מלאכה־שול און אַ תלמוד תורה. חוץ דעם זיינען כסדר געהאַלטן געוואָרן לעקציעס און עס זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און דיסקוסי׳עס אויף קולטורעלע טעמעס. לערער און פּרעדיקער האָבן זיך באַלד אָפּגערופן. די יוגנט אין בעלזען האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו לעבן — עס האָט זיך איינגעפונען אַן אינהאַלט און אַ ציל און עס איז געווען כדאי צו לעבן...

דער אידישער וועלט קאָנגרעס האָט געשיקט 25,000 ביכער צו די לאַגערן, ס׳רוב קיין בעלזען. אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן געטאָן דאָס זעלבע. יעדע שול ס׳רוב קיין בעלזען. אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געשיקט ביכער. יעדע שול איז באַזאָרגט געוואָרן מיט ביכער. איין שול האָט באַקומען די ווערק פון ביאַליק און טשערניכאָווסקי, אַן אַנדער שול האָט געדאַרפט פּרץ און מענדעלע און אַן אַנדער שול האָט ווידער געבעטן תנ״כ׳ן און ש״ס׳ן. בעלזען האָט באַלד אויסגעבויט איר אייגענע ביבליאָטעק און מענטשן האָבן געקענט אויסבאָרגן ביכער און לייענען וויפיל זיי האָבן געוואָלט.

דער 12־טער יולי 1945 איז געווען אַ וויכטיקע דאַטע פאַר די אידן אין בעלזען. אין דעם טאָג איז דערשינען דער ערשטער נומער „אונזער שטימע". בעלזען איז געוואָרן שפּעטער אויך אַ צענטער פון פּראָדוקטיוו. לכתחילה איז „אונזער שטימע" דערשינען אויף א העקטאָגראַף, ניט אין א דרוק. קיין דרוק איז נאָך דאַן ניט געווען אין לאַגער.

די בריטישע מיליטערישע מאַכט האָט לכתחילה דערקלערט די אידישע צייטונג אַלס אומלעגאַל, אָבער שפּעטער איז דער פאַרבאָט אַנולירט געוואָרן

B I B L I O G R A P H I E

der jüdischen Ausgaben in der Britischen Zone Deutschlands

1945 - 1950

Herausgeber:
Kulturamt des Zentralkomitee der befreiten Juden in der Britischen Zone

Bergen - Belsen, Mai 1950

די בעלזענער ביבלאָגראַפיע.

און די צייטונג איז דערשינען אין אַ דרוק. די דאָזיקע צייטונג איז געווען דער שטאָלץ פון בעלזען און זי האָט געהאָלפן אויספילן דעם תהום צווישן די לאַגער־מענטשן און דער אויסערליכער וועלט.

בעלזען האָט אויך געהאַט אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, אַנדערע פעריאָדישע

אויסגאָבעס אין דייטש, העברייאיש און אידיש און אַפילו אַרויסגעגעבן בראָשורן וועגן טרומפּעלדאָר, הערצל און ביאַליק.

באַלד זיינען געשאַפן געוואָרן אייניקע פּאָליטישע פּאַרטייען און יעדע פון זיי האָט געהאַט איר אייגענע צייטונג.

די קהילה פון אַ צען טויזנט נפשות איז געוואָרן זייער אַקטיוו אויפן קולטורעלן געביט. בעלזען האָט געדרוקט ביכער, וואָס האָבן אפילו היינט אַ היסטאָרישע אָדער קולטורעלע באַדייטונג. צו דערמאָנען נאָר אייניקע: ק. צ. און געטאָ־לידער, רעדאַגירט דורך סאַמי פעדער צוזאַמען מיט פּאול טרעפּמאַן און דוד ראָזענטאַל; אונזער חורבן אין בילד; שטיל ווי אין רייוויטש פון דרייכלמאַן; פּאַרוואָלקנטע טעג פון מ. ב. גוטמאַן; צוריק פון גיהנום פון בערל פרידלער. דאָס לעצטע בוך איז אפילו געווען אילוסטרירט. אַ ריי ספרים זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן.

אין לאַגער האָבן זיך איינגעפונען גוטע רעדאַקטאָרן, געשולטע זשורנאַליסטן און טאַלענטירטע שרייבער און קינסטלער. בעלזען איז געוואָרן אַ קוואַל פון אידישקייט פאַר אידן אויף דער גאַרער וועלט. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די מענטשן אין לאַגער באַמיען זיך צו געווינען פאַרלאָרענע צייט... בעלזען האָט אירע צייטונגען, בראָשורן, ביכער, ש״ס׳ן און רבנישע ספרים פאַנאַנדערגעשיקט צו אידן אין אַלע עקן וועלט. בעלזען האָט צוריקגעצאָלט דעם חוב פון די ערשטע ביכער־פּאַקעטן באַלד נאָך דער באַפרייאונג...

בעלזען האָט אויך געהאַט אַ אידיש טעאַטער. טאַלענטירטע אַקטיאָרן האָבן אונטערן רעזשי פון סאַמי פעדער געשפּילט טעאַטער פאַר די לאַגער־מענטשן און זיינען אויך אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטראָלן קיין פראַנקרייך, בעלגיע און אַנדערע ערטער. די לאָקאַלע פּרעסע אין אייראָפּייאישע הויפּטשטעט, ווי בריסל און אַנדערע, האָט געשריבן וועגן הויכן קינסטלערישן ניוואָ פון דעם אידישן טעאַטער אין בעלזען.

די קולטור־טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן בכדי צו שטילן דעם דורשט נאָך וויסן, אָבער אויך בכדי צו באַקעמפן די איינזאַמקייט. די באַפרייטע אידן האָבן לכתחילה זיך געפילט איינזאַם און איזאָלירט. זיי האָבן כסדר געזוכט משפחה... קינדער פלעגן זאָגן איינער צום אַנדערן: „זיי מיין ברודער... זיי מיין שוועסטער"... זיי פלעגן אַזוי אַרומגיין האַנט־אין־האַנט און זיך טרייסטן... די האָפענונג צו געפינען אַ קרוב, אַ גואל, האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן. דער זוך־דעפּאַרטמענט פון אידישן וועלט קאָנגרעס איז געווען אין יענע יאָרן פאַרשנייט אונטער בקשות צו געפינען קרובים. ווער עמיצער אין בעלזען האָט באַקומען גוטע נייעס, האָבן אַלע זיך מיטגעפרייט.

אידישע מענער און פרויען, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע אייגענע, האָבן געוואָלט ווידער האָבן אַ משפחה, קינדער... עטליכע טויזנט חתונות זיינען פאָרגעקומען אין בעלזען און איבער צוויי טויזנט קינדער זיינען דאָרטן געבאָרן געוואָרן.

און פונקט ווי יעדער איד אין בעלזען האָט געוואָלט געהערן צו אַ משפחה אַזוי האָט די קהילה אין בעלזען געוואָלט געהערן צו כלל ישראל. דער קאַמף

פון ראַזענזאַפטן פאַר דער אַנערקענונג פון די אידן אין בעלזען אַלס אידן, אַלס אַ טייל פון אידישן פאָלק, געהערט צו די דראַמאַטישע קאַפּיטלאַך פון אונזער מאָדערנער געשיכטע. די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט די אידן אין לאַגער געהאַט פאַרטיילט אין פּאָליאַקן, אונגאַרן, רומענער און דייטשן... אָבער די אידן האָבן באַשלאָסן צו קעמפן מיט אַנדערע אידן פאַר זייערע אידישע רעכט און פאַר זייער אייגענעם לאַנד. זייער ערשטער שריט איז געווען אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער זיי האָבן דערקלערט זייער סאָלידאַריטעט מיטן ישוב און זייער צוגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. באַלד איז בעלזען געוואָרן אַפּיליאירט צום אידישן וועלט קאָנגרעס. אַלע טעטיקייטן אין בעלזן זיינען געווען באַוועגט דורך דעם געדאַנק פון איין אידיש פאָלק און איין געמיינזאַמען גורל פון אַלע אידן.

אין פעברואַר 1946 האָט באַזוכט בעלזען דער בריטיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט וועגן ארץ ישראל. אַ מיטגליד פון קאָמיטעט האָט געפרעגט יונגע בחורים אין לאַגער, וווהין זיי ווילן פאָרן פון בעלזען. זיי האָבן אַלע געענטפערט מיט איין טאָן — „ארץ ישראל!"

„דאָס איז ניט מעגליך," האָט געזאָגט דער קאָמיסיע־מיטגליד, „די טויערן פון ארץ ישראל זיינען געשלאָסן."

„אויב אַזוי וועלן מיר גיין צוריק קיין אוישוויץ," האָבן אים די בחורים געענטפערט...

היינט זיינען די טויערן פון בעלזען און אוישוויץ פאַרמאַכט אָבער די טויערן פון ישראל זיינען אָפן...

ווו זיינען די בעלזענער אידן היינט?

איר קענט זיי געפינען אויף דער העברייאישער אוניווערסיטעט, אין צבא ההגנה לישראל, צווישן די לערערס אין די קיבוצים, צווישן די דאָקטוירים אין תל אביב און צווישן די אַרבעטער אין נגב. אַנדערע זיינען אַרבעטער, לערער, רבנים און דאָקטוירים אין קאַנאַדע, די פאַראייניקטע שטאַטן, אויסטראַליע און אַנדערשוו.

„UNZER SZTYME“

A r o j s g e b e r :

Centraler Idiszer Komitet
Bergen - Belsen.

✶

— I —

ט־טלבלאַט פון ערשטן נומער פון דער בעלזענער אידישער צייטונג.

אונדזער שטימע

צווייוואָכן-שריפט

12 VII 1945.

אַרויסגעגעבן: יידישער קאָמיטעט אין בעלזען

רעדאַקציע-קאָלעגיום: אָלעווסקי רפאל, טרעפּמאַן פּנחס, ראָזענטאַל דוד.

יזכור.

... און געדענקען זאָלן מיר דעם
שרעקלעכן גלות היטלער, און היילקן און
ווירדיקן די מיליאָנען קדושים און גבו-
רים, וועלכע זיינען דורך דער בעסטיאַ-
ליש-נאַצישער גזלן און אכזריות אומ-
געבראַכט געוואָרן
נאָר דער טויט וועט פון אונדזערע הער-
צער אַרויסרייסן דעם אָנדענקען וועגן
זיי און שטילן אונדזער ווייטיק!

ערשטע זייט פון ערשטן נומער פון דער בעלזענער אידישער צייטונג, געשריבן מיט דער האַנט דורך דוד ראָזענטאַל: עס איז נאָך ניט געווען קיין מאַשין־זאַץ, אַפילו ניט קיין שרייבמאַשין.

דוד ראָזענטאַל

פאַרוואָס א יידישע צייטונג?

נישט זיין ליטעראַרישע אָדער זשורנאַליסטישע אַספּיראַציעס האָבן אונדז באַוויזן אַרויסצוגעבן אונדזער צייטשריפט. בייענדיק צען־יאָריק אָפּגעריסן פון דעם ניוואָ פון דער ציוויליזאַציע און דער ליטעראַטור און פרעסע, קונסט און מוזיק, האָבן מיר געלעבט אין די מויערן באַשאַטירטע שטעטל פון גערמאַנישן טעראָר, ראַסן רייניקייט און ברוטאַל אויס אַלע שפּאַלטן פון מענטשלעכן גייסט מיט פייער און שווערד, האָט די מאַכט פון דער ... אַרויס פון „האַקן־קרייץ” צעבראָכן אין טויזנט ... איבער די לענדער פון אייראָפּע. מיליאָנען צעשטערטע, איינציקע מענטשלעכע לעבנס פאַרשניטן, אומגעבראַכט אין שטיקער פאַרוואַנדלט – אָט דאָס איז דער טעריטאָריע פון דער קולטור־פאַרלאַסט פון דער נאַציסטישער דעמאָקראַטיע. יעצט ווען זיגנדיק דער נשמה פון די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע פעלקער דער ביגראַבער פון אַלע פרייהייטס־ליבנדיקע מענטשן, ליגט פאַרשטענדיק באַזיגט דאָס דריטע רייך, און איבער די חורבות פון די צעשטערטע שטעט און שטעטלעך פלאַטערן די

פאָנען פון די באַפרייטע פעלקער, זאָלן מיר אויך הייבן די שטים פון אונדזער פאָלק, זאָל אויך קלינגען די שפּראַך פון יענע מיליאָנען, וועלכע די היטלעריסטישע ציוויליזאַציע האָט אין דער אייביקייט געשלאָגן. זאָל דערהערט ווערן דאָס יידישע וואָרט אין לאַנד פון אונדזער בלוטיקסטן פיינט, זאָל אונדזער שטימע דורכציען דורך פעלד און וואַלד, דורך דאָרף און שטאָט, און דערגרייכן דאָס פאַרוואָרפנסטע ווינקל אויף דער אייביק פאַרשאָלטענער דײַטשער ערד, און געבן תשובה אויף דעם שרעקלעכן „פאַרוואָס” פאַרוואָס האָט איר אונדז אין יסורים פאַרוואַנדלט, אונדזערע לעבנס צעשטערט, אונדזערע היימען פאַרניכטעט! זאָל אונדזער שפּראַך, ש. אַנ־סקין, ברענען פייערדיקע קלאַפּס, אַלעמען בײַ די רו, און ווי אַ נקמה פייניקן ביז דער פאָלשטענדיקער פאַרניכטונג פון די, וועלכע האָבן אין צאַנצטן ...־הונדערט די הערשאַפט איבער פעלקער דעם טויט איבערגעגעבן

דוד ראָזענטאַל׳ס אַרטיקל אין ערשטן נומער פון „אונזער שטימע״, 12־טן יולי 1945.

דוב לאופער:

די אויפגאבן פון דער יוגנט אין דער איצטיקער צייט.

אין דער צייט פון 6 יאר נאציזם, האט דאס גאנצע יידישע פאלק און בפרט די יוגנט געהאט פיל צו־ליידן אויפן נאציאנאלן און קולטורעלן געביט. דער [illegible] געווען, וואס מען האט די יוגנט, וועלכע האט געלעבט אין די געטאס אפגעשניטן פון דער גאנצער אויסערלעכער וועלט, ניט געגעבן די [illegible] און קולטורעלע אנטוויקלונג ביז א מענטשלעכן [illegible] זיך. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער יוגנט האט זיך געפירט אין אשך פון די ערשטע מלחמה יארן, ביז צום [illegible] אין [illegible], אין די [illegible] און [illegible], און [illegible] דאס [illegible] פון דער יוגנט איז [illegible] צו קומען אויף [illegible]. נאר א גאנץ קליינער טייל פון דער [illegible] יוגנט, צווישן וועלכע [illegible] זיך [illegible] פון „[illegible]“, „השומר הצעיר“, „עקיבא“, „דרור“ און אנדערע, האבן [illegible] צו [illegible] א נאציאנאלע [illegible] און [illegible] צווישן דער יוגנט אויך א [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] אויך די [illegible] [illegible], און [illegible] די [illegible] „[illegible]“ (אלס [illegible]), א נאציאנאלע [illegible], און [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אויפן [illegible] יידישער [illegible].

און אשך פון דער צייט האט מען [illegible] [illegible] [illegible] קליינע גרופן, וועלכע האבן זיך [illegible] מיט [illegible] צו דער יידישער [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פון דעם נאציזם און זיינע [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] פון דער נאציאנאלער [illegible] יוגנט [illegible] זיך אין [illegible] מיט דעם [illegible] און [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פון דער [illegible] [illegible], אז דער [illegible] פון דער [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] פון דער [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible] [illegible]: [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

[illegible] מיט דער [illegible] פון דער יידישער יוגנט איז אויך [illegible] געווארן דער [illegible] פון זייער נאציאנאלער און [illegible] [illegible] [illegible] איז געווען א [illegible] [illegible] פון די [illegible] [illegible], און [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פון דער יידישער יוגנט האט אויך [illegible] [illegible] [illegible]. און אין דעם [illegible] פאר נאציאנאלע און קולטורעלע אויפלעבונג אין די מלחמה יארן, האט די יידישע יוגנט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] צו [illegible] די [illegible] פון דעם [illegible] [illegible] [illegible] א [illegible] [illegible]. און היינט, ווען פיל פון די [illegible] [illegible] זיך [illegible] ניט צווישן אונדז, און [illegible] צו [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פאר אונדז און ווען דער [illegible] [illegible] פאר דעם [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], פון א [illegible] נאציאנאלער און [illegible] [illegible].

דוב לאופער׳ס ארטיקל אין ערשטן נומער פון „אונזער שטימע“, 12־טן יולי 1945.

די אָפיציעלע צייטונג פון די באפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע.

JÜDISCHE Hefte

Ausgewählte Aufsätze

NISSAN 5708 **APRIL 1948**

2

Herausgegeben vom

KULTUR=AMT des ZENTRAL=KOMITEES

der befreiten Juden in der Britischen Zone Deutschlands

BERGEN-BELSEN

חודש־אויסגאַבע אין דייטש פאַר די אידישע געמיינדעס אין דער בריטישער זאָנע —
אַרויסגעגעבן אין בעלזען דורכן אידישן צענטראַל־קאָמיטעט.

CENTRAL COMMITTEE OF LIBERATED JEWS IN THE BRITISH ZONE

GERMANY

1945—1947

ZENTRAL-KOMITEE DER BEFREITEN JUDEN IN DER BRITISCHEN ZONE

1945—1947

באַריכט צום צווייטן „די.פּי.״־קאָנגרעס אין באַד האַרצבורג.

Zum
9. November 1948

Rede an die Jüdische Gemeinde Hamburg auf der Gedenkstunde zum zehnten Jahrestag des Beginns der Pogrome in Deutschland

Herausgegeben vom

ZENTRAL-KOMITEE DER BEFREITEN JUDEN

in der Britischen Zone Deutschlands, Bergen-Belsen

KULTURAMT

אַ בראָשור פון נאָרבערט וואָלהיים וועגן דער „קריסטאָל נאַכט“ אין דייטשלאַנד,
געדרוקט אין בעלזען.

צמח צמריון (האַלפּערן)

א שליח אין בעלזען

איך בין געווען אין בעלזען ניין חדשים בסך הכל. כ׳בין געקומען אַהין, אַלס אַ שליח פון דער אידישער בריגאַדע, אָנהויב יולי 1946 און איך בין אַוועקגע־פאָרן פון דאָרטן אָנהויב אַפּריל 1947. אין יענער צייט האָב איך געאַרבעט פאַר

די אידישע בריגאַדע אין בעלזען, פאָטאָגראַפירט מיט מיטגלידער פון אידישן צענטראַל קאָמיטעט.

דער וועלט־עקזעקוטיווע פון די פּאַראייניקטע ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן. בעלזען איז געווען מיין ערשטע און לעצטע דערפאַרונג פון אַ לאַגער. איך בין געוואָרן צוגעבונדן צו בעלזען און דערמאָן זיך אָן די בעלזען־טעג מיט ליבע און דאַנק־באַרקייט.

איך דאַרף מסתמא ניט צוגעבן אַז איך בין געווען צוגעבונדן ניט צום לעבנס־שטייגער, וואָס די בעלזענער האָבן אפילו נאָך דער באַפרייאונג געפירט בלית ברירה, נייערט צו די מענטשן גופא און צו דער אידישער אַטמאָספערע אין לאַגער. אין אַ געוויסן זין איז בעלזען געווען אַ מין „אידישע מדינה" אין מיניאַטור. בעלזען האָט עקזיסטירט אייניקע יאָר פאַר דער יידישער מדינה. דער לאַגער איז געווען אַ מין פּראָבע פאַר אַ געזעלשאַפט פון נאָר אידן. עס איז געווען אין בעלזען אַ מין „אידישע רעגירונג", מיט אַ „ראש הממשלה" און „מיניסטאָרן", וועלכע האָבן געטראָגן אחריות פאַר דעפּאַרטאַמענטן. בעלזען האָט אַפילו געהאַט אירע „דיפּלאָמאַטן", וועלכע זיינען געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר אויסערליכע קאָנטאַקטן, און אַ „מלוכה־אַפּאַראַט".

אין בעלזען האָבן מיר געזען דעם אַלטן אידישן מנהג צו העלפן די שוואַכע און אָרימע אין דער קהילה. במשך פון דער צייט איז בעלזען געוואָרן אַ „פּאַרמעגליכער" לאַגער פון „די.פּי.׳ס", אָבער ווען איך בין דאָרטן אָנגעקומען איז אַפילו ניט געווען געבוג שוואַרץ ברויט פאַר אַלעמען, בעת אַנדערע לאַגערן האָבן שוין געקענט זיך לייסטן צו פּאַרטיילן וויסן ברויט.

עס האָט געהערשט אַ ברודערליכע אַטמאָספערע אין בעלזען. יעדער איי־נער האָט געקענט צוקומען צום פּאַרזיצער פון קאָמיטעט. מען האָט זיך געקענט אַריינכאַפּן אים זען צו יעדער צייט — בייטאָג און ביינאַכט, אין זיין ביוראָ און אין זיין פּריוואַטן צימער. ראַזענזאַפט האָט ניט געוואָלט באַשטימען קיין אַרבעט־שעה׳ן פאַר זיך. ער האָט גע׳טענה׳ט אַז דאָס וואָלט געשמעקט מיט ביוראָ־קראַטיע. און ער האָט קיינמאָל ניט געפּרווט יוצא זיין מיטן זען מענטשן; ער האָט כסדר געפּרווט העלפן, אָדער לכל הפּחות טרייסטן און באַרואיקן ווו מען האָט ניט געקענט העלפן. ער האָט זיך אונטערנומען אַז יעדער איד אין בעלזען זאָל האָבן אַ שפּייז־קאַרטע און איר האָט ניט געקענט געפינען אין גאַנצן לאַגער אַ הונגעריקן אידן. וואָס איז געווען צו פּאַרטיילן, איז געוואָרן פּאַרטיילט פאַר אַלעמען גלייך, אַפילו אין די ערשטע הונגעריקע וואָכן.

דאָס איז ניט קיין אַרטיקל צו זאָגן ראַזענזאַפטן שבחים, אָבער צוליבן היס־טאָרישן אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געהאָלפן די מעפּילים און אַנ־דערע עולים מער איידער יעדער אַנדער פּערזאָן פון דער בעלזענער תקופה. ער האָט אויך ספּעציעל געזאָרגט פאַר די קראַנקע. און צום סוף זאָל דאָ דערמאָנט ווערן — ווידעראַמאָל פאַר דער היסטאָרישער פּינקטליכקייט — אַז ראַזענזאַפט האָט זייער פיל געטאָן צו העלפן די חברים פון אצ״ל, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין דער בריטישער זאָנע, כאָטש ער איז געווען ווייט פון רעוויזיאָניזם.

די טעטיקייט פון אידישן קאָמיטעט אין בעלזן האָט געטראָגן אויף זיך אַ שטעמפּל פון אידישן שטאָלץ — הדר! אין די קאָנטאַקטן מיט די בריטישע אויטאָריטעטן און מיט די אַנדערע מוסדות האָט דער אידישער קאָמיטעט אַרויסגע־

וויזן מוט, עקשנות און געשולטקייט — און בדרך כלל דערגרייכט זיין ציל. כאָטש די אידן פון בעלזען האָבן נאָך אַלץ געלעבט אין לאַגער זיינען זיי געווען פרייע מענטשן און זיך געפירט ווי פריי מענטשן, באַוווסטזיניק און אונטער־באַוווסטזיניק.

בעלזען איז ניט געווען גלאַט אַ אידישער קיבוץ — דער לאַגער איז געווען אַ ציוניסטישער צענטער: מאַסן־מיטינגען, פּאַרטיי־טעטיקייט, העברייאיש, חלוציות, אַ העברייאישער שול־וועזן — איך האָב מיר געפילט אין בעלזען ווי איך וואָלט געווען צוריק אין מיין ליטווישן שטעטל . . .

אין 1947 זיינען געווען אין דייטשלאַנד הונדערט־פערציק טויזנט אידן, פון זיי הונדערט־צען טויזנט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. דאָרטן איז געווען דער צענטער פון אַ אידישן פאַרלאַג־וועזן מיט זיבעציק צייטשריפטן. דאָרטן זיינען געווען די פּיאָנערן פון דער באַנייטער אידישער פרעסע און ליטעראַטור, לוי שאַליטאַן, דער זשורנאַליסט, און ישראל קאַפּלאַן, דער קאָוונער אידישער היס־טאָריקער. אָבער בעלזען מיט אירע צוואַנציק טויזנט אידן האָט געהאַט איר אייגענע פּרעסע, אַ גוטע פּרעסע, און זי איז אויפגעהאַלטן אַן מודעות. אַנשטאָט מודעות האָט די אידישע פרעסע אין בעלזען געדרוקט לאַנגע שפּאַלטן מיטן טראַגישן נוסח: „מיר זוכן אונזערע קרובים" . . .

מען האָט אַפילו געזאַמלט פאַר די קרנות אין בעלזען . . .

די מערב־אייראָפּייאישע אידן אין די לאַגערן האָבן זיך אויך אַריינגעטאָן אין אידישער עסקנות און זיי האָבן געאַרבעט האַרמאָניש מיט די מזרח־אייראָ־פּייאישע אידן.

איך האָב דערמאָנט פּאַרטיי־לעבן. די פּאַרטייען זיינען געווען, אָבער עס איז ניט געווען קיין ביטערער פּאַרטיי־געראַנגל. די בעלזענער אידן האָבן גע־האַט אַ קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט פאַר ציוניסטישער טעטיקייט און דאָס איז געווען איינע פון זייערע דערגרייכונגען.

דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט דערגרייכט אַן אויפריכטיקע פשרה און קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן, אַז קודם כל זיינען מיטגלידער פון ציוניסטישע פּאַרטייען — ציונים.

אַלע פּאַרטייען האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט ערב די ערשטע קאָנגרעס־וואַלן אין בעלזען; אַלע האָבן געוואָלט זיגן ביי די וואַלן; אָבער דורך אַן אַנ־שטענדיקער וואַל־קאַמפּאַניע.

אין מערץ 1947 איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אַ דעקלאַראַציע אין בעלזען, וועלכע דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט געשריבן. די דעקלאַראַציע איז פאַרעפנטליכט געוואָרן בעת מיר האָבן זיך געגרייט צו באַקומען די ערשטע עליה־סערטיפיקאַטן. אַלע פּאַרטייען האָבן זי אונטערגעשריבן — פון אגודה ביז השומר הצעיר.

אין וואַל־קאָמיטעט זיינען געווען פאַרטראַטן די פאַרשטייער פון מפא״י, די אַלגעמיינע ציוניסטן, די רעוויזיאָניסטן, השומר הצעיר און מזרחי. אין טאָג פון די וואַלן האָט מען געקענט זען מיטגלידער פון בית״ר זיצן צוזאַמען אין שטים־צענטערס מיט מיטגלידער פון השומר הצעיר.

1 בלאק הסתדרות ציונית אחידה 1

דערמיט פערעפענטליכן מיר אונדזער רעלעגאטן ליסטע צום 22־טן ציוניסטישן קאנגרעס:

1. דוד בן־גוריון — א"י
2. הרב יהודה לייב פישמן — א"י
3. ד"ר משה קליינבוים—סנה — א"י
4. בינון יהושע — בערגן־בעלזן
5. ארליך מנחם — בערגן־בעלזן
6. פערענס חיים — בערגן־בעלזן
7. גאלדשמידט קארל — קעלן אם רהיין
8. גאלדמאן משה — בערגן־בעלזן
9. מארקאוויטש מאיר — בערגן־בעלזן
10. ראזענטאל דוד — בערגן־בעלזן
11. ראטנבערג נח — בערגן־בעלזן
12. ראזינער יחזקאל — דיסלדארף
13. ראזענזאפט יוסף — בערגן־בעלזן
14. שמולעוויטש שמואל — בערגן־בעלזן
15. זאקס — בערגן־בעלזן
16. וואלהיים גארבערט — ליבעק

די וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס: די ליסטע פון דער פאראייניקטער ציוניסטישער ארגאני־זאציע (עס זיינען אויך געווען ליסטעס פון די לינקע פועלי ציון, השומר הצעיר און די רעוויזיאניסטן).

דער בעלזענער קאָארדינאַציע־קאָמיטעט האָט שפּעטער אַ סך געהאָלפן צו קאָאָרדינירן ציוניסטישע טעטיקייט אין גאַנץ דייטשלאַנד.
דאָס אידישע בעלזען איז אויפגעשטאַנען נאָך דער באַפרייאונג אַלס אַ היס־טאָרישע נויטווענדיקייט. זי האָט זיך אויפגעלייזט שטילערהייט, ווען די צייט איז געקומען, ווידער אַלס אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט.
איך וועל שטענדיק זיך דערמאָנען אָן מיינע בעלזענער טעג ווי אָן איינעם פון די בעסטע תקופות אין מיין לעבן. מיר האָבן דאָן אַלע צוזאַמען געטאָן עפּעס גוטעס און וויכטיקעס . . . מיר האָבן געזען פּיין און ליידן אין בעלזען, אָבער מיר האָבן דאָרטן אויך געזען אידישע רחמנות און דעם אידישן טאַלאַנט פאַר רעהאַביליטאַציע. און מיר האָבן דאָרטן געזען אידישע אחדות!
בעלזען נאָך דער באַפרייאונג איז געוואָרן אַ ביישפּיל און אַ מוסטער פאַר אידן אומעטום.

זעלנער פון דער אידישער בריגאַדע לייגן אַ קראַנץ אויף די בעלזענער מאַסן־קברים.

אפרים לאַנדנער

דאָס רעליגיעזע לעבן אין בעלזען

עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט ביז די ניצול־געוואָרענע אידן זיינען דער־גאַנגען צו מאַכן אַ חשבון הנפש. דער ערשטער אימפּולס איז געווען, נאַטירליך, זיך אַרויסצורייסן פון די קלאַמערן פון טויט, ווערן געזונט, עסן צו זאַט, אָנ־קוקן די וועלט ווידעראַמאָל.

לאַנגזאַם איז געקומען די גייסטיקע אויפוואַכונג. מיט דער ערשטער תפילה בציבור, מיט די ערשטע שבת־ליכט האָט די אידישע נשמה אָנגעהויבן זיך אויפ־וועקן . . . און דאַן האָבן אויפגעטויכט די אַלטע שאלות, איוב׳ס שאלות צום רבונו־של־עולם: פאַרוואָס? וואָס האָבן מיר געטאָן אַז מיר זאָלן האָבן אויף זיך געבראַכט אַזאַ שטראָף? רשע וטוב לו, צדיק ורע לו? . . .

בעצם האָבן זייטיקע מענטשן אויך געפרעגט די דאָזיקע פראַגע. ווען דע־וואַלעראַ, דער גרויסער אירלענדישער פירער, האָט אויפגענומען איינעם פון די בעלזענער רבנים, האָט ער אים געפרעגט: „זאָגט מיר, רבי, פאַרוואָס האָט גאָט אַזוי באַשטראָפט דעם אידישן פאָלק?״ . . .

די דאָזיקע פראַגע האָבן מיר דיסקוטירט אין בעלזען ניט איין מאָל. דענקנ־דיקע אידן האָבן זיך געוואָלט דערגרונטעווען צום אמת און פאַרשטיין וואָס איז געשען. אָבער די אַלע ויכוחים און חקירות האָבן געפירט צו דער אַלטער מסקנה: „דרכי השם בהנהגת העולם הם נעלם עד אין ערוך מהשגת אדם בן תמותה״ (די וועגן פון רבונו־של־עולם אין דער פירונג פון דער וועלט זיי־נען איבער דעם פאַרשטאַנד פון שטערבליכע מענטשן).

רעליגיע איז געוואָרן אַ פאַקטאָר אין בעלזען סיי צווישן חרדים און סיי צווישן סתם אידן.

Central Jewish Committee
Bergen Belsen
Rabinatte
Mil. Gov Det. 618

I hereby certify that ....

....

will get married on ....

Signed

on 1946

אַ חתונה־שיין פון איד. צענטראַל קאָמיטעט אין בעלזען.

ימים נוראים האָט מען אַ אידן אויף דער גאַס ניט געזען. די בתי מדרשים און בתי תפילה זיינען געווען געפּאַקט. אויך באַזוכער פלעגן באַמערקן, אַז אין קיין אידישן קיבוץ דאַוונט מען ניט אַזוי ווי אין בעלזען.

חתונות זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן כדין וכדת און יעדע חופה, מיטן אל מלא רחמים, איז געווען אַן איבערלעבעניש סיי פאַר די אַנטיילנעמער און סיי פאַר די צוקוקער.

די רבנים אין בעלזען האָבן באַלד פאַרנומען דעם זעלבן בכבוד'יקן אָרט, וואָס רבנים פלעגן פאַרנעמען אין אידישע קהילות אין דער אַלטער היים. דער

די בעלזענער רבנים פאָטאָגראַפירט אויפן פרייהייט־פּלאַץ אין בעלזען.

דאַמאָלסטיקער הויפּט־ראַבינער פון דער בריטישער זאָנע, דר. צבי עזריה (העלפגאָט), האָט געאַרבעט אין פולער האַרמאָניע מיט הרב חיים מייזעל, הרב ישראל משה אלעווסקי, הרב זעלמאַנאָוויטש, הרב האַלפּערן און אַנדערע. אַלע רבנים האָבן געהערט צום ועד הרבנים.

איינע פון די שווערסטע רעליגיעזע פּראָבלעמען איז געווען דאָס פּראָבלעם פון עגונות. אַ צווייטע פּראָבלעם איז געווען דאָס אויפשטעלן פון רעליגיעזן לעבן פון די דייטשע אידן. די ביסל ניצול־געוואָרענע זיינען געקומען צוריק צו חרוב'ע סינאַגאָגעס און זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעליגיעזע מנהיגים.

אַזוינע באַרימטע אידישע קהילות ווי האַמבורג, ליבעק, ברעמען, דיסל־דאָרף זיינען געבליבן פאַר'יתומ'ט, און די גרעסטעטעטע אידן זיינען געווען כצאן בלי רועה. הערנדיק וועגן בעלזען זיינען זיי געקומען אַהין נאָך רעליגיע־זע אינספּיראַציע און פּראַקטישע הילף.

די רבנים אין בעלזען האָבן זיך פאַרנומען מיט די פּראָבלעמען פון אידישע קהילות אין דער גאַנצע בריטישער זאָנע. אַזוי, למשל, איז אין איין קהילה אַנט־שטאַנען אַ גרופּע פון „אידן פון קריסטליכן גלויבן". דאַן זיינען געווען די אַזוי־גערופענע „האַלבע־אידן", „פערטל אידן" — אַ ירושה פון די נירנבערגער גע־זעצן. אין 1947 האָט דער ועד הרבנים, אויף אַ זיצונג אין באַד האַרצבורג, באַ־האַנדלט די דאָזיקע פּראָבלעמען און אַרויסגעגעבן אַ פּסק ווער עס איז אַ איד און ווער עס איז ניט קיין איד. דער ועד הרבנים האָט אויך גע'פּסק'נט ווער עס איז ראוי צו זיין אַ מנהיג אין אַ אידישער קהילה. אויף דעם דאָזיקן פּסק פון באַד האַרצבורג זיינען געלייגט געוואָרן די יסודות פון די היינטיקע אידישע קהילות אין דייטשלאַנד.

די ישיבה אין בעלזען איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קורצע צייט נאָך דער באַפרייאונג. עס האָבן נאָך דאַן געפעלט ספרים און מאַטעריעלע מיטלען, אָבער טראָץ דעם האָט מען געלערנט תורה אין דער ישיבה לויטן מוסטער פון די ישיבות אין דער אַלטער היים. שפּעטער איז די דאָזיקע ישיבה — „שארית ישראל" — געוואָרן באַקאַנט אויך מחוץ פון בעלזען. ביי דער ישיבה איז אַנט־שטאַנען אַ בית המדרש, וווּ פרומע אידן האָבן געקענט קומען דאַוונען בציבור. מיר האָבן געהאַט לכתחילה נאָר איין ספר תורה, וואָס איז על פּי נס ניצול גע־וואָרן פון נאַצישן גיהינום.

אַ ביסל שפּעטער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן רעליגיעזע קורסן פאַר מייד־לאַך. געוועזענע לערערינס אין בית־יעקב שולן האָבן זיך באַמיט איינצופלאַנצן אידישקייט אין די הערצער פון יונגע אידישע מיידלאַך און האָבן דערמיט אויך דערהויבן דעם רעליגיעזן ניוואָ פון בעלזענער אידישן קיבוץ. די טרעגער פון דער דאָזיקער רעליגיעזער אויפוואַכונג זיינען געווען אַמאָליקע פּוילישע און אונגאַרישע רבנים, רעליגיעזע שריפטשטעלער, פרומע לערער און לערערינס, ישיבה־בחורים און סתם אידן יראי־שמים. מיט דער צייט האָבן מיר באַקומען תשמישי קדושה פון אידישע מוסדות אין דער פרייער וועלט.

די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אין בעלזען זיינען געווען די יורשים פון די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אין די חרוב'ע קיבוצים פון מזרח אייראָפּע —

„אגודת ישראל", „פועלי אגודת ישראל", „צעירי אגודת ישראל", „מזרחי", „תורה ועבודה", בני עקיבא". מיר האָבן אויך געהאַט רעליגיעזע שליחים פון ארץ ישראל. עס איז אין לאַגער געווען, חוץ דער ישיבה און די קורסן, אַ תלמוד תורה, אַ בית־יעקב שול און אַפילו אַ סעמינאַר פאַר בית־יעקב לערערינס. גע־ווען אויך רעליגיעזע הכשרה־קיבוצים און רעליגיעזע אינסטיטוציעס און אויך, פאַרשטייט זיך, אַ מקווה.

טיפע רעליגיעזע איבערלעבענישן זיינען געווען אַן אָפטע דערשיינונג אַפילו צווישן יונגע קינדער. איך וויל ענדיקן מיט דער רירנדיקער געשיכטע פון אַ קליינעם אידישן אינגל מיטן נאָמען יוסף. ווען מען האָט אים געפרעגט, ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן פון די נאַציס, האָט ער געענטפערט:

„איך האָב געטראַכט אַז אויב איך וועל שטאַרבן וועט מען מיך ברייגגען צו קבורה אויף אַ קריסטליכן בית עלמין, האָב איך באַשלאָסן אויסצוהאַלטן מיט די לעצטע כוחות איך זאָל חלילה ניט ווערן אָפּגעריסן פון כלל ישראל" . . .

רפאל אלעווסקי

דער ארגון שארית הפליטה אין ישראל

דער ארגון שארית הפליטה איז געגרינדעט געוואָרן אין ישראל אין 1950. די גרינדער זיינען געווען אַ גרופּע סקנים מיט דר. צבי עזריה (העלפגאָט) בראש. עס איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז דער ארגון שארית הפליטה איז אַ נויטווענדי־קייט. אונזער צימער אין דער געביידע פון אידישן וועלט קאָנגרעס אין תל אביב איז געוואָרן דער טרעף פּונקט פון דער שארית הפליטה אין בעלזען און אין דער בריטישער זאָנע בכלל.

די רעגיסטראַציע האָט אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנט אָן די ליסטעס פון די ניצול־געוואָרענע אין בעלזען נאָך דער באַפרייאונג, אָבער אין אַנדערע באַ־דינגונגען . . . פּרייוויליקע חברים פון ארגון שארית הפליטה זיינען געזעסן אין ביוראָ דעם גאַנצן טאָג צו רעגיסטרירן מענטשן און אויסצוהערן זייערע פּראָבלעמען. לכתחילה איז דער ארגון געווען אַ מין באַראַטונג־ביוראָ, אָבער באַלד האָבן מיר אויסגעברייטערט אונזער טעטיקייט. אונזער ציל איז צו העלפן די מענטשן פון דער שארית הפליטה אין זייער געראַנגל פאַר אַ בעסערן קיום און אויך צו האַלטן פריש אונזערע געמיינזאַמע זכרונות.

לויט אַ רעזאָלוציע פון ארגון שארית הפליטה איז דער טאָג פון באַפרייאונג פון בעלזען, דער 15־טער אַפּריל, געוואָרן אַ יאָרצייט טאָג פאַר אונז אַלעמען. אין דעם טאָג פאַרזאַמלען זיך די חברים פון ארגון אין גאַנצן לאַנד און אָפטמאָל קומען אַריבער אויך חברים פון חוץ לארץ. די אָפּוועזנדיקע געדיינקען אויך דעם דאָזיקן יאָרצייט.

דער צענטער יאָרצייט איז ספּעציעל פייערלעך דערמאָנט געוואָרן. צוזאַ־מען מיט אונז האָבן דערמאָנט דעם טאָג פירנדיקע פּערזאָנען אין ישוב און פאַר־

דער צענטער יאָרצייט פון דער באַפרייאונג פון בעלזען. אַ דעלעגאַציע פון געוועזענע בעלזענער פאַר דעם הויז פון פרעזידענט פון מדינת ישראל ביים אָפּשטאָטן אים אַ באַזוך. לינקס צו רעכטס: ח. פאשלושני, דר. צבי עזריה (העלפגאָט), ר. אלעווסקי, בריגאַדיר גלין יוז (וועלכער האָט באַזוכט ישראל צום יאָרטאָג), יוסף ראָזענזאַפט, דר. ט. הירש, מאַדאַם גלין יוז און קאָרל כ״ץ.



די דעלעגאַציע ביים פרעזידענט. פרעזידענט בן־צבי זיצט צווישן בריגאַדיר גלין יוז און מאַדאַם גלין יוז.

דר. צבי עזריה (העלפגאָט) גיט איבער פרעזידענט בן־צבי אַן אָנדיינק פון באַזוך — „אונזער חורבן אין בילד״, אַ בעלזענער אויסגאַבע (זע זייט 192).

טרעטער פון מוסדות, וועלכע זיינען געקומען צו דער פייערלעכער אָנדיינק־פאַרזאַמלונג. דעם זעלבן טאָג איז אויך געפלאַנצט געוואָרן דער יער בעלזען פון צוונציק טויזנט בוימער, אַלס אַ מאָנומענט פאַר די קומענדיקע דורות. דער פרעזידענט פון מדינת ישראל האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון ארגון שארית הפליטה אין צענטן יאָרטאָג.

ווען מיר האָבן געמאַכט דעם סך הכל צום צענטן יאָרצייט האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז מאַנכע חברים פון ארגון שארית הפליטה זיינען אין אַ געדריקטער מאַטעריעלער לאַגע און אַ קענטיקע צאָל זיינען קראַנק. דאָס האָט גורם געווען דעם באַשלוס צו שאַפן אַ גמילות חסד קאַסע ביים ארגון. צום עלפטן יאָר־צייט איז די קאַסע געעפנט געוואָרן. איר פאָרזיצער איז דר. הדסה בימקאַ־ראָזענזאַפט.

אָבער נאָך וויכטיקער פון די מאַטעריעלע אויפגאַבעס פון ארגון שארית הפליטה איז דער שטאַרקער בונד צווישן די חברים, וואָס איז באַזירט אויף געמיינזאַמע ליידן פאַר דער באַפרייאונג און געמיינזאַמע זכרונות אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפרייאונג. אין דעם זין זיינען מיר איין משפחה.

דאָס טיטלבלאַט פון „אונדזער חורבן אין בילד״ — אַ מערקווירדיקע בעלזענער אויסגאַבע.

מלך ראוויטש

בעלזען אויף די בערג פון יהודה

זעקס טויזנט מאָל טויזנט מענטשן אומצובריענגען און דערצו זייער לעצטע ביסל אַרבעט־כוח פריער אויסצופּרעסן און דערצו זייער לעצטע ביסל מטלטלין אויסצוסאָרטירן דורך ריכטיקער „ווערט־ערפאַסונג" — איז, חוץ אַלעמען, אַן ענין, וואָס פאָדערט פּאַסיקע ווארשטאטן דערצו. האָבן די נאַציס טאַקע זינט יאָרן אָט די וואַרשטאַטן צוגעגרייט און אָרגאַניזירט. טויט־ווארשטאטן אַזעלכע זיינען געווען אין די הונדערטער. הויפּט־טויט־ווארשטאטן אין די צענדליקער. צווישן זיי: טרעבלינקע, אוישוויץ, מאַידאַנעק, בוכענוואַלד, בעלזשעץ, בירקענאו, שטוטהאָף, פּאָנארי, קייזערוואַלד, בערגען־בעלזען און נעמען נאָך און נאָך. דאָך שלאָגן זיך אַרויס אויף דער אויבערשטער אויבערפלאַך פון אָט די — אויף אייביק גרויזאַם געוואָרענע שטאָט־נעמען — מיט אַ באַזונדערן דומפּיקן קלאַנג, ווי דאָס פאַלן פון אַ לעבעדיקן שאַרבן אויף שטיין . . . צוויי ווערטער : אוישוויץ, בעלזען.

בעלזען איז דעם 15־טן אַפּריל 1945 באַפרייט געוואָרן דורך דער ענגלישער אַרמיי. אָבער צו אַלע נאָך אַטעמענדיקע מענטשליכע באַשעפענישן, וואָס זיינען דאַמאָלסט אין בעלזען געווען, איז אפילו די ידיעה פון דער באַפרייאונג שוין ניט מער דערגאַנגען. צענדליקער טויזנטער זיינען שוין דאָרט געווען אין גסיסה און האָבן שוין מער ניט באַלאַנגט צו דער וועלט. קיין שום געניאַלע מעדיצינישע באַהאַנדלונג האָט זיי שוין ניט געקענט ראַטעווען. חוץ די פערציק טויזנט „ביים לעבן" געבליבענע, זיינען געווען אָנדערטהאַלבן צענדליק טויזנט ביים טויט געבליבענע, אָבער נאָך ניט דער ערד, אָדער דעם פייער איבערגעגעבענע מתים. אַזוי האָט אין בעלזען אויסגעזען דער „טאָג פון באַפרייאונג".

עטליכע חדשים האָט עס גענומען און פון די באַפרייטע זיינען גאַנצע דרייסיק טויזנט אויסגעשטאָרבן, ווייל זיי זיינען שוין ניט מער געווען צו ראַטעווען.

אָבער ניט אַלע זיינען אויסגעשטאָרבן, און די וואָס זיינען ניט אויסגעשטאָרבן אין בעלזען, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און צוגעכאַפּט צו אַ לעבנס־ענערגיע, וואָס קען זיך נאָר גלייכן צו דער ענערגיע פון איינעם, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרוב — און ער זעט אויבן דאָס ליכט און דעם טאָג און דאָס לעבן און אין זיך דעם ווילן צו טאָג און ליכט און צו זיין. אָבער ער מוז פון זיך אַליין אַרויס באַשאַפן די לייטער, וואָס וועט אים פון אָט דער גרוב אַרויספירן. און דאָס ליכט, וואָס אידן אין בעלזען האָבן אויבן פון טיפן אָפּגרונט אַרויסגעזען, איז געווען דאָס ליכט פון אַ קאָלעקטיוו אידיש נאַציאָנאַל ווידער־לעבן — נאָך די יאָרן און די ליידן פון קאָלעקטיווער נאַציאָנאַלער אויסראָטונג דורך די נאַציס און זייערע אַרויסהעלפערס.

דאָס איז געווען דער געוואַלטיקער חלום. אַזוי געוואַלטיק און אַזוי גליענדיק און אַזוי פאַרביק ווי דאָס שפּיל פון ליכט און פון קלאַנג בשעת מתן תורה אויף דעם הר סיני, אָדער ווי דאָס ליכט פון דעם נביא׳ס מעשה מרכבה מיט די הימלען און די מיסטיש־גיגאַנטישע חיות און רייטוועגענער, וואָס קענען פירן אין אויס־געַ׳חלומ׳טן לאַנד אַריין, וואָס איז אויף דער גרעניץ פון הימל און ערד אין שטח און אויף דער גרעניץ פון פּשוטן לעבן און פון משיח׳ס דערלעבן אין צייט..

אָבער דאָס לעבן איז קיינמאָל ניט אַזוי שיכור ווי דער חלום. ניכטערן איז דאָס לעבן. און כאָטש דער חלום איז אין בעלזען, אין די יאָרן נאָך דער באַפרייאונג, קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אין גאַנצן — איז אָבער דאָס לעבן געגאַנגען זיין גאַנג. די טויערן פון ארץ ישראל — דעם לאַגישסטן חלום־לאַנד פון די בעלזענער — זיינען געוואָרן פאַרהאַקט און די מייסטע ביים לעבן געבליבענע קרובים... אין אַמעריקע. און אַמעריקאַ איז אויך אַ חלום־לאַנד. חלום און וואָר גלייכצייטיק. איז אַ גרויסער טייל פון די בעלזענער אַוועק אַהין. און אַ געוויסער טייל קיין ארץ ישראל און שפּעטער מדינת ישראל. אַן ערך צוויי טויזנט זיינען היינט פאַרשריבן אין די רשימות פון די געוועזענע קאַ־צעטניקעס פון דער בריטישער זאָנע אין אַ ספּעציעלן שארית הפליטה־פאַרבאַנד אין מדינת ישראל.

דאָס איז די פאַרגעשיכטע פון זונטיק, דעם 24־טן אַפּריל 1955.

און זונטיק, דעם 24־טן אַפּריל 1955, זיינען דריי אויטאָבוסן מיט אַ פּאָר הונדערט אידן און אַ פּאָר צענדליק אויטאָס, מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק אידן, אַרויסגעפאָרן גאַנץ פרי פון צענטער פון תל אביב מיט דעם וועג קיין ירושלים, צום צענטער פון די בערג פון אַרום דער אייביקער שטאָט, ניט ווייט פון דעם קיבוץ שורש, וואָס האָט פריער געהייסן הגשמה — צו פלאַנצן אַ וואַלד פון טענענבוימער אויפן נאָמען פון בעלזען.

פלאַנצונגען אַזעלכע זיינען אין מדינת ישראל אַ מעשה שבכל יום. און ווייל מען — איז אויך די בעלזען־פלאַנצונג אַ רוטין־מעשה. אַן אימפּראָוויזירטע עסטראַדע אין מיטן דער באַרג־ווילדערניש, אַ טוץ פלאַטערנדיקע פענער, אַ פּאָר הונדערט שטולן, אַ פּאָר הונדערט צוהערער אויף זיי, אַ הילכער, אַן

אויפשריפט מיט דעם נייעם וואַלד־נאָמען, אַ חזן, אַ פּאָר רעדנער אין העברעיי־איש, ענגליש און אידיש, די סימבאָלישע פלאַנצונג פון אַ פּאָר צענדליק גרינע שפּראָצן, וואָס אַ טייל פון זיי וועלן זיך טאַקע אָננעמען און ווערן ביימער און אַנדערע וועלן פאַרדאַרן — און ווידער הויבן אַן רוישן די מאַשינעס און דער עולם צופאָרט זיך און די עסטראַדע צוטראָגט מען און באַרג־ווילדערניש ווערט ווידער ווילדערניש און שווייגן — ווי נעכטן, ווי פאַר טויזנט יאָר.

און וויל מען... און אפילו אַן דיין ווילן קומט עס איבער דיר אַליין... און דו דערזעסט אין אָט דער בעלזען־צערעמאָניע, צום צענטן יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג, די טיפסטע און גרעסטע סימבאָלן פון נצח ישראל...

שווייגן דען אויף אַן אמת אָט די בערג? איז דען ניט דער ווינט וואָס רוישט דאָ אייביק צווישן זיי, זייער סוד׳ען זיך אין זייער הימל אין באַרג־לשון? און אָט גיב איך אַ קוק אויף די צוועלף פענער, אויף הויכע מעטאַלענע שטאַנגען, און איך דערזע און דערהער זיי פּלוצלינג גאָר אַנדערש. זיי רוישן ניט בלויז סתם אַזוי מיט זייערע בלוי־ווייסע ווינטיקע ווערטער. זיי קינדיקן עפּעס, זיי רופן בשורות פון ווייטע אַמאָלן צו ווייטערע מאָרגנס, פון בערג און פון טאָלן צו די ווייטסטע מרחקים פון זיבעציק לענדער — צו איד און ניט־איד באַגלייך: אפילו בעלזען איז באַצוווּנגען געוואָרן. טיפער שטויסן, ווי קיין בעלזען, האָט די מענטשהייט דעם איד ניט געקענט, און טיפער פאַלן, ווי זי איז געפאַלן אין בעלזן, האָט זי אַליין ניט געקענט.

דער גרעסטער טייל פון די מענער און פרויען, וואָס זיינען דאָ פאַרזאַמלט, זיינען געוועזענע קאַצעטניקעס פון בעלזען. זייערע אויגן האָבן עס געזען. און איצט זעען זיי, ווי ס פלאַטערט אַ גרויסער יאָרצייט־פאַקל אין ווינט פון די בערג פון אַרום ירושלים און זיי זעען און הערן ווי ער צוטראָגט שטיקער פייער מיט אָפּגעריסענע ווערטער פון קדיש און פון אל מלא רחמים פון דעם חזן. אַלע שטייען און שווייגן. און פּלוצלינג דערזע איך — ווי אַ חזיון דערזע איך — ווי אַן אייביקן סימבאָל: אויף דער עסטראַדע שטייט הויך און ריזיק און מגושם איינער פון די חסידי אומות העולם, דער בריגאַדיר־גענעראַל פון דער בריטישער אַרמיי, דער היילער פון בעלזען, וואָס שוין זינט צען יאָר איז ער אומעטום דאָ, ווו מען דערמאָנט די ערשטע טעג פון דער גרויסער באַפריי־אונג פון דעם טויטן־לאַגער. זיינע אויגן האָבן געזען, זיין האַרץ האָט געפילט און ער קען ניט פאַרגעסן. ער וועט עס מיטנעמען אין זיין גוט האַרץ אין זיין קבר. כאָטש ער אַליין איז פון די צדיקי אומות העולם, איז אָבער דאָס גאַנצע שולד־שווייגן פון זיינע צוויי מיליאַרדן ברידער אין זיין שטומקייט אַצינד. און אַנטקעגן אים שטייט אַן אַנדערע מגושמ׳ע געשטאַלט. און איך זע בלויז איר רוקן. פון ערגעץ פון דער אַרבעט דאָ אַרום איז ער צוגעקומען. זיינע שיך און זיינע קליידער זיינען פאַר־ערדיקט און צוריסן, זיין גרויסער גוף טרייסלט זיך אין שטומען געוויין ביים קדיש און ביים אל מלא.

און איך טראַכט, מיט אַלע רמ״ח אברים און שס״ה גידים טראַכט איך איצט: אַ, זאָל זיך דאָס בילד פון די צוויי אַנטקעגנשטייענדיקע געשטאַלטן פון צוויי מענטשן — גוי און איד — אָפּשפּיגלען אינעם הימל פון די בערג פון ירושלים

— און זאָל זיך אויך אָפּשפּיגלען דאָרט דער שאָטן פון די צוויי ווערטער דאָ אונטן — יער בעלזען... און דער טיפער מיין פון אָט די צוויי ווערטער און די וואָרענונג, וואָס זיי טראָגן פון וועלט צו וועלט און פון יאָר־טויזנט צו יאָר־טויזנט.

ווי לאַנג איז עס דען, מיט דער אייביקייט געמאָסטן, ווען אויף אָט די בערג האָבן געטראָטן די פיס פון דעם נביא און זיינע ווערטער האָבן געלויכטן צו זיין פאָלק, און דורך זיין פאָלק צו דער וועלט. אָבער די וועלט האָט ניט געזען און ניט געהערט! אָ, קום און נאָך אַמאָל נביא! קום און פאַרוואַנדל אָט דעם שאָטן פון בעלזען, וואָס האָט זיך היינט באַוויזן אויף די בערג אַרום ירושלים — פאַרוואַנדל אים אין אַזאַ אויפלייכטונג און אין אַזאַ ליכט, אַז זיי זאָלן מוזן דערזען. אויב שוין אויך ניט נאָך בעלזען — איז ווען דען?

יער בעלזען

צום צענטן יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג פון בעלזען (15־טער אַפּריל 1945 —15־טער אַפּריל 1955) איז אַ וואַלד געפלאַנצט געוואָרן אויפן נאָמען פון בערגען־בעלזען אין די בערג פון יהודה, איבערן דאָרף להגשמה, 20 קילאָ־מעטער פון ירושלים.

דער דאָזיקער וואַלד — יער בלזן — וועט בלייבן, אַזוי ווי אונזער בוך, אַן אייביקע מצבה פאַר די קדושים — די וועלכע זיינען אומגעקומען און די וועלכע האָבן דערלעבט באַפרייאונג און פרייהייט.

די ערשטע ביימער אין יער בלזן זיינען געפלאַנצט געוואָרן זונטיק, דעם 24־טן אַפּריל 1955. ביי דער רירנדיקער צערעמאָניע זיינען געווען יוסף ראָזענ־זאַפט, דער געוועזענער פּאָרזיצער פון צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע פון דייטשלאַנד; בריגאַדיר־גענעראַל ה. ל. גלין יוז, דער געוועזענער הויפּט־אַרצט פון דער צווייטער בריטישער אַרמיי; בערל לאָקער, דער פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ירושלים; דר.



יוסף ראָזענזאַפט פלאַנצט דעם ערשטן בוים אין יער בעלזען.

דער טאָוול ביים איינגאַנג צו יער בעלזען אין די בערג פון ירושלים.

צבי העלפגאָט־עזריה; דר. נח באַרו ע"ה; א. ל. איסטערמאַן, דער פּאָליטישער דירעקטאָר פון אידישען וועלט־קאָנגרעס; דר. פּ. שנער; ש. אַדלער־רודעל; קאַרל כ"ץ פון ברעמען, דער געוועזענער פּאָרזיצער פון ראַט פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע; יוליוס דרייפוס פון דיסעלדאָרף, אַ געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע אידן אין דער בריטישער זאָנע; דר. הענריק וואַן דאַם פון צענטראַל־ראַט פון די אידן אין דייטשלאַנד; רות שערף און דזשעק פּאָזנאַנסקי פון לאָנדאָן; דער באַקאַנטער אידישער שריפטשטעלער מלך ראַוויטש, פאַרטרעטער פון דער ישראל רעגירונג, פון קרן קימת לישראל, פון דער אידישער בריגאַדע, פון דער ישראל סעקציע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, פון דער בריטישער און דער שוועדישער געזאַנד־שאַפט, ווי אויך מערצאָליקע בעלזענער בראש מיט דער עקזעקוטיווע פון זייער פאַרבאַנד.

די לייטונג פון בעלזען און פון דער בריטישער זאנע

צייטווייליקער קאָמיטעט, אַפּריל־סעפּטעמבער 1945

יוסף ראָזענזאַפט—פּאַרזיצער ;
בערל לאופער ;
יצחק אייזנבערג ;
דר. טיבאר הירש ;
דר. האַלינאַ גזשעזש ;
דר. א. קליין ;
דר. הדסה בימקאָ־ראָזענזאַפט ;
דר. צבי עזריה (העלפגאָט) ;
פּאול טרעפּמאַן ;
ר. אָלעווסקי.

ערשטער צענטראַל קאָמיטעט, סעפּטעמבער 1945—יולי 1947

יוסף ראָזענזאַפט (בעלזען)—פּאַרזיצער ;

נאָבערט וואָלהיים (ליבעק)—וויצע־פּאַרזיצער ;

בערל לאופער (בעלזען)—גענעראַל־סעקרעטאַר ;

דר. הדסה בימקאָ־ראָזענזאַפט (בעלזען)—לייטערין פון געזונטהייטס־אָפּטיילונג ;

קאַרל כ״ץ (ברעמען), שמואל ווײַנטראַוב (בעלזען)—לייטערס פון דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג ;

הרב דר. צבי עזריה (העלפגאָט) (בעלזען)—לייטער פון ראַבינאַט ;

דוד ראָזענטאַל (בעלזען), פּאול טרעפּמאַן (בעלזען) און רפאל אָלעווסקי (בעלזען)—רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג און לייטערס פון דער קולטור־אָפּטיילונג ;

זאַמי פעדער (בעלזען)—לייטער פון טעאַטער ;

מ. ב. גוטמאַן (בעלזען) ;

הרב י. מ. אָלעווסקי (צעלע) ;

ש. ראָזענדאָרן (נויטשטאַדט) ;

די בעלזענער מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט האָבן גלייכצייטיק אויסגעפירט די פונקציעס פון בעלזענער קאָמיטעט ביז דעם 26־טן מערץ 1947, ווען עס איז געווײַלט געוואָרן אַ לאָקאַלער קאָמיטעט. דער פּאַרזיץ פון צענטראַל קאָמיטעט און דער פּאַרזיץ פון בעלזענער קאָמיטעט זיינען געווען פּאַראייניקט אין איין פּערזאָן.

בעלזענער קאָמיטעט, 26־טן מערץ, 1947

אין מערץ 1947 איז געווײַלט געוואָרן אַ קאָמיטעט פאַר בעלזען. ער איז באַשטאַנען פון די פאַרטרעטער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און אַן אומפּאַרטייאישן פּאַרזיצער.

יוסף ראָזענזאַפט—אומפּאַרטייאישער פּאַרזיצער ;

י. ל. גערשט—אגודה (שפּעטער ל. איינהאָרן ;

שמואל ווײַנטראַוב—מזרחי (שפּעטער בערענהאָלץ) ;

מ. צ. טייכער—רעוויזיאָניסטן ;

חיים פאַשלושני—לינקע פּועל ציון ;

משה גאָלדמאַן—מפא״י ;

ד. פרידלער—אַלגעמיינע ציוניסטן ;

גרשון כ״ץ—השומר הצעיר (שפּעטער ש. בלאַך) ;

רעוויזיאָנס קאָמיסיע : ל. איינהאָרן, י. אורבאַך, י. טינסקי, מ. זאנענבליק, י. כ״ץ, י. קורנענץ, נח ראָזענפעלד.

צווייטער צענטראַל קאָמיטעט, יולי 1947

אין יולי 1947 האָט דער צווייטער קאָנגרעס אין באַד האַרצבורג געוויילט דעם פאָלגענדיקן צענטראַל־קאָמיטעט:

יוסף ראָזענזאַפט (בעלזען)—פאָרזיצער;

נאָרבערט וואָלהיים (ליבעק)—וויצע־פאָרזיצער;

בערל לאופער (בעלזען)—גענעראַל־סעקרעטאַר;

קאָרל כ״ץ (ברעמען)—פאָרזיצער פון ראַט (וועלכער האָט געהאַט 36 מיטגלידער, פאַרטרעטער פון אַלע קהילות און קאָמיטעטן פון דער בריטישער זאָנע);

דר. הדסה בימקאָ־ראָזענזאַפט (בעלזען)—וויצע־פאָרזיצערין פון ראַט;

הרב דר. צבי עזריה (העלפגאָט) (בעלזען)—לייטער פון ראַבינאַט;

דוד ראָזענטאַל (בעלזען), **פאול טרעפמאַן** (בעלזען), **רפאל אָלעווסקי** (בעלזען)—רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג און לייטערס פון דער קולטור־אָפטיילונג;

סאַמי פעדער (בעלזען)—לייטער פון טעאַטער;

הערי גאָלדשטיין (האַמבורג);

מאָריץ גאָלדשמידט (קעלן);

יוליוס דרייפוס (דיסעלדאָרף);

היינץ סאָלאָמאָן (קיל);

נאָרבערט פּראַגער (האַנאָווער);

יעקב באָרנשטיין (בעלזען);

לודוויג זייף (בעלזען);

אלי סמעטאנא (בעלזען);

א. לאנדנער (בעלזען);

ב. קאָסאָווסקי (בעלזען);

זיגפריד היימבערג (דאָרטמונד)—אָן שטים־רעכט;

הרב י. מ. אָלעווסקי (בעלזען)—מיט שטים־רעכט נאָר אין רעליגיעזע פראַגן.

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: **הערמאַן לוי** (האַמבורג); **שמואל בערגער** (ברעמען); **לודוויג זייף** (בעלזען), (שפּעטער **יוסף טענענבאום**) (בעלזען).

בעלזענער אינסטיטוציעס, ארגאניזאציעס און פאליטישע פאַרטייען

קינדערגאַרטן ;
פאַלקשול אויפן נאָמען פון דר. יעקב עדעלשטיין ;
גימנאַזיע אויפן נאָמען פון דער אידישער בריגאַדע ;
פאַכשול ;
פאַלקס־אוניווערסיטעט ;
ביבליאָטעק ;
אָוונט־קורסן פאַר שפּראַכן ;
ישיבה ;
בית יעקב שול פאַר מיידלאַך ;
לערער־סעמינאַר.

גלין יוז האָספּיטאַל ;
אַמבולאַנס־סטאַנציע ;
קליניק פאַר מוטער־און־קינד ;
קורסן פאַר קראַנקן־שוועסטער ;
צאָן־קליניק ;
צאָן־טעכנישע לאַבאָראַטאָריע.

ראַבינאַט ;
חברה קדישא.

יורידישע ביוראָ ;
געריכט ;
פּאָליציי.

ספּאָרט־קלוב „מכבי" ;
ספּאָרט־קלוב „הגיבור" ;
ספּאָרט־קלוב „התקוה" ;
ספּאָרט־קלוב „שטערן" ;
ספּאָרט־קלוב „הפועל" ;
בית"ר.

„קאַצעט"־טעאַטער ;
אידישע אַרבעטער־בינע.

אַלגעמיינע ציוניסטן ;
רעוויזיאָניסטן ;
השומר הצעיר ;
מפא"י ;
מזרחי ;
אגודה ;
לינקע פועלי ציון.

ביוראָ פון די ציוניסטישע פאָנדן.

וויצא.

אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער אַנטוויקלונג פון בעלזען, באַלד נאָך דער באַפרייאונג, איז געווען אין לאַגער אַ פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַרומגענומען אַלע פאַרטייען אין ציוניזם — די הסתדרות ציונית אחידה. עס האָט אויך עקזיסטירט אין בעלזען דער „נוחם" (נוער חלוצי מאוחד), אַן אומפּאַרטייאישע חלוציאַנישע באַוועגונג.

אידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס

וועלכע האָבן געאַרבעט אין בעלזען—אָדער פאַר בעלזען

דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט" (J.D.C.) פאַרטראַטן דורך י. טראוב, מ. אייגען, ד. וואַדלינגער, סעם דאַלאַב ;

דער אידישער הילף קאָמיטעט אין ענגלאַנד, פאַרטראַטן דורך ליידי (ראָוז) הענריקעס, ל. כהן פון מאַנטשעסטער, מ. א. פישער, בערטאַ וויינגרין און שרה עקשטיין ;

די אידישע אַגענץ, פאַרטראַטן דורך דר. קורט לעווין ;

היאַס, פאַרטראַטן דורך מ. קרייצער ;

אָרט, פאַרטראַטן דורך דר. דאַטש ;

דער אידישער וועלט קאָנגרעס, פאַרטראַטן דורך דר. ב. סעגאַלאָוויטש (ציריך), דר. ג. יאַקאָבי (ניו יאָרק), דר. ל. בראַסלאַף (לאָנדאָן).

פאַרטייטשונגען

די פּי — אַ קיצור פון ענגלישן דיספּלייסד פּערסן, היימלאָזער, אַ מענטשן וועלכער איז אויסגעריסן געוואָרן פון זיין היים.

פאָריין אָפיס — דאָס ענגלישע אויסערן־מיניסטעריום.

אונרראַ — אַ קיצור פון ענגלישן יונייטעד ניישנס רעליף ענד רעהאַביליטיישן אָרגאַניזיישן — די הילף־אָרגאַניזאַציע פאַר מלחמה קרבנות ביי די פאַראייניקטע פעלקער.

אונסקאָפּ — אַ קיצור פון ענגלישן יונייטעד ניישנס ספּעשל קאָמישן אָן פּאַלעסטיין — די ארץ ישראל קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

אַנגלאָ־אַמעריקאַן קאָמיטי אָף אינקווירי — דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט צו פאָרשן דאָס פּראָבלעם פון ארץ ישראל.

די אַרויסגעבער דריקן אויס זייער דאַנק צו

שמואל גולדשמידט און יוסף פרענקעל

פאַר זייער מיטאַרבעט און הילף ביים צוגרייטן

דעם דאָזיקן באַנד

די אַרטיקלען פון דעריק סינגטאָן, נח באַרו, א. ל. איסטערמאַן, בריגאַדיר גלין

יוז, וו. פּ. ר. קאַליס, ה. ג. וואַן דאַם, ווידא קאופּמאַן, און מ. לבלינער

זיינען איבערזעצט געוואָרן פון ענגליש,

דר. נחום גאָלדמאַנ׳ס אַרטיקל איז איבערזעצט געוואָרן פון העברייאיש,

און נאָרבערט וואָלהיימ׳ס אַרטיקל איז איבערזעצט געוואָרן פון דייטש —

דורך

שמואל גאָלדשמידט.

אינדעקס

א.

אַדלער־רודעל, ש., 198.
אוישוויץ, 30, 55, 80, 88, 145, 171, 193.
אונזער שטימע, 39, 164, 168.
אופּיעווער, 53, 152.
אַטלאַנטיק סיטי, 47.
אידישע אַגענץ, 37, 86, 102, 127, 160. (סוכנות).
אידישע בריגאַדע, 43, 45, 81, 159, 162, 198.
אידישער צענטראַל קאָמיטעט, 58, 60, 89, 90, 92, 162.
איסטערמאַן, א. ל., 43, 82, 198.
אנסקאפּ, 51.
אנררא, 59, 60, 124, 125.

ב.

באַד הארצבורג, 48, 50, 84, 187.
באַטשקאווסקא, סאָניא, 138.
באקהאוז, קאָלאָנעל פּ. מ., 141.
באַרו, נח, 13, 36, 81, 92, 198.
בוכענוואַלד, 88, 98, 193.
בימקאָ־ראָזענזאַפט, הדסה, 61, 119, 141, 145, 191.
בירדוואל, 112.
בירקענאו, 193.
בלאנקענעזע, 36, 102, 127, 160.
בן־גוריון, דוד, 44.
בן שמן, 104.
בעווין, ערנעסט, 35, 50, 66, 82, 95, 92.
בעלזענער קאָמיטעט, 62, 82 151.
בערנייר־פּיקלין, מאַיאָר־גענעראַל, ה. פּ. מ. 143.
בראָדי, הרב דר. ישראל, 33.
בראָדעצקי, פּראָפעסאָר זעליג, 43.
ברעמען, 52, 187.

ג.

גאָלד, מרים, 165.
גאָלדפינגער, רעזו. א., 33.
גאָניץ, לייטן־קאָלאָנעל מ. וו., 111.
גודהאַרט, פּראָפעסאָר א. ל., 146.
גובען, 72.
גונצמאַן, 166.
גוטמאַן, 170.
גלין יוז, בריגאַדיר־גענעראַל, ה. ל., 34, 77, 81, 100, 104, 105, 111, 146, 197.
גלין יוז האָספּיטאַל, 106, 156.
גלין יוז, מאַדאַם, 190.
גלינאָוויעצקי, היינריך, 144.
גראַבאָווסקי, מאיר, 43.
גרינבוים, רעזו. א., 165.
גריקא, עווא, 145.

ד.

דאלאָב, סעם, 133.
דורות, 104.
דייוויס, קאַפּיטאַן וו. א., 111.
דיפּהאָלץ, 33.
דע מאַנטיני, מארסעל, 144.
דע וואַלעראַ, אימאָן, 185.
דרייפוס, יוליוס, 198.
דרומית, 52, 91, 152.
דרוקער, 166.
דזשאָינט, 37, 52, 81, 86, 129, 160.

ה.

האַלפּערן, הרב, 187.
האַמבורג, 67, 187.
האַמערמאַש, העלען, 146.
האַנאָווער, 77, 126, 153.
האַרדמאַן, רעזו. א., 33.
הגנה, 51.
היינד, דזשאָן, 45.
הענדערסאָן, אַרטור, 92.
הענדערסאָן, לאָרד, 37, 92.
העריסאָן, ערל ג., 42, 135.
הערפאָרד, לייט.־קאָלאָנעל, מ. מ., 111.

ו.

וואגהאן, דר. דזשאָנעט, 113.
וואלדראן, מאַיאָר פּ. ר., 111.

חאלהענדלער, דזשאָ, 139.
חאָלהיים, נאָרבערט, 47, 51.
חאַן דאַם, העגריק, 198.
חאַן איינסבערגען, מאוריס, 144.
חאַן מעחלענאאר, מאוריס, 144.
חארבורג, עדוואַרד מ. מ., 37, 47.
חייז, סטיפען ס., 47.
חיינער, מאַדאַם, 166.
חייצמאַן, חיים, 47.
חיטענבערג, פּ., 166.
חילהעלמסהאַפען, 53.
חינזען, 69, 70.
חרובעל, פּראָפעסאָר העלענאַ, 164, 165.

ז.

זילבערשטיין, רחל, 145.
זעלמאַנאָוויטש, הרב, 187.

ט.

טיילאָר, קאָלאָנעל, 71, 73, 76, 77.
טערעזיענשטאָדט, 45, 98.
טרעבלינקא, 193.
טרעפּמאַן, פּ., 170.

י.

יאָנאַס, אַני, 146.
יונייטעד דזשואיש אַפּיל, 47, 126.

כ.

כ״ץ, קאַרל, 131, 198.

ל.

לאופער, דוב, 131.
לאַקער, בערל, 197.
לאוטערפּאַכט, פּראָפעסאָר ה., 146.
לובלינער, מ., 166.
לוי, רעוו. יצחק, 33, 43, 139.
ליבעק, 51, 59, 66, 67, 187.
לינגען, 33.
לונעבורג, 36, 90, 102, 142, 143, 147, 153, 167.
לע דרולענעק, האַראַלד אַסמונד, 144, 146.
לעוואָקאָוויטש, שרה, 165.

מ.

מאַנטרע, 45.
מאַסאַריק, יאַן, 45.
מאַק, מאַדאַם, 165.
מאַרקאָוויטש, מ., 166.
מאַקניל, העקטאָר, 37, 92.
מאַידאַנעק, 193.
מייזעל, הרב חיים, 187.
מייער, ק., 144.
מייקעלדזשאָן, דר. 34, 107, 112.
מנוחין, יהודי, 42.

נ.

נאָרדהאוזען, 76.
נינבורג, 116.

ס.

סאַלאָמאָן, קאָלאָנעל ראָבערט, 35, 128.
סילווער־דזשאָנס, 112.
סילווערמאַן, ס. ס., 43, 82.
סינגטאָן, קאַפּיטאַן דעריק, 29, 136.
סיווידאָוואַ, אַלעקסאַנדראַ, 145.
סמיט, פּראָפעסאָר, 144, 146.
סטערלינג, ל. ס., 143.

ע.

עדעלשטיין, דר. יעקב, 56, 159.
ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט, 50.
עזריה (העלפגאָט), הרב דר. צבי, 187, 189, 198.
עקזאָדוס, 52, 66, 132.

פּ.

פּאַן יאָרק, 121.
פּאָזשנאַנסקי, דזשעק, 198.

פ.

פייביאַן סאָסייטי, 67.
פאָקס, מאַיאָר, 111.
פראַנקפורט, 125.
פעדער, זאַמי, 170.
פראָמער, צעציליא, 146.
פרידמאַן, אידא, 144.
פרידלער, בערל, 170.
פרידמאַן, לעאָן, 165.

צ.

צוקערמאַן, בענעק, 144.
צימערמאַן, פּ., 166.
צימערמאַן, ר., 166.
צעלע, 33, 153.
צענטראַלער בריטישער פאָנד, 86, 160.

ק.

קאגאן, מ., 166.
קאַגאַנאָוויטש, משה, 165.
קאַפּלאַן, אליעזר, 47.
קאַפּלאַן, ישראל, 182.
„קאצעט״־טעאַטער, 140.
קאַן, שרה, 144.
קאָנאַטקעוויטש, מאריא, 144.
קאַץ־פרידלער, דאַלי, 138.
קלוגער, רות, 102.
קוק, קאַלאָנעל, 67.
קייזערוואַלד, 193.
קענזינגטאָן, בריגאַדיר־גענעראַל, 67.
קעלץ, 51.
קרן קימת, 51, 141, 156.
קרית ענבים, 104.

ר.

ראַבינס, אַדוואָקאַט, 53.
ראָבערטסאָן גענעראַל סיר ברייאַן, 37.
ראַוויטש, מלך, 198.
ראָזענסברוק, 88.
ראָזענזאַפט, יוסף, 61, 81, 86, 89, 92, 125, 128, 154, 171, 181.
ראָזענטאַל, דוד, 170.
ראָזענטאַל, ר., 166.
ראָזענוואַלד, דזשוליוס, 47.
ראָזענצווייג, האנקא, 145.
ראָרמאַן, לובא, 144.
רויטער קרייץ, בריט־ישער, 34, 111.
רויטער קרייץ, טשעכישער, 101.
רויטער קרייץ, האָלענדישער, 101.
רויטער קרייץ, שווייצאַרישער, 114.
רויטער קרייץ, שוועדישער, 34.

ש.

שאַליטאַן, לוי, 182.
שאמפּאַליאַן, 103.
שאפּראַן, דאָראַ, 146.
שומאַכער, קורט, 153.
שווארמשטאדט, 71, 76.
שוואַרץ, דר. יוסף, 37, 42.
שטאַרך, הלל, 168.
שטיין, אילאנא, 146.
שיינפעלד, מרים, 165.
שלוימאָוויטש, איגנאַץ, 144, 148.
שנער, דר. פּ., 198.
שערף, רות, 198.


LAGER BELSEN
1 : 2000
GROSSES FRAUENLAGER
KLEINES FRAUENLAGER
MÄNNERLAGER
S.S. SAMMELLAGER
WACHTURM
WACHTURM
NACH BERGEN
NACH WINSEN
HAUPTEINGANG
HAUPTWEG
WEG
WEG
WEG
KREMATORIUM
KARTOFFELSTÜCK
KÜCHENHAUS
KÜCHENHAUS
WASSER
KÜCHENHAUS
WASSER
GARAGE
SS.KANTINE
MIL.REG.
BEGRÄBNISGRUBEN
BEGRÄBNISGRUBE
LATRINE
LATRINE
LATRINE
WASSER
KRAFTWERK
WASCHHAUS
KÜCHENHÄUSER
ZELLEN
WERKSTATT
LAGER LEITUNG
SS.HOSP.
ENTLAUSUNG
KÜCHENHAUS
WASSER
LAT.
LATR.